STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04684

SHMUESN BIKSAV

Abraham Lis

*Permanent preservation of this book was made possible
by Gerald & Nancy Appel
in memory of
Mr. & Mrs. Israel Appel and Mr. & Mrs. Harry Miller*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַר דעם געראָטענעם, טאַלאַנטפֿול
עסעיִסט און ליטעראַטור-קריטיקער
חיים שפּילבערג
מיט װאַרעמער פֿרײַנדשאַפֿט
און בעסטע װוּנטשן.

אברהם ליס

ת״א. 3-טער אָקט. 1985

אַברהם ליס

שמועסן בכּתב

דערשינען מיט דער מיטהילף פון

בצלאל און סאָניע קאַסטנער־פאָנד
א״נ פון מלך ראַוויטש בײַם י.ל. פרץ־פאַרלאַג

קרן אדית וישראל פולק

קרן עמו״ס

אַדאָלף נוימאַן־פאָנד

אַברהם ליס

שמועסן בכּתב

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל

תל־אביב, תשמ"ה — 1985

טײלן פון די אָפּהאַנדלונגען װעגן מאַני לײב, יעקב פרידמאַן, שמחה אײַזין זענען געװען געדרוקט אין „הײם און דױער" און „אין דער מחיצה פון שאָפער".



די אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור

איך האַלט עס פאַר אַ גרויסן זכות, וואָס איך האָב העכער פיר צענדליק יאָר געקאָנט מיטגיין און מיטלעבן מיט דער ייִדישער וואָרטשאַפונג אין ארץ־ישׂראל און צו מאָל אויך אין דער ייִדישער וועלט. אמת, ס'איז מיר אָפט מאָל שווער געווען צו באַנעמען די הערשנדיקע פאַרפרעמדקייט צווישן העברעיִש און ייִדיש אין לאַנד, צווישן די שאַפערס און די שאַפונגען אין ביידע לשונות. מיר זענען אייגן־נאָענט געווען ביידע: ייִדיש און העברעיִש. מחמת ביידע האָבן דאָך די זעלבע באַגערן און בענקשאַפטן, זיי ווערן באַווירקט פון די זעלבע קוועלן אין אונדזער לעבן, פון די זעלבע גורמים און ווערן באַגלייט פון דעם זעלבן טרויער און חדווה. און ביידע לשונות, ביידע שאַפערישע שיכטן קומען דאָך אויף פון איין שורשדיקן ייִדישן פאָלקסבאָדן.

איז גוט אָפּצופּילן, אַז אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך די באַציִונגען געענדערט. בעיִקר, פון דעם צד, — כאָטש נאָך נישט אין דער פולער מאָס — פון וועלכן מען האָט עס באַגערט — פון דעם העברעיִש־שאַפערישן.

מיר האָבן אפשר נאָך אַלץ נישט אָפּגעשאַצט דעם נס פון ייִדישן וואָרט און די באַזונדערקייט און אייגנטימלעכקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. געוויס ווייסן מיר די אייגנאַרט, וואָס עס טראָגט אין זיך די ייִדישע וואָרטשאַפונג, אָט די אייגנאַרט וואָס טיילט אויס די ייִדישע ליטעראַטור פון די ליטעראַטורן בײַ די אומות־העולם. זי טיילט זיך אויס מיט איר אײפער און געטרײַשאַפט, מיט איר פֿאָלקישקייט און מיט איר אויפדעקן און אַנטפּלעקן שטחים און שליאַכן פון מענטשלעכן זײַן און שטייגער־לעבן.

שוין פון דעם אַליין איז די ייִדישע ליטעראַטור אַנדערש און אייגנטימלעך, וואָס זי איז געשאַפן געוואָרן און ווערט געשאַפן אויף פאַרשידענע קאָנטינענטן, אין פאַרשידענע וועלט־טיילן. הגם זי איז אפשר נישט אַזוי לאָקאַל, נישט אַזוי אײַנגעזעסן און פאַרוואָרצלט ווי די ליטעראַטור אין די לענדער אין וועלכע זי שאַפט, דאָך קומט אויף אין איר — מיט אַ באַזונדערן חיותדיקן פיבער, דער קאָלאָריט און פייזאַזש, די סביבה און דער טיפּאַזש פון דער וואָר און פון ממשותדיקן באָדן.

די געדיייקע שאַפונג אין פאַרשידענע לענדער און אויף פאַרשידענע געאָגראַפישע שטחים האָט צוגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור דעם גרויסן זין און טעם, האָט אויסגעברייטערט איר היקף און פאַרנעם, און האָט זי אָנגעלאָדן מיט פאַרשידנאַרטיקע מאָטיוון, טענער און קלימאַטן. — — דאָרט ווו ס'איז נאָר געווען יידיש־לעבן, ווו עס זענען געווען יידן, איז געווען אויך יידיש, איז אויך אויפגעקומען יידישע וואָרטשאַפונג.

יידישע דיכטערס און דערציילערס פון אַרגענטינע האָבן אַריינגעבראַכט די פאַרב און דעם ריטעם פון דרום־אַמעריקע: די ברייטע פליינען, די די אומענדלעכע „פּאַמפּאַס", די שילדערונגען פון קאָלאָניסטישן לעבן אין די אַמאָליקע יידישע דערפער אין אַרגענטינע, מיט דעם גערנגל בייצוקומען די נייע, שווערע וואָר. ס'איז אַ פאַרביק קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווייט פון דאָרט האָט די דרום־אַפריקאַנער לאַנדשאַפט, מיט איר וווּנדער־לעכער אַנדערשקייט, אי געגערט, אי געפּלעפט, אי געשראָקן די ערשטע אימיגראַנטן, געקומענע פון ליטווישע שטעט און שטעטלעך. די זון האָט דאָ געלאַשטשעט און אויך געברענט, און נאָך מער האָט דאָ געבריט און פאַר־ווונדערט דער דורותדיקער שוואַרצער באַווינער, מיט זיין אַנדערשדיקן שטייגער און מיט זיין פאַרטייעטן אַרום, וואָס איז געווען אַזוי איינפאַך און אָפן און דאָך אַזוי סודותדיק, פרעמד. אָבער אַ קענטיקע צאָל יידישע דיכטערס און דערציילערס האָט דערפילט דאָס איגנטימלעך־שטייגערישע פון פּייזאַזש און פון דער לאָקנדיקער אַפריקאַנער סביבה און זיי האָבן עס אַרויסגעבראַכט מיט עכטקייט און מיט נאַטירלעכן פּאָעטישן פלאַטער. צווישן די אייניקע, וואָס זענען געווען פון די ערשטע אימיגראַנטן אין דעם לאַנד פון גאָלד, אין דעם לאַנד פון שוואַרץ און ווייס.

איבער דעם ווייטן מיזרח דערפאַרט מען צו אויסטראַליע, וואָס פאַרמאָגט אַ לעבעדיקן יידישן יישוב, און יידן זענען דאָרט געווען פון די ערשטע ווייסע באַווינערס. פאַראַן אַ סברה אַז יידן זענען געווען צווישן די פאַרשיקטע „באַשטראָפטע" פון ענגלאַנד. על־כל־פנים זענען יידן געווען צווישן די פּיאָנערן און בויערס פון אויסטראַליע. אַ צאָל טאַלאַנטירטע דערציילערס האָבן געלעבט און געשאַפן אין ווייטן אויסטראַליע, זיי האָבן פאַר אונדז אויפגעמאַכט די וועלט פון יענעם קאָנטינענט, די ווייט־פרעמדלעכע סביבה, אַט דעם רייכן,

רייצנדיקן קאָנטינענט מיט זײַנע אורבאָוווינערס, די „אַבאָרידזשיניס" און געשילדערט אין זייערע ראָמאַנען און דערציילונגען נישט נאָר די ייִדישע אימיגראַנטישע וואָר, נאָר אויך די אָרטיקע, אייגנדיקע לאַנדשאַפט און דעם אויסטראַליער אין זײַן שטייגערישן לעבנס־נוסח.

אָט אַזוי האָט זיך געפּורעמט און געקייטלט אַ פאַרנעמיקע ייִדישע שאַפונג, אַזוי אין מעקסיקע און אורוגוויַ, אין בראַזיל און קאָלאָמביע און אַפילו אין ווײַטסטן וועלט־טייל, אין טשילע — און וווּ נישט? דאָרט ווו עס האָבן זיך באַזעצט ייִדן, דאָרט איז אויך אויפגעקומען ייִדישע פּרעסע, ייִדישע ליטעראַטור.

שוין אָפּגערעדט וואָס עס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט און וואָס פאַר אַ ראָלע אין אונדזער גײַסטיק לעבן עס האָבן געשפּילט די גרויסע, די אויסגערופענע ייִדישע צענטערס: אין פּוילן, אין רוסלאַנד, אין ליטע, אין פראַנקרײַך און רומעניע, און דער גרויסער שאַפערישער צענטער אין אַמעריקע — אַמעריקע, פּוילן, ראַטן־פאַרבאַנד — דאָס זענען דאָך מעכטיקע פּרקים פון דער ווונדערלעך איינציקאַרטיקער קולטור און ליטעראַטור־געשיכטע.

ניין, מיר קאָנען נאָך ביז הײַנט נישט אָפּשאַצן, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אין מיזרח־אייראָפּע, אין די ייִדישע יישובים פון אייראָפּע בכלל. צי זענען מיר דען מסוגל צו באַנעמען הײַנט, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די ייִדישע קולטור, די ייִדישע ליטעראַטור אין אָט די אַמאָליקע וווינלענדער?

אָבער באַטאָנענען מעגן מיר נאָך אַלץ, צו מאָל מיט טיפער סאַטיספאַקציע, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור־צעשפּרייטקייט, די פאַרשידנאַרטיקייט פון איר טעמאַטיק און מאָטיוו האָט נישט נאָר באַהויכט און באַווירקט מיט אויסערלעכן קאָלאָריט, נאָר האָט מהותדיק אויסגעברייטערט די ראַמען פון אונדזער ליטעראַטור־שאַפונג און פאַרטיפט איר אינהאַלט און כאַראַקטער. און אַזוי דורכן גאַנצן וועג, צוזאַמען מיט די סאָציאַלע אַקצענטן, מיט די נאַציאָנאַלע מאָטיוון און טיפער פאָלקסטימלעכער מיליע, הייבט זיך אַרויס באַזונדערס דער הומאַניסטישער, אוניווערסאַלער עלעמענט, וואָס האָט אויפגעשטעלט די ייִדישע ליטעראַטור אויף דער מדרגה פון איינער פון די צענטראַלע

נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. אָנהייבנדיק פון מענדעלען, פּרצן, שלום־עליכמען (און אפשר נאָך פון פריִער: פון אייזיק מאיר דיק און גאָטלאָבער), אַזוי שפּעטער, דורך בערגעלסאָן, ווײַסנבערג, שלום אַש און דער נסתּר, און דורך דער גאַלעריע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס ווי משה לייב האַלפּערין, ה. לייוויק, מנחם, מאַני לייב, אָפּאַטאָשו, שניאור, בערקאָוויטש, פּינסקי, דוד האָפּשטיין, איציק מאַנגער, אפרים אויערבאַך — ציט זיך די רעגנבויגנדיקע פּלעיאַדע שאַפערס אין אַמעריקע, אין ראַטן־פאַרבאַנד און פּוילן, וואָס האָט אויפגעזונגען דעם חיותדיק־מעלאָדישן ניגון פון אַליִדישקייט און אַלמענטש־לעכקייט. דערבײַ איז נייטיק צו דערמאָנען, אַז קיין שום ליטעראַטור, בפירוש קיין שום ליטעראַטור האָט נישט דורכגעמאַכט אַזאַ ראַשיקע, אַזאַ דינאַמישע אַנטוויקלונג ווי די יִדישע. אין געציילטע יאָרצענדליקער איז זי געוואָרן — אַ ליטעראַטור אַן אָנגעזאַפּטע, אַן אָנגעלאָדענע מיט אידעען, אַ קינסטלע־ריש־געפורעמטע, אַ לויטערע אין אויסדרוק און נוסח.

די יִדישע וואָרטשאַפונג איז איינע פון די דערהויבנסטע דערגרייכונגען, איינע פון די וווּנדערלעכסטע יצירות פון יִדישן פאָלק אין זײַן גאַנג פאַר די לעצטע דורות. אַפילו איצט, ווען די יִדישע שאַפונג, וואָס איז אַלע מאָל געווען דער געטרײַער באַגלייטער און דער אויסדריקער פון די פאָלקישע שטרעבונגען, פון זײַנע אידעאַלן און באַגערן — איז אַזוי טראַגיש געטראָפן געוואָרן, איז די וואָרטשאַפונג געבליבן און היט אויף איר שליחות. געוויס, ס׳איז אַ ליטעראַטור נישט פאַר ברייטע מאַסן, ווי אַ מאָל, נישטאָ היינט דער טײַערער יִדישער מאַסן־לייענער, ס׳איז אַ ליטעראַטור פאַר אַ קלײנעם שיכט. אָבער, ווי מערקווערדיק און אויסטערליש דאָס זאָל נישט זײַן, דווקא אין די לעצטע יאָרן פילן מיר אָפּ אַ פאַרטיפטן טאָן אין דער פּאָעזיע און מיר פילן דעם גלי און פיבער פון צײַט. מיר פילן אָפּ ווי דיכטערס און דערציילערס זענען דורכגעדרונגען מיט דער שליחות, וואָס ליגט אויף זיי: ממשיך צו זײַן, דערציילן און שילדערן פאַר אונדזער דור און פאַר די קומענדיקע דורות די טראַגיק און הערויִק פון יִדישן פאָלק.

אַ מאָל, און דער אַמאָל איז גאָרנישט אַזוי ווײַט, בסך־הכּל מיט אַ זעקס צענדליק יאָר צוריק, איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ פּלוגתּא: ווו איז דער צענטער? ס׳איז געווען וואַרשע און ווילנע, און ס׳איז געווען ניו־יאָרק (און אין ראַטן־

פאַרבאַנד: מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק און קיעוו) און יעדער האָט זיך מיט רעכט באַטראַכט ווי אַ צענטער. ווו איז היינט דער צענטער?

היינט זענען מיר איינגעשרומפּן, קלענער געוואָרן און מיר זאָגן עס מיט אַ טרער אין האַרץ. אָבער מיר לעבן און שאַפן אויך אין יידיש און עס ווירקט זיך דאָ אויס נישט דאָס כּמות נאָר דאָס איכות. די קוואַליטעט האָט די באַשטימונג, און דער צענטער איז היינט נישט קיין געאָגראַפישער נאָר אַן אַליידישער, אַ מהותדיקער. איינער פון די מהותדיקסטע צענטערס פון יידישן שאַפן איז ביי אונדז, אין מדינת־ישראל.

*

די יידישע ארץ־ישראל־שאַפונג, דער ארץ־ישראל־מאָטיוו איז נישט אויפגעקומען מיטן אַנטשטייק פון דער מדינה, ווען אַ גרעסערע צאָל שרייבערס — און צווישן זיי אויסגערופענע שרייבערס — זענען עולה געווען. די יידישע שאַפונג האָט דאָ טיפערע וואָרצלען אין ווייטלעכערן נעכטן, כאָטש מען האָט די יידישע שאַפערס ווייט נישט געפילעוועט און נישט געגלעט, פאַרקערט, מען האָט זיי גאָר אָפט געגעבן פעפער צו שמעקן... האָט אָבער די יידישע שאַפונג דאָ עקשנותדיק געדייעט... און מיר האָבן זיך דערוואָרט, אַז דאָס יידישע וואָרט און די יידישע שאַפונג אין ישראל איז היינט נישט מער קיין זייטיקער שליאַך, נאָר אַ צענטער צו וועלכן מען קוקט אַרויף מיט האָפענונג און פון וועלכן מען דערוואַרט אַז דאָ וועלן נאָך אויפקומען ווערטיקע אויפטוען פאַר אונדזער ליטעראַטור און פאַר אונדזער קולטור־דויער.

און ווי ישראל איז היינט דער אַקס פון אונדזער לעבן אומעטום, דער צענטער פון נאַציאָנאַלער וויטאַליטעט וואָס נערט די יידישע תפוצות, אַזוי דאַרף אויך ישראל ווערן דער הויפּטפּונקט און דער הויכפּונקט פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור, דער צענטער פאַרן יידישן ליד און יידישן וואָרט. מיר וועלן מיט דעם באַרייכערן אונדזער קולטור.

ס׳איז, דאַכט זיך, אויסער יעדן ספק, אַז דער יידישער שרייבער, נישט נאָר דער וואָס האָט פאַרבונדן זיין לעבן און שאַפן מיט ישראל, נאָר אויך יידישע שרייבערס איבער גאָר דער וועלט, זענען שפּעטער מושפּע געוואָרן פון דעם פאָלקיש־אויסגעבענקטן און וואָריקן „ושבו בנים לגבולם".

דאָס געזאַנג פון און צו ישׂראל טראָגט אין זיך הײַנט די ייִדישע פּאָעזיע מיט קערנדיקער רײַפקייט און לויטערקייט, ווי עס טראָגט אין זיך דאָס געמיט פון אונדזער ווערטיקן נעכטן, ווי עס אָטעמט מיט דעם גאַנג און גורל פון פאָלק און צײַט.

לאָמיר עס אויפהאַלטן, אויפהיטן און פלעגן. ווער ווייסט? אפשר וואַרטן אויך אויף דעם די קומענדיקע דורות — אויף דעם נצח־ייִדיש, אויף דעם נצח פון ייִדישער ליטעראַטור.

אַברהם גאָלדפאַדען

(צו דער 75סטער יאָרצײַט)

קינד און קייט ווייסן עס, אַז ער איז געווען דער פאָטער פון יידישן טעאַטער. אָבער אַ סך פון די וואָס זינגען — ביז הײַנט זינגט מען דאָך „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און „איר יידן בני־רחמנים", „שבת, יום־טוב און ראָש־חודש" און „אַ פּאָסטעכל איז געווען אַ מאָל" — ווייסן קוים אַז דאָס זענען די האַרציקע, מעלאָדישע לידער פון אַברהם גאָלדפאַדען, ווי ער האָט זיי אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַנע פאַרביקע, פאָלקסטימלעכע פאָרשטעלונגען — „שולמית", „בר־כוכבא", „די כישופמאַכערין".

אויף זײַן מצבה אויפן בית־הקברות אין ניו־יאָרק איז אויסגעקריצט:

„אַברהם גאָלדפאַדען, דער פאָטער פון דער אידישען בינע. נולד יא׳ תמוז ת״ר, נפטר ו׳ שבט תרס״ה". ס׳הייסט: געבוירן יולי 1840, געשטאָרבן אין יאַנואַר 1908. ווײַטער גייט אַזוי: „צצים ופרחים", „דוד במלחמה", „דאָס יודעלע", „ישראליק", „שולמית", „בר־כוכבא", „בן־עמי" און „פילע אַנדערע ווערקע"... די אַנדערע „ווערקע" טראָגן די טיטלען, וואָס קלינגען הײַנט אַזוי משונהדיק־נאַיִוו, ווי אַ שטייגער: „די מומע סאָסיע", „די באָבע מיטן איניקל אָדער באַנציע די קנייטלעכלייגערין", „די אינטריגע אָדער דוואָסע די פּליאָטקעמאַכערין", „די קאַפּריזנע כלה, אָדער קבצנזאָן און הונגערמאַן", „די צוויי פאַרדולטע", „די דרײַ טויבע", „די שטומע כלה" און פאַרשטייט זיך, „ברײַנדעלע קאָזאַק".

דאָס זענען געווען איינאַקטערס און אויך דרײַאַקטיקע, פולע פאָרשטעלונגען. הײַנט זעט עס אויס ווי פון אַן אַנדער וועלט. ס׳איז געווען דער בראשית. גאָלדפאַדען האָט ניט נאָר געדאַרפט שאַפן די פאָרשטעלונג, שרײַבן די פּיעסע, צונויפשטעלן די לידער, קאָמפּאָנירן די מוזיק, אײַנשטעלן די ראָלעס, מאָנטירן די בינע און די דעקאָראַציעס. ער האָט באַדאַרפט אי זאָגן־דירן דעם באָדן, אי שלעפן די שטיינער, קנעטן דעם ליים, דעם יסוד פון טעאַטער. — און די פאָרשטעלונגען זענען געווען שוין פאַר יענער פּיאָנערישער צײַט פאַרנעמיקע טעאַטער־ספּעקטאַקלען.

אָבער באַגלײַך מיט דעם האָט ער דאָך אויך באַדאַרפט שאַפן דאָס פּובליקום, אין יענער אָנהייבערישער תּקופה, אין דער ייִדיש־רומענישער וואָר, אָפּגעפינען דעם עולם וואָס זאָל קומען זען, און צו מאָל הנאה האָבן פון זײַנע אויפטוען. געווינען און געווינען אים צו דעם וואָס הייסט טעאַטער.

טאָ ווי אַנדערש האָט ער געקענט רעדן צו זיי? ווי דען אַנדערש האָט ער געקענט אָנרופן זײַנע שאַפונגען, אויב ניט מיט דער שפּראַך און מיט די עפּיטעטן, וואָס איז זיי באַקאַנט, און געכּפּלט אויף אַ ביסל נײַגער און וואָרטשפּיל.

ס'איז גרײַלעך געראָטן. דער קערנדיקער ייִדישער עולם אויף דעם זאַנפטיקן באָדן פון רומעניע האָט באַגערט צו זען די אַקטיאָרישע שפּילן. ער איז שוין געווינט געוועזן צו הערן די זינגערס און זען די פּאַרשטעלטע, ווי זיי פלעגן אויפטרעטן פאַר אים אין די ווינקעלערס און האַרביקעס. גאָלדפאַדען האָט זיי אויפגעהויבן עטלעכע שטאַפּלען העכער. געבראַכט פאַר זיי צום ערשטן מאָל גאַנצע שפּילן, וואָס האָבן פאַרלאָקט מיט דעם לויפיקן אינהאַלט, מיט מעשׂיות און לעגענדעס פון ווײַטן עבר, פון חומש און תּנ"ך. עפּעס פון דעם האָבן זיי דאָך פאַרגעדענקט פון די חדר־יאָרן...

אַוודאי איז דער אָנהייב געווען ניט־ווייניק דאַרנדיק, געווען אויפן וועג אומקריט און שטעכלקעס, וואָס האָבן פוגע געווען, מ'האָט עס געדאַרפט אַריסיעטן. — — אָבער ס'איז געווען אַן אייגנציקאַרטיקער עולם, וואָס האָט ווי ס'חיות ליב געהאַט אי אַ גלעזל ווײַן, אי אַ שיין ליד, און אין וועמען ס'האָבן משמעות געהויערט אויך די צופנדיקע מעלאָדיעס פון די אומעטיקע, שטימונגספולע רומענישע „דאָינעס".

די ייִדישע רומעניע איז געווען די דאַנקבאַרע רויערד פאַרן אויפקום פון ייִדישן טעאַטער. אַזוי איז „פּאַמול ווערדע", דער גאָרטן אין יאַס, וווּ אַברהם גאָלדפאַדען האָט געמאַכט זײַנע ערשטע אויפטריטן, געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער ייִדישער בינע, פון ייִדישן טעאַטער.

גאָלדפאַדען איז געבענטשט געווען מיט אַ סך טאַלאַנטן, וואָס האָבן שלמותדיק אי זיך געקריגט, אי זיך דערגאַנצט. דערצו איז ער געווען אַ מענטש, אין וועמען ס'האָט געהויזט בילדונג סײַ ייִדישע, סײַ וועלטלעכע און אַ פיבערדיקע אָנגעשאַרפטע אינטויציע פון אַן אייגנציקאַרטיקן מײַסטער.

אויך ער, גאָלדפֿאַדען, איז דורכגעגאַנגען דעם טיגל פֿון ווערן. אָנהייבנדיק פֿון זײַנע תּמימותדיקע לידער און איינאַקטערס, איז ער גאָר גיך — טאַקע מיט קפֿיצת־הדרך — געוואָרן די גרויסע געשטאַלט מיט דעם פֿאַרדינטן נאָמען — דער גרינדער, דער פֿאָטער פֿון יידישן טעאַטער.

גאָלדפֿאַדען האָט אָנגעשריבן נאָענט צו זעקס צענדליק פּיעסעס, פֿאַר־עפֿנטלעכט לידער און אַרטיקלען אין אַ רײַ צײַטונגען און זשורנאַלן. אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט שרײַבן אויטאָביאָ־גראַפֿישע קאַפּיטלעך — שילדערונגען פֿון זײַנע אָנהייבן בײַם שאַפֿן טעאַטער, פֿון זײַנע געראַנגלען, אַנטוישונגען און דערגרייכונגען.

גאָר פֿאַרשידן זענען די מיינונגען און אָפּשאַצונגען פֿון ליטעראַטור־קריטיקערס און טעאַטער־קענערס וואָס שייך דעם ליטעראַרישן און אַוודאי קינסטלערישן ווערט פֿון זײַנע שאַפֿונגען. גאָלדפֿאַדען אַליין האָט ניט איין מאָל זיך באַדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן, דערקלערן און אויפֿקלערן —— אָט, אַ שטייגער, ווי ער טוט עס אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען (פֿאַרעפֿנטלעכט אין „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער", באַנד 1, ניו־יאָרק 1931):

„איך שעם זיך אַליין יעצט פֿאַר וואָס איך האָב געשריבן ,שמענדריק'. פֿאַר דעם וואָרען קריטיקער פֿון יידישן טעאַטער וועט ,שמענדריק' זײַן אַ שטיק גאָלד. ער וועט זאָגן: איר וועט פֿרעגן ווי קומט עס, אַז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון ,שולמית' און ,בר־כּוכבא' — זאָל שרײַבן אַזאַ ,שמענדריק' — וועל איך אײַך ענטפֿערן, אַז ,שמענדריק' האָט דערפֿאַר זײַן ווערט, ווײַל ער ווײַזט אונדז וואָס און ווי מען האָט באַדאַרפֿט שרײַבן ווערנד די יידישע בינע איז נאָך געלעגן אין די ווינדעלעך, זי איז אַלט געווען אַ פֿערטל יאָר... און ענדלעך: ,שמענדריק' איז געווען דאָס בריקל, וואָס האָט איבערגעפֿירט דאָס יידישע טעאַטער ביז אין דער שטופּע ווי עס שטייט יעצט — דען ווען איך פֿאַנג אָן פֿון ,אוריאל אַקאָסטאַ', וואָלט גראָד קיין יידישער טעאַטער זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען און אַנטשטיין... ווען בעדער־יונגלעך... וואָלטן באַדאַרפֿט אויסריידן דע סילוואָס פֿילאָסאָפֿישע רייד און די רויע שנײַדערלעך און שוסטערלעך וואָלטן באַדאַרפֿט אויפֿשטעלן זייערע אויערן צו הערן, וואָס זיי קאָנען נישט פֿאַרשטיין ——"

אַ גרויסע ליטעראַטור איז געשאַפֿן געוואָרן אַרום אָט דער געשטאַלט,

וואָס האָט מיט אַזאַ שטייגערישער קראַפט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג, אויס־געיעטעט דעם גרונט און אויפגעבויט, צו ערשט אַ באַשיידענעם, הילצערנעם פּירהויז, וואָס האָט שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע שאַפערישע געביידע — יידיש טעאַטער.

מיט 60 יאָר צוריק, פופצן יאָר נאָך גאָלדפאַדענס פּטירה, האָט ד״ר מאַקס ווײַנרײַך אין זײַן בוך „שטאַפּלען״ געשריבן: „מיר האָבן נאָך ניט קיין ליטעראַטור־געשיכטע, וואָס אַנטפּלעקט דעם אינעווייניקסטן צונויפבונד פון די ליטעראַרישע דערשײַנונגען און דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ליטעראַטור״. און שמואל ראָזשאַנסקי אין זײַן אַרײַנפיר צו דעם באַנד „אויס־געקליבענע שריפטן״ („מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור״, 1972) גיט צו: „דערפאַר זעט מען נישט די גאַנצע פערזענלעכקייט גאָלדפאַדען, נײַערט בלויז מאָמענטן, איינציקע ליניעס, פינטעלעך״.

פאַר אָט דער צײַט זענען די ליניעס און איינציקע פינטעלעך זיך צונויפגעקומען, זיך צונויפגעגאָסן אין אַ בונטער מאָזאַיִק פון וועלכער עס שיילט זיך אויס די אייגנאַרטיקע, שאַפערישע פערזענלעכקייט אַברהם גאָלדפאַדען.

אין דעם אַרײַנפיר ווערט ריכטיק באַמערקט: „עס איז געווען בלויז אויפ־צומישן דעם ערשטן זאַץ מיט וועלכן גאָלדענפאַדים איז אַרײַן אין דער יידישער דיכטונג, כּדי צו זען — אַז ער איז געווען אַ פּרעכטיקער פאַרויס־גייער אין אַלע פּרטים, הן ליטעראַריש, הן נאַציאָנאַל״.

אין דער פּאָעמע, מיט וועלכער גאָלדפאַדען האָט געעפנט זײַן ערשט בוך אין 1865, ווען משׂכּילים האָבן נאָך פאַרביסן געקעמפט קעגן יעדער פאָרעם פון ראָמאַנטישער יידישקייט, האָט ער מיט שייך־קלינגענדיקע פערזן התּ־להבותדיק אויסגערופן אין „דאָס פּינטעלע ייד״:

איך האָב דיך ליב מײַן פאָלק, דו, טײַערע אומה,
דו שטאַרקע, דו שיינע, דו פײַנע, דו פרומע —
איך האָב ליב דײַן אמונה, דײַן הייליקע תּורה,
נאָך אין וויגל האָב איך געהערט — דאָס איז די בעסטע סחורה!
איך האָב ליב דײַן נאָמען, ווי מ׳גיט אים אַ דריי;

צי ישׂראל, צי איזראַעל, צי עברי, צי יעווריי,
צי יעקב, צי יאַקאָב, צי יודע, צי ייִד,
איך האָב דיך ליב אַפילו בײַם נאָמען זשיד.

מיט אָט די שורות האָט ער זיך באַוויזן בײַם סאַמע אָנהייב פון זײַן מהותדיקן, אינערלעך־אידעיִשן גאַנג מיט קרוב 120 יאָר צוריק, און אָט דער אַהבת־ישׂראלדיקער מאָטיוו איז נאָך גוט אויך פאַר אונדזער צײַט. פאַר אונדזער הײַנטיקן ייִדישן זײַן — אין דעם בייזן צעפּאַטלטן אַרום.

1983

שלום־עליכמס חיבת־ציון־שריפטן *

דאָס איז דער דריטער באַנד פון שלום־עליכמס אײַנגעזאַמלטע שריפטן, וואָס דער בית־שלום־עליכם גיט אַרויס. אויך דאָס בוך, ווי די פֿריערדיקע צוויי — „מנחם־מענדל דער צווייטער" און „פֿעליעטאָנען" (ת"א 1976) — דערשײַנט אין די ראַמען פון דער פּראָגראַם אַרויסצוגעבן די שלום־עליכם־ווערק, וואָס זענען ביז איצט נישט אַרויס אין בוכפאָרעם.

ווי אין די פֿריערדיקע אויסגאַבעס, איז אויך לגבי דעם בוך געלייגט געוואָרן דער הויפּט־טראָפּ אויף דער טעמאַטישער אײַנהייטלעכקייט און אינהאַלטלעכן מאָטיוו. צוזאַמען גיבן זיי אונדז אַ היקפּדיק בילד פון שלום־עליכמס אַ שאַפונגצווײַג, וואָס נאָר ווייניקע האָבן פון אים געוווּסט. ווער עס טאַקע פאַר אַ סך ייִדישע לייענערס זײַן אַ נײַעס, אויף וויפל שלום־עליכם האָט זיך געווידמעט די פּראָבלעמען פון חיבת־ציון, ציוניזם און ארץ־ישׂראל — און דאָס כּמעט במשך אַלע זײַנע שעפערישע יאָרן. אוודאי זענען געווען זיגזאַגן אין זײַן אידעיִשער אויפפאַסונג, געווען אינערלעכע ווידעראַנאַנדן אין זײַן באַציִאונגען באַנעם, געווען גרײַלעך סתירות אין זײַן אייגנדיקן שרײַבערישן גאַנג שייך דער טעמע. אָבער איבער אַלץ קענטיקט זיך אויס זײַן טיפע פאַרבונדנקייט מיט דער חיבת־ציון־שטרעבונג, זײַן געפיל פאַר דעם עכטן, באַגײַסטן ציון־מאָטיוו און עס הויכט אין אים די אַלטפאָלקישע בענקשאַפט צו ארץ־ישׂראל.

דער באַנד אַנטהאַלט כּמעט אַלץ וואָס שלום־עליכם האָט געשאַפן אויף אָט דער טעמע — אויך שאַפונגען ווו דער ציון־געדאַנק וויברירט צו מאָל בלויז אין די מאָנאָלאָגן פון זײַנע פּערסאָנאַזשן, אָבער אויך אין זיי קומט אויף אָן איינגעטימלעכער קלימאַט. עס איז דער חובבי־ציון־קלימאַט פון יענער צײַט, מיט דעם שיינעם חלום וועגן ארץ־ישׂראל און מיט די באַשטענדיקע וויכּוחים און הימישע צאַנקערײַען צווישן ציונים מיט ייִדן וואָס גלייבן אַז די גאולה דאַרף קומען פון ערגעץ אַנדערש, און אַלע ווילן פאַרזאָרגן די וועלט און באַווירקן די ייִדישע מערכה און קערעווען דעם ייִדישן גורל...

* פונעם אַרײַנפיר צו דעם באַנד „אויף וואָס באַדאַרפן ייִדן אַ לאַנד".

לייענדיק אַט די אַרבעטן שלום־עליכמס, וואָס טייל פֿון זיי זענען געשריבן מיט העכער אַכציק יאָר צוריק, ווערסטו ממש פֿאַרבליפֿט פֿון זייַן טיפֿן מערקווערדיקן אַפּפּילן די ייִדישע וואָר. ס׳איז די ייִדישע געזעלשאַפֿט־לעכע וואָר פֿון מיט איבער צוויי דורות צוריק, אָבער באַך מער: ווי דער געניאַלער איינציקאַרטיקער שילדערער פֿון ייִדישן שטייגער, האָט ער אין זייַן נאַראַטיוור געגעזע פֿאַרויסגעפּילט דעם ייִדישן גאַנג... זענען אָט די באַשרייַבונגען, דערציילונגען, ליטעראַרישע פֿאַרפּיקסירונגען פֿון אַ פֿאַר־גאַנגענער תּקופֿה — אָבער זיי אָטעמען מיט דער פֿרישקייט ווי אַלע שלום־עליכמס שאַפֿונגען און רעדן צו אונדז גאָר אָפֿט מיט די פּראָבלעמען פֿון הייַנט, מיט דער זאָרג פֿון ייִדישן אויפֿהאַלט, מיט דער דאגה פֿאַרן יונגן דור, מיט די עקבערדיקע פֿראַגעס: וואָס ארץ־ישׂראל דאַרף זייַן און ווי צו באַ־ווירקן אַז ייִדן זאָלן קומען אַהער און לעבן אַ גאַנץ, אַ פֿול ייִדיש לעבן...

אַ צאָל פֿון די שאַפֿונגען אַנטהאַלטן אַזאַ אַקטועלע טאָגיקייט, אַזאַ אויס־קלאַנג, על־עהיי זיי וואָלטן איצט געשריבן געוואָרן. דאָס איז דער כּוח פֿון עכטער קינסטלערישער שאַפֿונג.

אינעם בוך קומען אַרײַן פֿאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן: שטייגער־שילדע־רונגען, דערציילונגען, איינאַקטערס, אַ קורצער ראָמאַן (אַזוי האָט אָנגערופֿן שלום־עליכם זייַן „משיחס צייַטן״, וואָס איז, אַגב, נישט געוואָרן פֿאַרענדיקט), פּובליציסטישע העפֿטן, באַשרײַבונגען פֿון ציוניסטישן קאָנגרעס און אַ צאָל מנחם־מענדל־בריוו. דאָס זענען שאַפֿונגען נישט נאָר פֿון פֿאַרשידענע צייַט־אָפּשניטן (פֿון 1888 ביז 1913) נאָר פֿון פֿאַרשידענעם כאַראַקטער און נוסח. אָבער זיי בילדן צוזאַמען אַ ווונדערלעכע, פֿאַרביקע מאָזאַיִק פֿון שלום־עליכמס ציוניסטישן אויסבליק, פֿון זייַן נאַציאָנאַלן באַנעם, פֿון זייַן טיפֿן אויפֿנעמען די סאָציאַלע, פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע יורונגען אינעם ייִדישן לעבן אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט ביז דעם אָנהייב פֿון דעם ערשטן וועלטקריג, וואָס האָט כּידוע געענדערט נישט בלויז די אייראָפּעיִשע מאַפּע, נאָר אויך דעם ייִדישן סאָציאַלן און דעמאָגראַפֿישן באַשטאַנד.

קלאָר, עס איז גאָר ניכּר דער ליטעראַרישער מהלך־רב פֿון דעם אויס־גערופֿענעם פּובליציסטיש־באַשרײַבערישן שטאָף, אַ שטייגער, „דער ייִדישער

קאָנגרעס אין באַזעל" (1898), „צו אונדזערע שוועסטער אין ציון" און „ד"ר טעאָדאָר הערצל" (1904), וואָס זענען בשעתו אַרויס אין באַזונדערע העפטן און זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן — ביז די גרעסטע געפאָרעמטע שילדערונגען און דערציילונגען, ביז דער לעצ־טער סעריע מנחם־מענדל־בריוו און מנחם־מענדלס אַרויסזאָגונגען וועגן ציו־ניזם; זײַנע שילדערונגען פון קאָנגרעס און זײַן אַרויסברענגען די ציוניס־טישע מנהיגים. אין די ערשטע אַרבעטן האָט שלום־עליכמען משמעות באַגלייט אַ באַוווסטזיניקע צילגעווענדקייט, אַ טענדענץ אַזאַ: באַקענען דעם ייִדישן פאָלקסמענטש — וואָס איז, אַגב, ערשט איצט געוואָרן אַ פּלײַסיקער לייענער — מיט די אידעען פון ציוניזם, מיט דעם געדאַנק פון שיבת־ציון, פאַרשטעלן פאַר אים די פירנדיקע געשטאַלטן, די מנהיגים פון ציוניזם. — און טאָקע צוליב אָט דער וויכטיקער שרײַבערישער מיסיע, וואָס שלום־עליכם האָט גענומען אויף זיך (שוין זײַענדיק אַן אויסגערופענער און פאַר־ערטער נאָמען אין דער ליטעראַטור), באַמיט ער זיך צו ווערן אויסטײַטשעריש און ווענדט אָן אַן „אַגיטאַטאָרישן" דרשהדיקן טאָן. עלעהיי אַ מטיף, וואָס צילט אַז זײַן וואָרט זאָל וואָס בעסער דערגייען, זאָל זיך וואָס שטאַרקער אײַנקאָרבן...

דערפאַר משמעות טרעפן מיר אַן אַזוי פיל איבערחזרונגען אין אָט די שאַפונגען און אַזאַ שפּראַכלעכע נישט־געצוימטקייט. נאָר אפילו אַזוי — לײַכט אויף אויך דאָ שלום־עליכמס וואָרעמער, פאַרביקער טאָן און דער שטייגערישער נוסח. אויך דאָ דערקענען מיר דעם מײַסטערישן דערציילער. ניט מער, דאָ איז ער עפּעס ווי אַרומגעהילט פון סענטימענטאַלן פיבער און עמאָציאָנעלן אומרו, כאָטש ער מאָלט און באַשרײַבט אַזוי וואָריק און תכליתדיק...

לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז אָט די פּאָפּולאַריזירנדיקע אַרבעטן, בראַשורן, האָט דאָך שלום־עליכם געשריבן כּמעט אין איין און דער זעלביקער צײַט, ווען ער האָט אויפגעשריבן זײַנע דערציילונגען פון ציוניסטישן כאַראַקטער (שוין אָפּגערעדט פון זײַנע אַנדערע שאַפונגען פון יענע יאָרן) „פאַרבענקט אַהיים" (1902), אָט די וווּנדערלעכע דערציילונג פון ציוניסטישן אויפגיי. און ר' יוזיפלס אויפרודערונג בײַם באַקומען די ארץ־ישׂראל באַנק־אַקציע איז

דאָך ביז היינט אַ שעדעווער, און „זעליק מעכאַניק", און די קאַפּיטלען „רויטע יידעלעך" זענען געשריבן אין יאָר 1900, עטלעכע יאָר פאַר דער בראָשור „ד"ר טעאָדאָר הערצל" ווו ער פאַרהערלעכט די הערצל־געשטאַלט.

מיר קאָנען דאָ, אָן צווייפל, אָפּפילן שלום־עליכמס נוסח־איינשטעל. איינער פאַר דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן מאַטעריאַל, ס'הייסט: וואָס צוגענגלעכער, פּשוטער, צו מאָל מיט געשטייגערטער טעמפּעראַטור — רעדן צום פאָלק, און דעם צווייטן, דהיינו: עפּיש־שטייגעריש, דערציילעריש, מיט חן און וואַרעמער טויקייט.

דאָס איז געווען ווי אַן אויסגלייך צווישן שלום־עליכם דעם קינסטלער און שלום־עליכם דעם שרייבער. ס'איז געווען ווי אַ פּשרה צווישן דעם פּערלדיקן וואָרטמייסטער און דעם טרעגער פון חיבת־ציון־אידעען.

אמת, ווי מיר האָבן שוין דרך־אַגבדיק דערמאָנט, ס'זענען געווען זיגזאַגן אין שלום־עליכמס ציוניסטישן באַנעם, געווען אַרויפן און אַראָפּן אין זיין באַציונג — אָבער נישט צו דעם גרויסן תוך. ערגעץ ווען האָט זיך נאָך לכתחילה געוואַקלט אין אים די אמונה אין די מעגלעכקייטן.

גאָר פרי האָט זיך שלום־עליכם אָנגעשלאָסן צו די חובבי־ציון. שוין אין יאָר 1888 שרייבט ער דעם (שוין באַקאַנטן) בריוו צו ד"ר לעאָן פּינסקער, דעם דעמאָלטיקן פירער פון די חובבי־ציון אין אָדעס, און בעט פאַרשרייבן אים פאַר אַ „טשלען" (מיטגליד) פון דער חברה חובבי־ציון.

אינטערעסאַנט, אַז צוויי יאָר פריִער אידער ער בעט פאַרשרייבן אים ווי אַ מיטגליד פון דער חברה „חובבי־ציון", אין יאָר 1886, שרייבט ער אין אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקי און צ. ת. פראַנקפעלד, ווי אַן ענטפער אויף דער פאַרבעטונג אָנטייל צו נעמען אין זייער זאַמלבוך „דער וועקער", וואָס די „חובבי־ציון" אין אָדעס האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן:

„איך וויל אַזוי, אַז אייער אידעע זאָל אָנגענומען ווערן, נישט ווייניקער פון אייך. וואָס זאָל איך אָבער טון, אַז איך קען מיין פאָלק־ישׂראל אַזוי שטאַרק, אַז איך קאָן נישט גלייבן ער זאָל דאָס נעמען צום האַרצן? איר פאַרשטייט וואָס איך זאָג? איך קאָן נישט גלייבן — נישט איך גלייב נישט! דאָס איז פאַר מיר זעלבסט פיל ערגער, ווי איך זאָל נישט וועלן גלייבן! פאַר וואָס דאָס איז אַזוי — איז דערינען פאַראַן אַ סך צו רעדן, און מיר איז דאָס

גאָרנישט אײַנגענומען, אַרויסגעבן אײַך מײַן ווזגליאַד אויף דעם דאָזיקן וואָפּראָס אין וועלכן איר זענט אַזוי פאַרבענטשט! איך קאָן אײַך נאָר ווינטשן, אַז גאָט זאָל אײַך העלפן, איר זאָלט האָבן אַ סך נאָכדענקערס און נאָכטוערס און אײַער טירחה זאָל נישט זײַן אומזיסט״.

דאָ קענטיקט זיך אויס שלום־עליכמס צווייפלען. אָבער דאָס זענען נישט קיין צווייפלען וואָס שייך דעם גרויסן עיקר, נישט בנוגע דעם ציוניסטישן גרונטגעדאַנק, נאָר דאָס זענען די עקבערנדיקע ספקות — צי דאָס פאָלק איז מסוגל עס אויפצונעמען ווי ער האָט עס באַדאַרפט אויפנעמען...

מעגלעך, אַז די דאָזיקע אינערלעכע שפּירונג איז צו מאָל אויך געווען אַ גורם צו דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן און איפּעריק אויסטײַטשערישן נוסח, וואָס מיר געפינען אין אַ טייל פון זײַנע חיבת־ציון־שריפטן, וואָס זייער צוועק איז — למען ידעו.

צו מאָל, נישט ווייניקער ווי אין די שריפטן פון יענער צײַט, געפינען מיר בײַ שלום־עליכמען די חיבת־ציון־שטימונג — זײַן גלויבן אין דער ציוניסטישער בויטוועגדיקייט — אין די בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו שריפטשטעלערס פון זײַן צײַט און צו פירנדיקע פערזענלעכקייטן. נישט מעגלעך, פאַרשטייט זיך, צו ציטירן אַפילו אַ טייל פון זיי. אָבער ס'איז כדאַי צו ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישע אַרויסזאָגונג אין אַ בריוו (פון 27סטן אַפּריל 1906), געשריבן אין ייִדיש מיט לאַטײַנישער שריפט צו ישראל זאַנגוויל. „...רעוואָלוציאָן! הלוואי זאָלן אונדזערע ברידער וועלן און קאָנען ברענגען אַזעלכע גרויסע קרבנות פאַר אַן אייגן שטיקל לאַנד, ווי זיי ברענגען פאַר אַ לאַנד, וואָס זיי מיינען און גלייבן אַז זיי וועלן אַ מאָל אויך זײַן דאָרטן גערופן צו דער סעודה״.

שלום־עליכם האָט מיט טיפער באַפרידיקונג אויפגענומען און אײַנגעזאַפּט דעם אויפשוווּנג און די דערגרייכונגען פון דעם ציוניסטישן אידעאַל, מיטגעלעבט מיט אים. און מיט וויפל פרייד האָט ער אויפגענומען די ידיעה: „האָבן זיך מישב געווען מײַנע קיִעווער פרײַנד, זיי האָבן אַ סומע פון עטלעכע טויזנט פרענקלעך, וועלן זיי מיר קויפן אַ שטיבל מיט אַ גערטנדל בײַם ברעג פונעם מיטללענדישן ים אין געגנט פון יפו אין ארץ־ישראל״. (פון אַ בריוו צו ד״ר גרשון לעווין, נערווי, 1909.1.15).

לײדער איז פֿון דעם גאַרנישט אַרויס. אָבער דער געדאַנק, אַז עס שאַפֿט זיך אַ מעגלעכקײט, ער זאָל זיך קאָנען באַזעצן אין ארץ־ישׂראל, האָט שלום־עליכמען ממש פֿאַרלאָקט און ער האָט װעגן דעם געשריבן צו אַ רײ פֿרײַנד זײַנע.

פֿון דעם פּלאַן אײַנצושאַפֿן זיך אַ שטיבל, אַ הויז אין ארץ־ישׂראל, װעגן װעלכן ער האָט געחלומט, לעבן דאָרט און שאַפֿן — איז גאַרנישט געבליבן. ער איז נישט רעאַליזירט געװאָרן, װי אַ סך פֿון זײַנע באַגערן און חלומות... געבליבן איז שלום־עליכמס גרויסע, נצחיותדיקע שאַפֿונג, אויך אויף דעם אָפּשניט, װעגן װעלכן מ׳האָט ביז איצט װײניק געװוּסט — שלום־עליכמס חיבת־ציון־שריפֿטן.

דער פּאַרפּישופּטער שניידער און זיין באַגלייטער

די דערציילונג האָט שלום־עליכם צו ערשט פּאַרעפֿנטלעכט אונטערן נאָמען „אַ מעשׂה אָן אַן עק...״ שפּעטער, אין דער צווייטער אויפֿלאַגע, האָט ער דעם טיטל געענדערט און אָנגערופֿן די דערציילונג „דער פּאַרפּישופּטער שניידער״. ער האָט אויך געענדערט דעם סוף פֿון דער דערציילונג, אַרויס־גענומען דעם לעצטן קאַפּיטל, און אַריינגעפּירט ווי אַן אָפּשלוס אַ קורצן עפּילאָג.

„דער פּאַרפּישופּטער שניידער״ איז איינע פֿון די שענסטע דערציילונגען שלום־עליכמס. הגם פֿון יעדער שורה אָטעמט מיט דעם אייגנטימלעך פּערל־דיקן הומאָר, איז דאָס אָבער אַ שאַפֿונג, וואָס ברענגט אַרויס אַ ברייט ווינקל פֿון יידישן סאָציאַלן און שטייגערישן לעבן. דער חלום פֿון שמעון־אליס ווייב זיך צו דערשלאָגן צו אַן אייגענער ציג, דאָס אָננעמען זיך די קריוודע פֿון עמך שער־און־אייזן פֿאַר זייער צעכמיטגליד, דעם שניידערוק שמעון־אלי שמע־קולנו, דאָס איבערשרייבן זיך פֿון די פּרנסי־העיר, טראָגן אין זיך בולטע סענטענצן אַרויסצוברענגען די עוולות לגבי די באַדרענגטע און פּאַריאַכטע אין דער יידישער סביבה.

אַוודאי איז די עצם מעשׂה מיט אַלע פּאַרלויפֿעניש אַן אַרויסגעוואַקסענע פֿון דעם פֿאָלקלאָריסטישן און מעלאָדראַמאַטישן שטייגער, ס׳איז די וואָר און ס׳איז דער מונטערער ווילן אָפּצוטאָן, פּאַרפּירן, פּאַרפּלאָנטערן. אָבער דאָך, ווער טוט עס אָפּ? ווידער אַ מאָל דער תּקיף דעם שוואַכן, דער יוסטער באַלעבאָס און בעל־השענק, ער פּאַרפּלאָנטערט עס און צעטומלט דעם אָרעמען שניידער־באַלמעלאָכע, וואָס לעכצט נאָך אַ גלעזל יש. דאָס לערנט ער אים אַזוי אָן דעם שניידערוק, מחמת שמעון־אלי שמע־קולנו האָט אים געגעבן אַ געוואַגטע קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז וואָס שייך למדנות, קענטשאַפֿט, איז ער נעבעך, דער יוסטער באַלעבאָס, דער בעל־השענק, אַ ייד אַן עם־הארץ.

אָט דער מהותדיקער אונטערשייד און זיינע פּאָלגן איז די גרונטאַקס פֿון דער דערציילונג. קלאָר, דער עצם סכּסוך איז גענומען פֿון פֿאָלקלאָריס־

טישן שטאָף, וואָס האָט געהויערט איבער די ייִדישע ייִשובים. וואָס נאָך? טשיקאַווע אָפּצופּילן ווי די איין פּלוג קונדס־שפּיל דערפירט צו אַזאַ טיף מענטשלעכער דראַמע, אָבער שלום־עליכם האָט עס קינסטלעריש אויסגעפורעמט מיט זײַן חיותדיקן וואָרט און סטיל.

אַזאַ איז דאָך דער הויפּטהעלד שמעון־אלי שמע־קולנו, „כאָטש ער איז געווען כּל־ימיו אַ ביטערער אָרעמאַן, מען קאָן זאָגן — כּמעט אַן אביון, נאָר אַראָפּפאַלן בײַ זיך דערמיט האָט ער פּײַנט געהאַט. אַדרבא, — האָט ער געזאָגט — וואָס מער קבצן מער לעבעדיק, וואָס מער הונגעריק, מער געזונטער, ווי די גמרא זאָגט: יאה עניותא לישראל, טשערעוויטשקי קראַסני לדיוקאַ גאַרנאַ"...

דער מאָלער בען האָט אײַנגעזאַפּט נישט נאָר דעם אינהאַלט און זין פון דער דערציילונג. ער האָט אויך אָפּגעפּילט די אַטמאָספער, וואָס קומט אויף פון אַט דער שאַפונג.

שוין אין יאָר 1929, בלויז עטלעכע יאָר שפּעטער ווי ער האָט דעביוטירט ווי אַ מאָלער אין זײַן געבוירן־שטאָט ביאַליסטאָק, האָט ער אויפגעשאַפן די דאָזיקע 13 אילוסטראַציעס, די צייכענונגען צו די דרײַצן קאַפּיטלעך וואָס די דערציילונג אַנטהאַלט.

די צייכענונגען זענען פּלאַסטישע קאָמפּאָזיציעס אַן און פאַר זיך. כאָטש זיי זענען געצייכנט אַן פּאַרטיפונגען, זענען אָבער די וויברירדונגען און די איבערגאַנגען פון שוואַרץ צו ווײַס און פון ווײַס צו שוואַרץ, ווי די גרונט־געשטאַלטן אין זייערע באַוועגלעכע סיטואַציעס, פון הויך קינסטלערישן כאַראַקטער.

בען איז אַ מאָלער מיט פאַרבעם און פאַנטאַזיע, אָבער זײַן ייִדישער באַוווסטזײַן איז ביז גאָר וואָך. דערפאַר זײַנען צונויפגעבונדנקייט מיטן תּוכן פון דער דערציילונג און זײַן געטרײַע מאָלערישע באַגלייטונג.

דערפאַר קענטיקט זיך אַרויס דער שטייגעריש־פאָלקסטימלעכער עלעמענט, אַזוי אויך אַנטוויקלען זיך און וואַקסן אויס בילדערישע סצענעס, שטייגער־דיאַלאָגן, אַנצײַוודיקע מעשׂיות אין דער מעשׂה. ס'איז אַ דערציילונג פון זעלטענעם כאַראַקטער און חן.

שלום־עליכם אין יידישן ליד

(צום 125סטן געבוירן־יאָר)

א

אַ באַטײַטיקע און פאַרנעמיקע ליטעראַטור איז, כּידוע, אויפגעשאַפן געוואָרן וועגן און אַרום שלום־עליכם; אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַנע ווערק און זײַנע העלדן, באַטראַכטונגען אַרום זײַנע מאָטיוון און זײַן שטיגערישער שפּראַך, פּירושים וועגן קוואַל פון זײַנע געשטאַלטן, און אַרײַנטײַטשן בנוגע דער פאַרמירונג פון זײַנע ראָמאַנען. שלום־עליכמס שאַפן האָט געדינט און דינט ביז איצט ווי אַ טעמע פאַר דיסערטאַציעס און פאָרשונג־אַרבעטן אויפן פעלד פון ליטעראַטור און איז אַ באַשטענדיקער שטאָף צו כאַראַקטעריזירן יידישן הומאָר.

ביט שייך צו באַטראַכטן און אַפילו צו פאַרצייכענען דאָס אַלץ, ווי אַזוי עס איז באַהאַנדלט און אַרויסגעבראַכט געוואָרן דאָס וואָס מאַנגער האָט אָנגערופן איין זײַן מקורותדיקן עסיי „נאָר איין מאָל שלום־עליכם”. קיין ספק ביט, וויניק ווער אין דער וועלט־ליטעראַטור האָט זוכה געווען צו אַזאַ פאַר־ערונג און צו אַזאַ אָנאויפהעריקן אינטערעס ווי שלום־עליכם. נאָר גרײַלעך, ווי מאַנגער האָט אָפּגעפּילט — „נאָר איין מאָל שלום־עליכם” — האָט משמעות אויך געצוימט און געהעמט זיך צו פאַרמעסטן אויף אַן אַרומנעמיקער שלום־עליכם־ביאָגראַפיע, וואָס איז נאָך ביז הײַנט ביט אויפגעשריבן געוואָרן.

קיין ספק ביט, די אַרבעטן און זכרונות־באַשרײַבונגען וואָס זענען יאָ אַרויס, אַ שטייגער ווי דאָס בוך פון זײַן יינגסטער טאָכטער מרים וויַיף־גאָלדבערג — „מײַן פאָטער שלום־עליכם” (דערשינען איין ענגליש און שפּע־טער דאָ איין לאַנד אין העברעיִשער איבערזעצונג), דער מעמואַרן־בוך פון זײַן ברודער וואָלף ראַבינאָוויטש און ועל־כּולם דאָס ווערק איין 5 בענד פון י. ד. בערקאָוויטש, „אונדזערע ראשונים” (איין העברעיִש — „הראשונים כבני אדם”), זכרונות־דערציילונגען פון שלום־עליכם און זײַן דור — מאַכן אויף אַ צאָל „פּורטקעס”, וואָס דערמעגלעכן אונדז אַרײַנצוקוקן און באַגעמען אָפּשניטן פון שלום־עליכמס שאַפערישן לעבן, דערפילן זײַן פּערזענלעכקייט,

זײַן דינאַמישן, אײגנאַרטיקן כאַראַקטער, זײַן גאַנג און אויפֿפֿיר, זײַן באַציִונג צו דער משפּחה און זײַן פֿאַרבינדונג מיט דער שרײַבערישער װעלט — פֿון אַט די קאַפּיטלעך זכרונות געשריבן פֿון זײַנע נאָענטע דערװיסן מיר זיך טשיקאַװע פּרטים. צו די אינטערעסאַנטסטע געהערן אויך די שילדערונגען װי אַזוי שלום־עליכם האָט געשאַפֿן.

שלום־עליכם האָט געשריבן בײַ אַלע אומשטענדן און אונטער אַלע באַדינגונגען, אַפֿילו װען ער איז געװען מסוכּנדיק קראַנק. ער האָט געשריבן זיצנדיק, שטייענדיק, ליגנדיק, שפּאַצירנדיק, פֿאָרנדיק אין באַן. און װען ער איז געשלאָפֿן האָט ער אויך געשאַפֿן, מחמת אַט פֿלעגט ער ראַפּטעם זיך געבן אַ כאַפּ אויף אין מיטן דער נאַכט און זיך אַװעקזעצן בײַם טיש, אָדער זיך אַװעקשטעלן בײַם שטענדער און שרײַבן. שרײַבן בעיקר זײַנע שטיגערישע מאָנאָלאָגן. זעט אויס, אַז די מענה־לשונס פֿון די קאַסרילעװקער האָבן אים געטאַרעט אויך בײַ נאַכט. — „װאָס װעל איך מיך אויסליגן — פֿלעגט ער זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די שטוביקע — אַמער װעל איך שוין בעסער שרײַבן".

שלום־עליכמס לעבן, זײַנע איבערלעבע װידעראַנאַנדן און שטימונגען, װי זײַנע גרויסצוגיקע שרײַבערישע פּלענער, זײַן גאַנג דורך די ייִדישע װעלט־ייִשובֿים, די שלום־עליכם־ביאָגראַפֿיע — זענען אַן און פֿאַר זיך אַן אַנלאַקנדיקע און נאַראַטיװע דראַמע, אַ דראַמע פֿון אַ פֿענאָמענאַלן, אײנציק־אַרטיקן קינסטלער, װאָס האָט במשך קנאַפּע פֿיר צענדליק יאָר געבראַכט אַזאַ שפּעדיקן ליטעראַטור־בײַטראַג, װעמענס װערטן זענען ניט נאָר דויערנ־דיק ביז איצט, נאָר זיי װעלן בלײַבן לדורות.

שלום־עליכם איז אײנער פֿון די װאָס האָבן אויפֿגעהויבן די ייִדישע ליטעראַטור און זי אַרײַנגעפֿירט אין די היכלען פֿון דער װעלטשאַפֿונג. ניט אומזיסט איז דאָך שלום־עליכמס שאַפֿונג איבערגעזעצט געװאָרן אין העכער 40 לשונות. עס װאָלט, אָן צװײפֿל, בייטיק געװען זיך אָפּצושטעלן אויף די גורמים װאָס האָבן דיקטירט צו איבערזעצן זײַנע װערק אויך אין אַזעלכע לשונות, װאָס לכאורה זענען זיי אַזוי װײַט און פֿרעמד פֿון ייִדיש־שטײגע־רישער דערקענטעניש. דאָס איז אַ טעמע, װאָס פֿאָדערט מען זאָל עס באַ־האַנדלען.

ב

אָבער אָפּשטעלן וויל איך מיך איצט אויף אַן אָפּשניט אין דער ליטע־ראַטור אַרום שלום־עליכם, וואָס איז דורכגענומען מיט יראת־הכבוד, מיט ליבשאַפט און טיפער פאַרערונג צום שאַפער, צו זיינע העלדן און מאָטיוון, דאָס איז אַן אויסדריקלעכער הלל־געזאַנג, וואָס יידישע דיכטערס האָבן אויסגעדריקט, באַזונגען און געזונגען וועגן שלום־עליכם און צו דער וועלט פון שלום־עליכם. מיר האָבן ביז איצט צוזאַמענגעקליבן העכער 100 לידער און פּאָעמעס, וואָס 82 יידישע דיכטערס, 5 העברעיִשע און 2 רוסישע האָבן געווידמעט אָט דער אויסערסט טשיקאַווער, אייגנציקאַרטיקער טעמע — שלום־עליכם. איבעריק צוצוגעבן אַז די אַלע לידער און פּאָעמעס זענען געשריבן געוואָרן נאָך דער פּטירה פון שלום־עליכם. ס'הייסט, איבער אַ צייט־שטח פון צוויי דורות. אַ צייט, וואָס איז פול געווען מיט עצבותדיקע פאַרלויפעניש אין אונדזער לעבן, מיט געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע איבערוואַנדלונגען, מיט ביטערע אַנטוישונגען, אָבער אויך מיט אייפעריקע נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען און באַגערן. אָטעמען טאַקע אַ ריי לידער — כאָטש זיי זענען פאַראַנקערט אין דער שלום־עליכם־ספערע — מיט דעם הויך, מיט דעם קלימאַט, מיט דער אַטמאָספער פון די טעג און פון דעם אָרט אין וועלכן זיי זענען געשריבן געוואָרן. אָבער אָט די לידער און פּאָעמעס, וואָס דיכטערס אין פאַרשידענע ישובים און פאַרשידענע לענדער האָבן אַרויסגעבראַכט אין פיבער און קימער פון צייט, זענען אין זייער אידעע, אין זייער דיכטערישער טענדענץ צוגעאייגנט צו איין פנימיותדיקן פונקט, צו דעם וווּנדערלעכן שמייכל פון שלום־עליכמען און זיינע געשטאַלטן, צו דעם בטחון פון טביה דער מילכיקער, צו דער קלוגער, ייִנגלשער תמימות פון מאָטל פּייסי דעם חזנס, און צו דעם חיותדיקן אומרו פון מנחם־מענדל.

עטלעכע טעג נאָך שלום־עליכמס טויט האָט זלמן שניאור פאַרפאַסט זיין באַקאַנטע פּאָעמע „שלום־עליכם־דענקמאָל" (געשריבן אין שאַרלאָטענבורג, דעם 20סטן מיי 1916), ווו ער זאָגט:

> נאָר וויסן זאָלסטו זיין, דו, וועלכער ביסט אַוועק,
> אַז פאַר דיין לעצטן שפּאַס פון שטאַרבן

וועלן דיר די אָפּגעלאַכטע מיט אומשטערבלעכקייט באַצאָלן,
און פֿאַר דײַן טויט — פֿון טויט אַליין נקמה נעמען.
מיר שווערן דיר, אַז קומען וועט אַ טאָג —
אַ שטאַרקע פֿאָלק פֿון ייִדן, אַ נײַע לאַנד וועט אויפשטיין
פֿון קראָמען־חורבות, פֿון וויסטע שטעט און שטעטלעך.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אויפשטיין תּחיה וועסטו דאַן מיט אונדז צוזאַמען
אין דער פֿאַרשטעלונג און לײם פֿון גרויסע קינסטלערס!
פֿון בראַנדז געגאָסן וועסטו אויפשטייך
אויף ייִדישע בולוואַרן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליד לזכרון שלום־עליכם. אין די זעלבע טעג האָט אויך מאָריס ראָזענפֿעלד פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס ליד „דער הימלשער וויצלינג" („די ייִדישע גאַזעטן", ניו־יאָרק, מײַ 1916), געשריבן אין דעם ראָזענפֿעלדישן נוסח:

עס שווײַגט דער וויץ, דער לאַך איז שטום,
אַוועק הומאָרס גראַציעזע קלאַנגען,
אַ וויסטער אומעט אומעטום,
דער גרויסער לאַכער איז פֿאַרגאַנגען.

ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצופֿילן ווי אײגנטימלעך, אויסערלעך אַנדערש־דיק, נאָר אין יסוד גרײַלעך מיט דער זעלבער אײגנדיקייט, עס נעמען אויף דעם מאָטיוו „שלום־עליכם" די ייִדישע דיכטערס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, די דיכטערס אין אַמעריקע, אין פּוילן, אין רומעניע. ס'קומט דאָ אויך צום אויסדרוק די צײַט, די פֿאַרלויפֿעניש פֿון אונדזער בעכטיקער טרויעריקער תּקופֿה, אַזוי אויך שפּעטער, אין די נאָכמלחמה־יאָרן, אָבער אַלץ אין דעם גערעם פֿון דער שלום־עליכם־מיליע, פֿון דער שלום־עליכם־גאַלעריע:

שרײַבט איציק פֿעפֿער „אַ בריוו צו שלום־עליכם" (1948) אַזוי אַ אין דעם סאָוועטיש פֿאַרגלייבטן סטיל:

מנחם־מענדל איז
אין קאָן שוין צווישן מענטשן,
ער האָט שוין אַ מעדאַל,
דו וואָלסט אים ניט דערקענט שוין...

— — — — — — — — — — — — — —

די ערד איז ברייט און פֿרײַ,
דו האָסט מײַן רוף פֿאַרנומען?
און אָפּט איך טענה: אײַ —
אַ שאָד, וואָס קאָנסט ניט קומען!
מיט אַלע דײַנע זין
און אייניקלעך און טעכטער
איך שטיי אין מאָסקווע־שטאָט
און וואַרט אויף דײַן געלעכטער.

ווי טראַגיש, אַכזריותדיק עס האָבן זיך פֿאַרענדיקט אי פֿאַר איציק פֿעפֿערן, אי פֿאַר די צענדליקער אַנדערע דיכטערס און קינסטלערס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אָט די האָפֿענונגען און באַגערן — טראָץ דעם וואָס מנחם־מענדל „האָט שוין אַ מעדאַל”.

אַ באַדײַטנדיקע צאָל לידער האָבן בײַגעטראָגן די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע, צווישן זיי בעריש ווײַנשטיין, אליעזר גרינבערג, מאַרטין בירנבוים, חיים גראַדע, גלאַנץ־לעײלעס, מ. אַליצקי, מאַרק שווייד, שלום שטערן, מלכּה לי, שאול מאַלץ, איטשע גאָלדבערג, י. י. סיגאַל, ש. בודין, און נאָך פֿריִער י. אַדלער, אַבֿרהם רייזען און אַנדערע.

יעקבֿ גלאַטשטיין, דער שאַרמאַנטער וואָרטמײַסטער שילדערט די שלום־עליכם־געשטאַלט אַזוי:

מיט אַ זעקל ליכטיקע רייד
ביסטו געקומען באַוואָרענען,
אײביק מיט פֿרייד,

דאָס פֿאָלק פֿון מײַן געדעכעניש דעם צעהעלטן,
װאָס האָט דיך אױסגעװאָרט.

אַגב, אָט די באַטאָנונג „מ׳האָט דיך אױסגעװאָרט" קומט צום אױסדרוק בײַ אַ צאָל דיכטערס. משמע, דאָס פֿאָלק איז זײַן לעבנס־פֿאַרצאָגטקײט האָט געגאַרט נאָך שלום־עליכמס װאָרט. נאָך זײַן פֿערלדיקן הומאָר, נאָך זײַן בטחונדיקן שמייכל.

אַ צאָל פּאָעטן װאָס לעבן הײַנט מיט אונדז אין ישׂראל האָבן פֿאַר־אָנדענקט שלום־עליכמען אין זײער ליד: יאָסל לערנער, מ. חרץ, הדסה רובין, הירש אָשעראָװיטש. װיל איך פֿאַרענדיקן מיט עטלעכע שורות פֿון ה. אָשעראָװיטשעס קרעפּטיקער פּאָעמע „שלום־עליכמען", געשריבן צו זײַן 100סטן געבױרן־טאָג:

די קופֿערטן מיט אוצרות — דײַנע רײַכע בענד
פֿאַרשפּרײט געװאָרן זענען אױף דער גאָרער ערד,
און איצטער, װען מען הערט,
אַז ס׳טוט אַ ייִדיש װאָרט אַ פֿײַערדיקן בליץ,
אַז ס׳האַקט אױס גרױסקײט שאַרפֿזיניקער װיץ
איז יעדער זיכער באַלד: ער דיך דערקענט...
אין דעם דאָך שטעקט טאַקע דאָס גרעסטע פֿונעם גרעסטן,
דאָס איז זי דאָך די מאָס דײַן ריזנגרײס צו מעסטן.

אָט די לידער און פּאָעמעס שאַפֿן אַ חיותדיקע, דערהױבענע, פֿאַרבנרײַכע מאָזאַיִק אין דער מקורותדיקער, אײנציקאַרטיקער פֿאַראָנדענקשאַפֿט פֿון אונדזער גרױסן שלום־עליכם.

יצחק באַשעוויס — דער פאָלקלאָר־עלעמענט אין זיין שאַפונג

אײדער איך באַריר די אייגנטלעכע טעמע, קאָן איך ניט בײַשטיין דעם ווילן צו דערציילן בקיצור וועגן אַ באַגעגעניש, די ערשטע באַגעגעניש מיט באַשעוויסן אין לאַנד. ווען איך האָב אים געטראָפן צום ערשטן מאָל, טאַקע בעת זײַן ערשטן באַזוך אין ישראל — בין איך ממש פאַרבליפט געוואָרן פון זײַן רויִקייט, פון זײַן שטילן, אײדעלן באַנעם, פון זײַן באַשיידענער האַלטונג און, בעיקר, פון זײַן אויפריכטיקער חברישקייט וואָס ער האָט באַלד אַרויסגעוויזן.

באַשעוויס איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַרימטער שרײַבער, זײַן נאָמען איז שוין באַקאַנט געווען ניט בלויז צווישן ייִדישע מענטשן, ייִדישע לייע־נערס, זײַן נאָמען האָט זיך שוין געטראָגן צווישן טויזנטער און טויזנטער ניט־ייִדן. — — זענען מיר געזעסן אַזוי אין דעם האָל פון דעם אַמאָליקן באַקאַנטן האָטעל „הירקון" אין תל־אָביב און געשמועסט. ס׳הייסט גע־שמועסט, — ער האָט גערעדט און איך האָב געהערט. גערעדט האָט ער בעיקר וועגן פוילן, ייִדישן לעבן אין פוילן, וואָס איז געווען און נישטאָ מער, און וועגן אונדזער הײַנטיקער ייִדישער מערכה.

ס׳האָט אים, פאַרשטייט זיך, שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין ישראל, צי האָט זיך געביטן די באַציִונג צו אונדזער לשון? ווי איז די לאַגע פון די ייִדישע שרײַבערס דאָ? ווי גיבן זיך אַן עצה די שרײַבערס־עולים? די צײַט איז געלאָפן, איך האָב מיך געגרייט אַוועקצוגיין. איך האָב געפילט אַז עפּעס אַרט אים — און אַזוי פּלוצעמדיק, מיט אַ מאָל, פרעגט ער מיך: „זאָגט מיר, איך בעט אײַך — איר לייענט מײַנע זאַכן"? אַז איך האָב אים געענטפערט — יאָ, איך לייען, „איך לייען כּמעט אַלץ וואָס איר דרוקט" — און נאָטירלעך — אין גאַנג פון שמועס געפּרוווט פאַר אים אַרויסברענגען מײַן אײַנדרוק (און באַנעם) פון זײַנע דערציילונגען, מײַן אײַנדרוק פון דער נאָוועלע „דער שאָטן אין גאָרײַ", פון זײַן מעשׂה „די זיבן שוסטערלעך", וואָס איז אָקערשט דעמאָלט געדרוקט געווען אין

„די צוקונפט״, האט ער ניט נאר איפעריק אויסגעהערט, נאר זײַן העל־ראזלעך פנים איז באגאסן געווארן מיט א צונטער־רויטקייט. ער האט אומרויק זיך געדרייט אויף דעם שטול און ווי א שטעטלשער חתן־בחור, א ביסל פארשעמט, געהאלטן אין איין איבערחזרן: „אזוי, אזוי. ———״

ס'איז געווען פאר מיר אן איבערראשונג. געהערט האב איך אז ס'איז גארניט בנימצא בײַ אים קיין שמץ פון שרײַבערישן צווייפל. אז ער איז זיכער אין זיך און אין דעם וואס ער שאפט — — טא וואס זשע רירן אים אזוי אן די עטלעכע אפשאצונגס־ווערטער פון א מושך בעט אין תל־אביב?

ווען איך האב אים שפעטער א ביסל נענטער באקענט, האט זיך אנטפלעקט פאר מיר דער עכטער, אמתער קינסטלער און מענטש אין וועמען עס הויערט אי די גלייכקייט פון שאפער, אי די ספקות פון א באשיידענעם ייִד. אזא איז ער, באשעוויס, און אזוי איז ער אויך אין זײַן אויפפאסן פארלויפעדיקע זאכן, די קאנפליקטן און זיגזאגן פון אונדזער לעבן. באשעוויס איז מקורותדיק סײַ אין דעם אויפנעם און געדײַונג פון פרקים געשיכטע, סײַ אין דעם באנעם פון וועלט און פאלק און מענטש. אי ער בויט אויס זײַנע ווערק אויף ברייטע היסטארישע פליינען, אי ער קאנסטרויִרט בריהש די ווײַט־נעבטיקע פייסאזשן און געשטאלטן, ווו מיר פילן אפ דעם גלימער פון זײַן נאראטיווער שילדערונגס־קראפט. אין אט דעם באזונדערן בעלעטריסטישן גלימער זענען אויך געפורעמט זײַנע רעאליסטישע — און צו מאל פאנטאסטישע, קוואליקע דערציילונגען פון דער אקערשטיקער פארגאנגענהייט און פון דער הײַנטיקער צעפאטלטער, ווידעראנאנדיקער צײַט.

באשעוויס איז אן ספק דער גרעסטער ייִדישער בעל־ממשיך פון די אויסגערופענע וועלטמײַסטערס־פראזאיקערס, וואס האבן געשריבן אנציִעוודיקע ראמאנען. באגלייט נאך זײַן שאפן די אייגנטימלעכע ייִדישע דערפארונג, די פארוארצלטע שטייגערישקייט און דער אײַנגעזאפטער, דורותדיקער ייִדישער פאלקלאר.

כּידוע, מיר וויסן עס אלע, אז פאלקלאר איז א וויכטיקער עלעמענט, א באטײַטיקער שטאף אין דער ליטעראטור־שאפונג. ער איז אויסגענוצט געווארן און ווערט ביז הײַנט אויסגענוצט אין דער קינסטלערישער שאפונג בײַ אלע פעלקער ואומות. אויך אין דער ייִדישער ליטעראטור האבן דערציילערס,

דיכטערס, ראָמאַניסטן, און בעיקר דראַמאַטורגן, אויסגעבויט און אַרײַנגעפירט ווערק באַזירט אויף פֿאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, פֿון פֿאָלקלאָריסטישן מאָטיוו. אָפּגערעדט פֿון י.ל. פּרץ, שלום אַש און ש. אַנסקי, האָבן אויך ש״י עגנון, יעקב פֿרעגער, אַלטער קאַציזנע, י.י. טרונק און אַ רײ אַנדערע אָנגעווענדט אין זייערע שאַפֿונגען פֿאָלקלאָריסטישע מעלאָדיק, אַלטפֿאָלקישע שטייגערישע מעשׂיות.

גרײַלעך מיט אַ ברייטער האַנט פֿאַראייגנט יצחק באַשעוויס און ניצט אויס פֿאָלקלאָר־דערציילעכישן און פֿאַרכאַפּנדיקע לעגענדעס און פֿירט זיי אַרײַן אין זײַנע ווערק. ניט מער, ער נעמט דווקא און לרוב דאָס דעמאָנישע, דעמאָן־געשטאַלטן און דעמאָנאָלאָגישע פּאַסירונגען. וואָס מער פּחדימדיקע, איבערשרעקנדיקע פֿאַרלויפֿעניש, פֿון וועלכע עס ווייעט מיט אימה און יענער־וועלטיקייט.

און אַז עס קומט אַרײַן — באַהיט זאָל מען ווערן — אָדער ער זעצט אַרײַן אַ דיבוק אין דעם גוף, אין די אינגעווײדן פֿון אַן אשה, צי פֿון אַ פֿאַרטרויערט מיידל, איז עס ניט אַרויסצוטרײַבן — ניט ווי בײַ אַנסקין אַ שטייגער, אויף אַט דעם דיבוק האָט גאָר קיין שליטה ניט אַפֿילו דער נעמיראָווער צדיק. ער הערט ניט די רייד פֿונעם רב. דער דיבוק חוזקט כסדר פֿון די אַרומיקע, ער לאַכט אויס די נגידים און די יוסטע באַלעבאַטים. ער זאָגט זיי אַרײַן וואָס אין דער קאָרט שטייט. דער דיבוק רעדט זיי אויס מיט אַ זינדיק געלעכטערל און רעדט ניבול־פּה, און טאָמער איז נאָך ווייניק אין דיבוק, האָט באַשעוויס באַזעצט צוויי דיבוקים — און בײַ וועמען? בײַ דער אויסגעכאָליעטער, אָפּגעהיטענער ליבע־יענטל, די טאָכטער פֿונעם פֿרומסטן ייִד אין שטאָט.

ווער זענען די דיבוקים? פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרלאָרענע, אומגליקלעכע נשמות. ס׳איז געצל קלעזמער און ביילע צלאָווע, וואָס שטאַמען שטאַמט זי גאָר ניט פֿון שידלאָווצע. „זי שטאַמט פֿון פּלאָצק, ווו זי איז פֿריִער געווען אַ שענקערין און דערנאָך אַ זונה״.

דעמאָנישע און בפֿירוש מאַקאַברישע בילדער גייען אויף פֿון דער דערציילונג „דער טויטער קלעזמער״, וואָס קומט אַרײַן אינעם בוך „מעשׂיות פֿון הינטערן אויוון״. די דיאַלאָגן, וואָס קומען פֿאָר צווישן בײדע דיבוקים,

וועלכע וויעוועז אַרום ביי ליבע־יענטלעך, ביילע־צלאָוועס דער שענקערין און געצל קלעזמער זענען פון אַזאַ נוסח, וואָס דאַכט זיך, אַז ביז באַשעוויסן — האָט די ייִדישע בעלעטריסטיק ניט געקענט. אָבער זיי וויגן זיך און באַוועגן זיך, די דיאַלאָגן, אַזוי לייכט און ריטמיש — און אָנלאָקנדיק. — —

און דאָך, נאָך די אַלע אַרויסגעבראַכטע קליפּות, שרעטעלעך, דיבוקים, נאָך די צעהיצטע סצענעס און מאָנאָלאָגן, נאָך די אויסטערלישע רייד שליסט זיך די דערציילונג מיט אַזעלכע טויִקע, רירנדיקע שורות וואָס נאָר אַט דער פּראָזע־מײַסטער איז מסוגל אַרויסצוברענגען:

„אין האַרבסט, ווען די בלעטער פֿאַלן און ווינטן בלאָזן־אָן פון די בערג פון הייליקן קרייץ, האָט זיך אָפט דערטראָגן פון קוימען אַ שטיל שפּילעניש, דין ווי אַ האָר און טרויעריק ווי די וועלט. אַפילו קינדער האָבן דאָס דערהערט. זיי פלעגן פרעגן — ,מאַמע ווער שפּילט עס ?' און די מאַמע האָט געענטפערט: ,שלאָף מײַן קינד — ס'איז דער טויטער קלעזמער'".

אַט אַזאַ מערקווערדיקער, ניט־דאַיִקער ניגון וויגט זיך און באַגלייט גאָר אָפט אַזוי שטיל סודותדיק באַשעוויסעס ברייטע שאַפונג. ס'איז רעאַליטעט און סוד־ווירקלעכקייט און מיסטיק, דעמאָניק — און לירישער טאָן. אַלץ צוזאַמען איז ווי אויסגעבונדן און שאַפט די אויסערסט פאַרביקע מאָזאַיִק פון באַשעוויסעס פּראָזע.

די שטימונג פון פאַנטאַסטיק און מיסטעריע האָט ער נאָך אײַנגעזאַפּט אין זײַן פריִער יוגנט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד אין דער היים, בײַ זײַן טאַטן דעם מורה־הוראה. לייענען מיר אין זײַן בוך „מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב" אַזוי: „אין אונדזער שטוב האָט מען אַלע מאָל גערעדט וועגן דיבוקים, גילגולים, הײַזער ווו עס האָבן אַרומגעשפּילט לצים. קעלערס — ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן בישט־גוטע, דער טאַטע האָט גערעדט דערפון, ערשטנס, צוליב דעם, וואָס די זאַכן זענען אים אָנגעגאַנגען. צווייטנס, דערפאַר ווײַל אין דער גרויסער שטאָט ווערן די קינדער קאַליע, מ'גיט, מ'זעט, מ'לייענט פּסולע ביכער. און עס שאַדט דעריבער ניט צו דערמאָנען אַז ס'זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע כּוחות". — —

„ווען דער טאַטע האָט גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן איז ער געוואָרן אין גאַנצן אַ צעפלאַמטער. ער האָט געטענהט — איז דער גרײַדיקער רב, חלילה,

געווען אַ ליגנער? זענען אַלע רבנים, צדיקים, גאונים — ליגנערס? און די אַפּיקורסים זענען די אמת־זאָגערס? ווײַ געוואַלד, ווי קאָן מען זײַן אַזוי פאַרבלענדט?״

כאָטש גאַנץ גיך איז ער געוואָרן, יצחק באַשעוויס, אַן אַפּיקורס אין די די אַלע זאַכן, אַן אָפּפרעגער פון דעם, וואָס עס האָט באַוועלטיקט זײַן „טאַטנס בית־דין־שטוב״, דאָך זענען משמעות, אַ סך פון די גלייבונגען, און בעיקר די ספּערעס פון גוטס און רישעות, פון גוטס און בייז, געבליבן אײַנגעקאַרבט אין זײַן קינסטלערישן מהות, אין זײַן דערציילערישן געמיט. דעריבער ווערן אַזוי נאַטירלעך די אומגלייבלעך־גלייבלעכע פאַנטאַסטישע „מעשׂיות פון הינטערן אויוון״. דאָס זענען דאָך דערציילונגען געבויט אויף פאָלקלאָר, פאָלקלאָר־מעשׂיות און לעגענדעס, אָבער מיט זײַן רעאַליסטישן, איינציק־אַרטיקן שילדערונגס־כּוח דערגייען זיי צו הויכע מדרגות פון נאַראַטיווער ליטעראַטור.

און ער מאַכט אונדז גלייבן אין דאָס אומגלייבלעכע, פאַנטאַסטישע. זײַן באַזונדערער שרײַבסטיל, זײַן איינפאַכקייט פון נאַראַציע, די פּשטות און פאַרביקייט פון זײַן שפּראַך נעמט אונדז אַרײַן און מיר גייען אים גאָר אָפט נאָך אין דעם פּייסאַזש און טיפּאַזש, אין זײַן וועלט פון מיסטעריע. און אָפט פילן מיר בחוש, אַז קרום איז ניט אַנדערש ווי גאָר גלײַך.

דעריבער איז טאַקע גאָר מעגלעך אַז יענטל וואָס איז שוין פון פריער געווען אַ מיידל אַ למדנית זאָל נאָך איר טאַטנס טויט ווערן אַ ישיבה־בחור, וואָס זאָל דורכבבערעכן האַרבע סוגיות און לערנען גמרא מיט תּוספות און עסן טעג...

אַגב, פאַר וואָס זאָל די בתולה ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ישיבה־בחור, אַ ר׳ אַנשל? אַט איז דאָך אַ גרויש מיידל פון ענגלישן יִחוס, יאָהאַנאַ האָט זי געהייסן, געוואָרן אַ פּויפּסט אין וואַטיקאַן און היסטאָריקערס באַווײַזן עס באותות ומופתים אַז יאָהאַנאַ איז געוואָרן יוחנן דער 8טער — פּויפּסט וואָס האָט געקיניגט איבער דער קריסטלעכער וועלט.

פאַנטאַסטיק, עראָטיק, מיסטעריע — איז גאָר אַ סך בנימצא אין זײַן שאַפונג. באַשעוויס איז אויך דער וואונדערלעכער שילדערער פון געטראָפּענעם און געשטראָפטן מענטש. ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ וועלט, בעיקר אונדזער

יידישע וועלט פון וויַיטן עָבר, פון נעכטן און פון אונדזער היַינט. אָבער דאָס אַרויסבררענגען דעם מענטש און זיַין סביבה מיט זיַינע פסיכישע מומים, מיט זיַינע דורכפאַלן, איז אויך אַ וועג צו אַ אידעישן באַגער, צו שטרעבן און צילן צו העכערס. ——

ס'איז די וועלט פון רעאַליטעט און פאַנטאַזיע, פון וואָר און פאָלקלאָר.

אַז באַשעוויס איז אַ קינסטלער וואָס טראָגט אין זיך פּאָזיטיווּן מיין זעען מיר דאָך אויך פון דעם, וואָס ביז היַינט שריַיבט ער קינדער־דערציילונגען.

יצחק באַשעוויס איז דער וווּנדערלעכער שילדערער פון נעכטיקן און אַקערשטיקן לעבן. אַ מיַיסטער־געשטאַלט אין אונדזער ליטעראַטור.

אליעזר שטיינבאַרג

מיט הונדערט יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל ליפּקאַן, בעסאַראַביע, אליעזר שטיינבאַרג, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ זעלטענער משלים־שרײַבער און דיכטער.

די יידישע ליטעראַטור האָט ביז אים נישט געוווּסט פון אַזאַ אַרט און נוסח, ווי ס'איז געשריבן און געפורעמט זײַן מעשה, זײַן ליד און זײַן משל. מ'האָט אים פאַרגליכן מיט די גרעסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור — מיט קרילאָוון און לאַפאָנטען, הגם ער איז דורכויס — און נישט נאָר טעמאַטיש — היימיש־יידיש, לומדיש און פאָלקסטימלעך.

ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן יידיש און העברעיִש, געבליבן איז ער בײַ יידיש. דאָס איז דאָך געווען דאָס לשון פון זײַן שטאַם, פון די קערנדיקע, פאַרוואָרצלטע בעסאַראַבער יידן. צו אים האָבן אַרויפגעקוקט מיט ליבע און התלהבות נישט נאָר די שרײַבערס, בײַ וועמען ער איז באַלד געוואָרן זייער לערער און וועגווײַזער, ער האָט בפועל־ממש געווונען דאָס יידישע רומעניע, אײַנגענומען די מאַסע און די אינטעליגענץ, די יידן פון בעסאַראַביע און די אינטעליגענטן פון בוקאָווינע, פון טשערנאָוויץ, וווּ שטיינבאַרג איז געוואָרן אַ תושב. צווישןביידע וועלט־מלחמות — און דער עיקר עטלעכע יאָר פאַרן יידישן חורבן אין אייראָפּע — האָט טשערנאָוויץ געבראַכט גאָר אַ וויכטיקן צושטײַער צו דעם אויפשטײַג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און קולטור, דאָרט האָט געשאַפן און אויסגעווירקט מיט זײַן געדאַנק, מיט זײַן וואָרט, מיט זײַן קינסטלערישן אײַנפלוס אליעזר שטיינבאַרג.

דאַכט זיך, אַז נאָך שלום־עליכמען איז שטיינבאַרגס שאַפונג די פאַרביקסטע און באַטעמטסטע, וואָס פאַרשאַפט גענוס. אָט די גײַסטיקע הנאה קומט פון דער אייגנאַרטיקייט אין זײַן פאָרעם, פון דער וויצקייט, לויטערקייט און מעלאָדישקייט פון זײַן שפּראַך. אָבער פאַרשטייט זיך, אַז שטיינבאַרגס גרויסקייט ליגט קודם־כל אינעם תוך פון זײַן שאַפונג, אין דעם מהות פון זײַן טעמאַטיק, אין זײַן קריטיש־אַנאַליטישן צוגאַנג צום לעבן, צום יידישן לעבן, און דעם באַנעם פון וועלט און מענטש, מענטש און נאַטור, יושר און נאָך אַזאַ אייביקע טעמע — גערעכטיקייט.

אפשר נאָך מער ווי זײַנע עלטערע פֿאַרגייערס אין דער וועלט־ליטע־ראַטור, האָט ער צוגעשפּיצט אין זײַן משל דעם געפּיל פֿון יושר און גערעכ־טיקייט, אָנגענומען זיך די קריוודע פֿון באַעוולטן און פֿאַרפֿאַלגטן. זײַן משל — ווי דער רוב משלים — ענדיקט זיך מיט אַ מוסר־השׂכּל, וואָס ווירקט זיך אויס און קאַרבט זיך אײַן אין געמיט און האַרץ. ווי מערקווערדיק: אָט איז ער תּמימותדיק, ציטעריק, שעמעוודיק, און באַלד שפּיציק און שנײַדיק, און צווישן ביידע ליגט אַ מײַסטערישע בילדערישקייט און גוטהאַנקלעכקייט.

שטיינבאַרג האָט לכתּחילה געשריבן לידער, אָבער דווקא אין דער פֿאָרעם פֿון די משלים האָט ער אַרויסגעבראַכט אייגנאַרטיקייט, אָריגינאַליטעט. דער קינסטלער האָט געפֿונען זײַן פֿולן אויסדרוק אין די פֿילאָסאָפֿיש־עטישע, סאַטירישע באַטראַכטונגען — אין די משלים. פֿון זײַנע משלים גייט אויף דיכטערישע שיינקייט, באַזונדערש פֿון יענע שטעלן, ווו ער מאָלט נאַטור־בילדער, ווו ער שילדערט פֿעלדער אוןביימער און הימישע חיות, צי גאָר אַ וואָגן מיט חבֿרה קלעזמאָרים:

ציט אַ וואָגן מיט פֿיר סקריפּענדיקע רעדער — אַ מוזיק,
אויפֿן וואָגן חבֿרה קלעזמער — אויף אַ חתונה,
צי מיר דאַכט זיך, פֿון דער חתונה צוריק.
פֿאַרך, פֿאַרן קלעזמערלעך געלאָסענע,
ס׳יאָגט אַ ווינטעלע אויף זיי אַ שלאָף —
אָפּגעשפּילט אַ נאַכט דעם רבֿ
און דעם בעדער,
זאָלן שפּילן איצט די רעדער.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר שטייבאַרגס יושר־געפֿיל, וואָס ער וועט באין־אופֿן נישט דערלאָזן, אַז נאָר פֿאַרן רבֿ זאָלן שפּילן די קלעזמאָרים. זײַנע קלעזמאָרים שפּילן פֿאַרן בעדער אויך, שפּילן פֿאַרן המון־עם, ווי פֿאַר די מיוחסים פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה, אָט די בטלה אויסצוגלײַכן שיכטן, קלאַסן און מענטשן איז געוואָרן דער הויפּטאַקס פֿון זײַנע משלים. דאָס האָט אַזוי באַליבט געמאַכט זײַנע משלים בײַם פֿאָלק, און טאַקע דערפֿאַר איז אַזוי

אומגעהײַער פּאָפּולער זײַן משל „דער חלף און די זעג״, וואָס איז פּלאַסטיש שאַרף און אָפן, און ווו דער מוסר־השׂכל האָט זיך אַזוי אײַנגעקריצט:

נאָך עד־היום איז אַ זעג, אַ בעל־מלאכה,
גאָר אַ פלעק אין דער משפּחה,
און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה —
אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה!

אליעזר שטיינבאַרג איז געווען אַחוץ אַן אײגנאַרטיקער דיכטער און מעשׂהלעך־דערציילער, אויך אַן אײגנאַרטיקער לערער און דערציִער פון יידישע קינדער. פאַר אַ סך יאָרן איז ער געווען דער מדריך פון הונדערטער יידישע קינדער אין רומעניע. עטלעכע יאָר דירעקטאָר פון אַ יידישער שול אין בראַזיל. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אָריגינעלן סיסטעם פון לערנען יידיש און העברעיִש אין איינעם. בכלל האָט ער אויפגעשאַפן אַ באַזונדערן חינוך־סיסטעם.

דער שרײַבער יעקב באָטאָשאַנסקי ע״ה, אַ נאָענטער צו שטיינבאַרגן און אַ יינגערער חבר זײַנער, האָט דערציילט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן און וויכטיקן פּרט: „...די משלים וואָס שטיינבאַרג האָט געשריבן אין יידיש האָבן געגרייכט ביז צו די חכמי אודיסאַ און געגרייכט צו ביאַליקן, און דער מחבר פון 'אין שחיטה־שטאָט' איז פאַר זיי באַגײַסטערט געוואָרן און ער האָט געשיקט זאָגן דעם יונגן פאַבוליסט, אַז אויב ער וועט זיי איבערשאַפן אויף העברעיִש, וועט מען זיי אַרויסגעבן מיט אַזאַ הידור, ווי מען האָט נאָך נישט אַרויסגעגעבן קיין שום העברעיִש בוך...״

אַזאַ איז געווען ביאַליקס באַציִונג צו שטיינבאַרגס שאַפונג. שטיינבאַרג האָט די משלים נישט איבערגעזעצט, נישט איבערגעשאַפן, ווי ביאַליק האָט עס פאַרלאַנגט. מסתמא האָט ער עס ניט באַוויזן. ער איז געשטאָרבן אַלט זײַענדיק בלויז צוויי און פופציק יאָר, אין סאַמע בלי פון זײַן שרײַבערישער אַקטיוויטעט. אָבער זײַן משל, זײַן אײגנדיקער ניגון איז געבליבן און וועט בלײַבן.

1980

די פּאָעזיע פון מאַני לייב

וואָלט ניט געשטאַלטעוועט אין אונדזער איצטיקער צײַט אַזאַ פאַר־דריסלעכע, בײַסיקע שכחה, וואָלט מען זיכער אָפּגעצייכנט — און פאַרגעמיק אָפּגעצייכנט — די דרײַסיקסטע יאָרצײַט נאָך איינעם פון די ווערטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע שאַפערס אין דער ייִדישער פּאָעזיע — מאַני לייב. אָט די אָנדענק־דאַטע איז אויסגעפאַלן כּמעט אין איין צײַט מיט דעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון מאַני לייב (דעם 20סטן דעצעמבער 1983). ער איז ניפטר געוואָרן צוויי חדשים פאַר זײַן ווערן אַ בן־שבעים.

זײַן נאָמען איז געווען מאַני לייב בראַהינסקי, געבליבן איז ער בײַ מאַני לייב. אַזוי האָט זיך צעקלונגען זײַן נאָמען אין דער ייִדישער דיכטונג. אויך ער איז געקומען פון דער געדיכטער ייִדישער אָרעמקייט. ווי דען אַנדערש? וויפל ייִדישע דיכטערס, קינסטלערס, שרײַבערס זענען עס אויס־געוואַקסן, געקומען פון פאַרמעגלעכע היימען?

מאַני לייב איז געבוירן אין דעם שטעטל ניעזשין, טשערניגאָווער גו־בערניע, אין אַן אָרעם שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, און די זעקס קינדער, צווישן וועלכע ער איז געווען דער בכור, זענען געשלאָפן אויפן דיל. זײַן טאַטע איז געווען אַ מאַרקגייער. אַ ביטערער אָרעמאַן, וואָס האָט ניט געקאָנט צונויפ־שלאָגן דאָס אויסקומעניש פאַרן הויזגעזינד, צוגעשטופּעוועט צו זײַן פּרנסה האָט ער אויך פון זײַן שרײַבן. ער פלעגט שרײַבן בריוו פאַר די שטעטלשע עגונות און פאַרלאָזענע כּלות... און אַז זיי פלעגן הערן זײַנע בריוו פלעגן זיי ערשט פאַרשטיין דייער דאָליע און ביטער וויינען...

אויב עס זענען בנימצא פאָלקלאָרטענער אין מאַני לייבס שאַפן, קומט עס אויך פון יענעם מקור — פון דער יוגנטלעכער וואָר, פון טאַטע־מאַמע־היים, פון די ייִנגלשע יאָרן. מחמת עס ווערט איבערגעגעבן וועגן אים („לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור", באַנד 5): „אײַנגעשניטן האָבן זיך אין פּאָעטס זכרון די שבת־צו־נאַכטסן בײַם טאַטנס טיש. אַרום זענען געזעסן דאָרפגייערס, פערדהענדלערס, מעשׂה־דערציילערס. מען האָט אויסגעטרונקען זעקס סאַמאָוואַרן טיי, אויסדערציילט אַ וועלט מיט מעשׂיות, וווּנדיירים וועגן פאַרשנייטע, פאַרכּישופטע וועלדער, וועגן פערד־גנבים,

וועגן מטמונס געגנבעט געלט, פאַרבלאָנדזשעטע פערד, פאַרלוירענע שטיוול, ייִדן גייערס מיט טאָרבעס, וועגן אליהו הנביא, מעשיות וועגן גזלנים, מתים, מכשפים"... אַ לאַקנדיקע, פאַרכאַפּנדיקע וועלט.

אין ניעזשין איז מאַני לייב געוואָרן אַ באַלמעלאָכע און אַ רעוואָלוציאָנער. בײַ דעם, בײַ די בײדע, איז ער געבליבן כּמעט אַ גאַנץ לעבן.

צו 22 יאָר איז ער געקומען קיין אַמעריקע, האָט דאָרט דורכגעמאַכט — ווי דער אימיגראַנטישער שטייגער איז געווען — קאַלטס און וואַרעמס. אויסגעטאָן אַלע מלאָכות. אָבער דורך אַלעם און איבער אַלעם איז אויפגעגאַנגען דער פּאָעט, דער ווירטואָז פון ייִדישן ליד.

*

עס איז געווען בשעתו מער ווי אַ ליטעראַרישער אויפטו דאָס אַרויסגעבן דעם פאַרנעמיקן בוך „לידער און באַלאַדן — שירים ובלדות", וואָס איז דערשינען (אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג) צו דער צענטער יאָרצײַט פון דעם „פּרינץ פון ליד", ווי עס האָט ווער ריכטיק אָנגערופן מאַני לייבן.

קודם־כּל די עצם זאַמלונג. דאָ האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ מאַניפעסטאַציע פון זײַן ניגונדיקער ליריק, פון זײַן פאָלקסטימלעכער באַלאַדע, פון זײַן פאַרביקן ליד. והשנית, די בריהדיקע איבערזעצונגען פון שמשון מעלצער, וואָס האָט שוין זײַן פאַרדינסט בײַם אַרײַנברענגען ייִדישע דיכטערס אין דער העברעיִשער שפּראַך. דער לייענער, אויך דער ישׂראלדיקער לייענער פון פּאָעזיע, האָט דאָ געקאָנט געניסן פון דער שיינקייט און מעלאָדישקייט, וואָס דער מײַסטער פון דער ייִדישער פּאָעזיע מאַני לייב האָט געשאַפן, וואָס ער האָט געזונגען און באַזונגען במשך אַ יובל יאָרן. די לידער־זאַמלונג איז געדרוקט אַ זײַט קעגן אַ זײַט — אחד מקור ואחד תרגום — אַ נייטיקע און קאָנסטרוקטיווע פאַרעם צו באַקענען דעם העברעיִשן לייענער מיט ייִדישער שאַפונג. און אפשר טאָקע מער ווי דאָס. וויל מען, איז עס מהותדיקע פאַרבינדונג, איך וואָלט אַפילו געזאָגט: אַ וויכטיקער זײַל אין אויפשטעלן די גײַסטיקע בריק צווישן מדינת־ישׂראל און ייִדיש־פאָלק אין דער וועלט. (ווי דאָס טוט הײַנט דער קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין זײַן אויסגאַבע „גשרים־בריקן").

וואָס איז געווען מאַני לייב אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער ייִדישער פּאָעזיע? אין אַ ליד דערקלערט ער:

איך בין מאַני לייב, וועמ׳ס נאָמען ווערט אַ באַוווּסטער,
פון בראָנזוויל ביז יעהופּעץ — העט;
מיט אַלע שוסטער — אַ גוטער שוסטער,
מיט אַלע פּאָעטן אַ גוטער פּאָעט.

ס׳איז טאַקע פאַראַן אין די שורות אַ היפּשע דאָזע פון טראַצקין, ווילע־רישן „ראַזמאַך״. אָבער אַן אמת איז עס. געווען איז ער אַ קאַמאַשן־שטעפּער, און משמעות אין זײַנע יונגע יאָרן אויך ליב געהאַט דאָס פאַך. און אַ פּאָעט — איז ער דאָך געווען און פאַרבליבן ווי איינער פון די פאַרמירערס פון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג. זײַן טיפער פערזענלעכער געפיל, זײַן רײַכע אינעווייניקסטע וועלט, זײַן כּישופדיקע מעלאָדישקייט און זײַן דיכטערישע וויזיאָנערישקייט האָבן אים באַלד אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון ייִדישן ליד. ער איז געוואָרן דער פאַרזאָגער פון די יונגע — פון דער גרופּע „יונגע״ אין אַמעריקע, וואָס זייער שול און ריכטונג האָט געהאַט אַ קאָנטיקע השפּעה אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איציק מאַנגער אין דעם אַרײַנפיר צו דעם בוך „לידער און באַלאַדן״ זאָגט: „מאַני לייב איז געווען דאָס שיינדל פון די ,יונגע׳, דער ליריקער פאַר עקסעלאַנס, אַ מין יוסף צווישן די ברידער־פּאָעטן, נאָר אָן דער קינאה פון די ביבלישע ברידער. פאַרקערט, די ברידער־פּאָעטן האָבן זיך געגרייסט מיט אים. זיי האָבן אים אויך אָנגעטאָן דאָס זײַדענע ייִחוס־העמדל, וואָס האָט אים געפּאַסט אויסגעצייכנט. ער האָט דאָס זײַדענע העמדל געטראָגן מיט חן און מיט ווערדע אַ לעבן לאַנג. אָנגעהויבן פון זײַן אויטאָפּאָרטרעט ,איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן׳, ביז צו זײַן עפּיטאַף ,דאָ ליגט הערש איציקס זון מיט שערבלעך אויף די אויגן׳״. אָט צווישן די צוויי לידער ליגט איבער פופציק יאָר פון מאַני לייבס פּרעכטיק־דיכטערישן געוועב, די דין־ניואַנסירטע ליריק, דער איכי־שער טרויער. ער זינגט וועגן זײַן היים אין ניעזשין און אַמעריקע:

ניו־יאָרק, ניו־יאָרק, ווי זאָל איך לויבן
דײַן פּראַכט, דײַן גרויסקייט און דײַן רום?
איך ליג אַ שטויב אין דײַנע שטויבן,
און פאַר דײַן גרויסקייט בין איך שטום.

און דאָך זאָגט ער אינעם זעלבן ליד:

אויך איך האָב דאָ אין טריט געטראָטן
אויף דײַן צעשפּיגלטן אַספאַלט
דאָ — אומגעזוכט פון גליק דעם שאָטן,
דאָ — מיט זײַן שאָטן אויפגעשטראַלט.

אויפגעשטראַלט! ווי אַ דיכטער וואָס זײַן מאָטיוו און טעמע איז כּמעט שטענדיק אייגענע שטימונג און איבערלעבונג, קרייצן זיך בײַ אים — אָדער ריכטיקער: דערגאַנצן זיך — דער אומעטיקער אימאַזש און טאָן מיטן אויפשפּיל פון היטערקייט פון פריידיקע מינוטן. די וועלט איז שיין און גוט; זי קאָן זײַן שיין און גוט, אַנישט וואָלט ער דאָך נישט געקאָנט זינגען און דערציילן זײַנע ווונדערלעכע לידער־מעשׂהלעך פאַר קינדער. מאַני לייבס קינדערלידער! ווער געדענקט עס ניט דעם „יינגל צינגל כוואַט", דאָס „ליד פון ברויט" און „ווונדער איבער ווונדער"? ביז אַנומלט, ווען יידישע קינדער האָבן אין די שולן און אין די היימען געזונגען יידישע לידער, ווען יידישע לידער פלעגן ווערן רעציטירט — ביז דעמאָלט זענען דאָך אָט די לידער געווען פון די סאַמע לעבעדיקסטע און פּאָפּולערסטע אין דער יידיש־קינדערישער וועלט.

איך ווייס נישט ווי בײַ אַנדערע, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אַ דיכטער וואָס שרײַבט קינדערלידער איז טאָפּלט אין באַטײַט און ווערטיקייט; נישט נאָר ווײַל ער מוז טראָגן אַ ליבשאַפט צו די אָרנטלעכע און צאַרטע וועזנס. ער שטייט דאָך אויך פאַרן געטרײַסטן און אוממיטלדיקסטן לייענער — דאָס קינד.

אין דער קינדערוועלט — האָט מען געזאָגט וועגן מאַני לייבן — איז ער געקומען נישט ווי קיין אורח אָדער גר. דעם זעלבן הימל וואָס ער האָט אויסגעטרוימט פאַר גרויסע האָט ער מיטגעבראַכט פאַר זיי. אָט ווי שפּילעוו־

דיק, האַרציק און ייִנגל־צינגל־כוואַטעדיק ער איז אין זײַן „אַ זון מיט אַ רעגן״:

מיט די זילבערנע פּיסלעך
לײַכט, לײַכט און לינד
האָט געטאַנצט דער רעגן
מיטן גאָלדענעם ווינט.
האָט געטאַנצט דער רעגן
אין זײַן העלער קרוין
איבער ליכטיקע גאַסן —
איבער עלפּנביין.

די וואָס קאָנען נישט די שאַפונגען פון מאַני לייבן, זאָל זיי חלילה נישט אײַנפאַלן צו טראַכטן, אַז זײַן ליד איז געבונדן בלויז צו אויסדרוקן פון זײַן שטימונג, צו זײַן שפּירונג, צו זײַן דיכטערישער ראָמאַנטיק. אמת, ער זוכט נישט און ווענדט זיך נישט צו אַלע פּאַרלויפּעבישן און געשעענישן. אָבער אַ פיבערדיקער און איפעריקער נעמט ער אויף, צו ערשט, דעם אַלוועלטישן הומאַנעם ווילן, פאַר וועלכן ער איז אַפילו אין די יונגע יאָרן געזעסן אין צאַרישער תּפיסה. זײַן דראַנג איז געווען צו אַ יושרדיקן, פרײַ לעבן. דער לויטערער קינסטלער און שפּראַך־מפונק באַגלייט טאַקע נישט אָט דעם שטרעבן זײַנעם מיט קיין סאָציאַלן פּאַטאָס, מיט קיין שטאַרקע ווערטער. ער ווירקט דאָ אָבער טיפער מיט זײַן פאָלקסטימלעכן בילד, מיט ראַפינירטן דיכטערישן אויסדרוק, מיט זײַן איגנדיק פאַרמירטער מעלאָדישקייט.

„דאָס מוזיקאַלישע אין דער ייִדיש־פּאָעטישער טראַדיציע — שרײַבט מאַנגער אין אַרײַנפיר צו דעם בוך ,לידער און באַלאַדן׳ — איז געווען דאָס ייִדישע פאָלקסליד. די ,יונגע׳ האָבן דאָס דערשפּירט און זיך דערפרייט מיט דעם פאָלקסליד. מאַני לייב... האָט מיטן פאָלקסליד־קלאַנג אין די אויערן געשאַפן אמתע לירישע פּערל, לידער וואָס געהערן צו די שענסטע אין אונדזער ליטעראַטור.

...די ייִדישע מוזע — אַ מין סינדערעלאַ, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג באַוויינט אירע יונגע יאָרן אונטער דער חופּה, ווען דער בדחן האָט איר

אַרײַנגעגרילצט זײַנע הײַזעריקע מוסר־גראַמען אין די אויערן, — די ייִדישע מוזע מיט איר אײגענער פרייד און אײגענעם טרויער, זי האָט אָנגעהויבן זינגען און דער בדחן איז נעלם געוואָרן...״

אַוודאי איז מאַני לײב, ווי אַנדערע גרויסע דיכטערס און קינסטלערס, געווען אַ געראַטענער אויפֿוווּקס פֿון שטײגער און גאַנג. פֿון דורותדיקער ייִדישער שאַפֿונג. ער האָט געהאַט וואָרצלען אין אַ ייִדיש־פּאָעטישער טראַדיציע. „זײַן ליד איז געווען אַ שטאָפּל העכער, זײַן ליד — אַ ראַפֿינירטע אויטאַנטורע, — ווי מאַנגער רופֿט עס אָן — ווו שאָטן פּאָרט זיך מיט שאָטן און די פֿליט מיטן האָרן״.

...ער איז געווען דער שאַרמאַנטער פּרינץ פֿון דער ייִדישער ליריק. יעדער מאָטיוו, וואָס ער האָט אָנגערירט, האָט געגומען ציטערן, זינגען מיט עכטקייט און איבערלעבונג, מיט זעהונג און אַנטפּלעקונג. אַפֿילו זײַנע באַלאַדן, וואָס זענען פֿאָלקסטימלעך און פֿאָלקסטאָניק, טראָגן אין זיך דעם חותם פֿון דיכטערישער אַריסטאָקראַטישקייט. והראיה, ווײַזט אָן מאַנגער: „נעמט דעם שנײַדער־מײדל־מאָטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע פֿון פּרץ, ווינטשעווסקי, ראָזענפֿעלד, ביז מאַני לײבס ליד ,אויף דער פֿינפֿטער עוועניו״:

אויף דער פֿינפֿטער עוועניו, אין אַ ווײַסן מויער,
אין אַ ווײַסן מויער, אויפֿן דרײַצנטן שטאָק,
נײען מײדלעך און וואַרטן אין דער בלײַכקייט פֿון טרויער
אויפֿן פֿרילן סיגנאַל פֿונעם אונטגלאָק.

נאָר דער גלאָק שלאָפֿט פֿויל אין אַ זומפּ פֿון שטונדן,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין דעם שטיין פֿון ווענט,
און די נאָדלען ווײַנען און באַווײַנען וווּנדן,
און דאָס זײַד שאַרכט, שאַרכט אין די מײדלשע הענט...

ווײַסער זײַד, ראָזער זײַד, פֿיאָלעטער און בלאָער,
און די נאָדלען ווײַנען דיך און טריב.
און די זון אויף די פֿענצטער אין דער בלײַכקייט פֿון טרויער
קריכט אין די הײסע זײַלן פֿונעם גרינעם שטויב...

און די נאָדלען וויינען און באַוויינען ווונדן,
און דאָס זײַד שאָרכט. שאָרכט אין די מידלשע הענט.
און דער טאָג ליגט קראַנק אין די ווונדן פון שטונדן
איבער מידלשע הענט, אינעם שטיך פון די ווענט.

איך האָב געבראַכט דאָס גאַנצע ליד נישט כּדי צו אילוסטרירן די טיפּישע און באַקאַנטע אַרבעטער־ און שאַפּ־מיליע פון יענער צײַט. איך וויל דאָ אָנדײַטן אויף דער כאַראַקטעריסטישער שטימונג און אַטמאָספער, אין וועלכער מאַני לייב איז מסוגל צו דערהייבן אַט די סאָציאַלע און שטייגערישע בילדער.

מאַני לייב האָט, ווי זעלטן ווער פאַר יענער צײַט, זיך גיך פאַרגלידערט אין דער אַמעריקאַנער וואָר. ער האָט אײַנגעאָטעמט הן די רוישיקע ניו־יאָרקער גאַס, הן דעם עלנט, וואָס עס ווייעט פון דעם איינזאַמען מענטש. ער האָט אויפגענומען דעם אימפּעט פון גרויסשטאָט, די בליציקע אויפטוען און דערגרייכונגען פון דער וועלט־מעטראָפּאָליע, און אויך דעם מענטשלעכן זיפץ און דעם אומעט, וואָס ליגט צו מאָל בײַ די ראַנדן, בײַ די שוועלן פון די פּעריפעריעס, אַט ווי אין דעם ליד „ברוקלין": „און אומעט גרויט דײַן אינדערוואָכן / דורך אַלע טעג; און אומעט וואַכט / בײַ יעדער שוועל, בײַ יעדן שכן, / בײַ יעדן פײַער אין דער נאַכט".

נאָר אַפילו אַזוי, זײַענדיק אויסגעבונדן מיט דער נײַער ווירקלעכקייט, וואָס האָט אים אָן־ספק „אַטאַקירט" און באַווירקט, און ער האָט זי אַרויס־געבראַכט אין אַ רײ לידער־ציקלען, מיט דעם ריטעם פון דרויסיקן אַרום און מאָדערניסטישן טאָן, איז אָבער זײַן היים פון אַ מאָל — ניעזשין — געבליבן אין אים, געבליבן מיט מהותדיקער פרישקייט. אפשר טאַקע ניט אַזוי אָנגעשפּיצט ווי בײַ זײַן מיטצײַטלער משה נאַדיר, אין וועמען עס האָט אָן אויפהער געהדיערט דאָס גאַליציישע באַראַיעוו. אָבער ניעזשין באַגלייט אים, די פּייזאַזשן און די סביבה פון די יוגנט־יאָרן זענען פאַראַנקערט אין זײַן זיכּרון, און ער קערט זיך אום:

ניעזשינער שליאַכן און שליאַטעס,
אוגערקעס, ווערבעס און שטרוי!

איבער די כאַליעווס בלאָטעס,
איבער די דעכער דער שניי.

און ער פאַרענדיקט דאָס ליד „ניעזשין” מיט אָט די כאַראַקטעריסטישע שורות:

און אַז די נאַכט איז צעשטערנט,
פול מיט געזאַנג און געוויין,
האָרכט מאַני לייבל און לערנט
וויינען און זינגען אַליין.

די דיכטערין ראַשעל וועפּרינסקי, מאַני לייבס לעבנס־באַגלייטערין (זײַן צווייטע פרוי) במשך די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר פון זײַן לעבן, האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל פראַגמענטאַרישע, ביאָגראַפישע קאַפּיטלעך וועגן און אַרום מאַני לייב. אין יאָר 1980 איז אַרויס (י.ל. פּרץ־פאַרלאַג) אַ זאַמלונג „בריוו 1918—1953, מאַני לייב צו ראַשעל וועפּרינסקי”. פון אָט די בריוו גייען אויף ניט נאָר זײַנע אינטימע געפילן און די באַציִונג צו דער, צו וועמען די בריוו זענען געשריבן, נאָר די דעקן אויף, ניט ווייניק — די שטימונגען, די חלומות, די פּלענער, ווי די ווידעראַנאַנדן פון דעם שרײַבערישן קהל און אַוודאי זײַנע אייגענע גערעַנגלען, טוונגען, שטרויכלונגען און די תדווה־געפילן, וועלן עס געראָט אים אין זײַן לידערישער וועלט.

אין דעם קורצן אַרײַנפיר צו דער בריוו־זאַמלונג פאַרצייכנט ראַשעל וועפּרינסקי: „מאַני לייב האָט געשריבן זײַנע לידער מיט אַ פרישן, בײַעם לשון און אַרײַנגעבראַכט נײַע שיינקייטן, וואָס האָבן שטאַרק באַווירקט דעם יונגן דור פּאָעטן. און גלאַטשטיין האָט שוין געשריבן ,אין זיך׳, וואָס איז דעמאָלט דערשינען: ,ס׳מאַני לייבט זיך צו פיל אין דער יידישער פּאָעזיע׳ — מיינענדיק צו זאָגן, אַז מאַני לייב האָט צו פיל נאָכמאַכערס אין אונדזער פּאָעזיע”...

אויב דאָס האָט טאַקע געמיינט דער פּיקחותדיקער יעקב גלאַטשטיין, איז עס אויך ניט קיין מאַליער. שיך צו זאָגן, פאַר אַלע דורות האָבן אויס־גערופענע פּאָעטן משפּיע געווען אויף דיכטערישע אָנהייבערס, מיטצײַטלערס,

מיטגייערס. קיין ספק ניט, מאַני לייב מיט זײַן באַזונדערן אויסדרוק, מיט זײַן בונטן אייגנדיקן לשון, מיט זײַן פּשטותדיקן און איינציקאַרטיקן טאָן, מיט זײַן איינפאַך־קלאָרן און צו גלײַך ראַפינירט־סובלימירטן דיכטערישן נוסח האָט געווירקט און באַווירקט הן דעם לייענער פון פּאָעזיע, הן די שרײַבערישע סביבה.

ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן מאַני לייב, נויט און זאָרג, שווערע פּראַצע אין די שאַפּן, און קראַנקייט; דאָס עטלעכע מאָל גויטוועגדיקע הייל־לונג אין סאַנאַטאָריע פאַר טובערקולאָז־קראַנקע האָבן אים צערודערט, אַרויסגעפירט פון גלײַכגעוויכט. אָבער אַפילו אין אָט די געדריקטע פּײַנפולע צײַטן האָט עס אים קיין מאָל ניט אַרויסגעפירט פון גײַסטיקן גלײַכגעוויכט, פון דער שרײַבערישער ספּערע און אינערלעכער באַלאַנסירטקייט.

טריב און שנײַדיק האָבן זיך באַטירלעך אָפּגערופן אין אים די גרויל־ידיעות וואָס זענען — אין די מלחמה־יאָרן — אָנגעקומען פון יענער זײַט ים, וועגן דעם וואָס עס געשעט מיט יידיש פאָלק אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. ראַשעל וועפּרינסקי באַמערקט אין דעם באַגלייטוואָרט צו דער בריוו־זאַמלונג: „ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1942. מאַני לייב איז פיזיש געווען אין אַ גוטן צושטאַנד, די קינדער זענען שוין געווען אונטערגעוואַקסן און פלעגן אונדז קומען באַזוכן. דאָס האָט מאַני לייבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן, און דאָך איז ער געווען גײַסטיק געדריקט, ווײַל ער האָט געזען אין דעם רוסישן קאָמוניזם און דעם דײַטשישן היטלעריזם אַ גײַיסיג אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק אין איינעם מיטן יידישן לשון, און דאָס איז געווען די שטימונג וואָס ער האָט אין יענע יאָרן אויסגעדריקט אין זײַנע לידער. די לידער שטייען אין אַ באַזונדערן ציקל אין זײַנע ביכער, — „1940—1953".

כאָטש ס'איז אַן אויטענטישער עדות־זאָגן פון אַזאַ נאָענטן מענטש, איז דאָך עפּעס קשה אָנצונעמען אַז מאַני לייב זאָל דעמאָלט האָבן אין איין אָטעם כורך געווען דעם רוסישן קאָמוניזם מיטן דײַטשישן היטלעריזם. על־כל־פּנים, אין אָט דעם ציקל לידער „1940—1953", וואָס איז אויך אַרײַן אין דעם באַנד „לידער און באַלאַדן" (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, ת"א, 1977, 366 זז', אַרויס פריער, 1955, אין ציקאָ־פאַרלאַג, נ"י) איז פון דעם קיין שפּור נישטאָ. קיין ספק ניט, צווישן די 33 לידער, וואָס געפינען זיך אין דער גרופּע („1940—1953") איז

פֿאַראַן אַ קענטיקע צאָל אין וועלכער מיר פֿילן אָפּ דעם פֿיבער, די פֿאַרלוירנ־קייט און דעם הויך פֿון דער פֿאַרווירטער צײַט, ווי מיר פֿילן אָפּ דעם פּלאַטער און די געשטײַגערטע טעמפּעראַטור פֿון זײַן געמיט. וואָס יאָ, אין די לידער פֿון דעם צײַטאָפּשניט קערט ער זיך גרײַלעך אום פֿון דעם פּאָעטיש שטיל־ניגונדיקן, פֿונעם לופֿטיק־זינגעוודיקן, וואָס איז געווען אַזוי אייגן פֿאַר אים — צו אַן אָפֿן אַקצענטירטן און בולט פֿאָלקסטימלעכן טאָן, אַ שטייגער דאָס ליד „און דו...״

און אַלץ איז געווען — און אַוועק:
די שיכּורע מעסערס מיט העק,
די קאַלכאויוונס, גרוילן און גסיסות
און שפּלע — הייליקע מיתות.
און וואָס איז פֿאַרבליבן אונדז וואָס?
נאָר אַש און גאָטס הייליקער אות,
וואָס מאָנט פֿון דעם אַש מיט אַ פֿינגער...
און דו, אַ פֿאַריתומטער זינגער.

קלאָר, אויך אין די פֿײַנפֿולע, פֿאַרטרויערטע יאָרן האָט ער געשריבן שאַרמאַנטע, מעלאָדישע לידער, געשריבן זײַנע ריטמישע, מעשׂהדיקע באַ־לאַדעס מיט דער שיינקייט פֿון געצערטלטן וואָרט און פּאָעטישן פּלי — — —

פֿון אַ באַזונדערער חשיבות און ווערטיקייט זענען מאַני לייבס סאָנעטן, וועלכע ער האָט געשאַפֿן אין די לעצטע יאָרן, כאָטש ער פֿאַרענטפֿערט זיך אַזוי חנעוודיק:

ניט שעם זיך, מײַן סאָנעט, מיט דײַנע אַלטע גראַמען,
וואָס איך האָב אויף דער עלטער דיך אַ פּוסטעפּאַס
אַרויסגעפֿירט פֿאַרפּוצט אויף אונדזער ברייטער גאַס.

האָט ער אין דער געצוימטער, געפֿאַסטער, פֿערצן־שורותדיקער פֿאָרעם אַרויסגעבראַכט אַן עולם־ומלואו. תּוכן און שטימונג, געדאַנק און געפֿיל, טיף מענטשלעכע קלוגשאַפֿט און אייגנדיקן פּאָעטישן באַנעם. אין די סאָנעטן

קומען צום אויסדרוק זײַן אַלייִדישער באַוווסטזײַן ווי זײַנע אינערלעכע ווידעראָנאַנדן אויפֿן פֿאַרנעמיקן שטח פֿון פֿאָלק און צײַט און וועלט. קיין צווייפֿל ניט, די סאָנעטן (דערשינען אויך אין אַ באַזונדער בוך, פֿאַרלאַג „די גאָלדענע פּאַווע", פּאַריז 1962) געהערן ניט נאָר צו מאַני לייבס רײַפֿסטע דיכטערישע דערגרייכונגען, נאָר זענען אַ ביז גאָר וויכטיקער, דערהויבענער בײַטראָג צו דער ייִדישער פּאָעזיע. לאָמיר פֿאַרענדיקן מיט אַ סאָנעט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן שטימונג, ערב זײַן פֿאַרגיין...

גבענטשט זאָל זײַן די ערד פֿון אונטער מײַנע טריט,
און איבער מיר די זון, וואָס צייכנט מײַנע טעג;
די ווינטן און די רוימען, וואָס איך זע זיי ניט,
נאָר ווי דאָס גראָז באַרירן מיך אויף זייער וועג;

דיביימער, וואָס זיי וואַקסן פֿאַר דער הייסער זעג;
די חיות, שטומע, וואָס איך פֿיל ווי ברידער מיט;
די פֿייגל, וואָס זיי רופֿן צו מײַן גרויען ברעג
אַרויף נאָך זייער הויכן פֿליגל מײַן געמיט.

געבענטשט, געבענטשט, נאָר טויזנט מאָל געבענטשט זאָל זײַן
פֿון מײַן געבאָרן יענער ערשטער טאָג,
ווען איך האָב אַל די וווּנדער אויף דער וועלט דערזען.

איך זאַמל זיי דורך טעג און וואַרעם זיי און טראָג
צו לייגן זיי בײַם קבֿר, ווו די פֿײַן שלאָפֿט אײַן
פֿאַר גליקלעכע ווי איך, וואָס וועלן קומען ווען.

איבער זײַן גאַנצער שאַפֿונג ליגט דער חותם פֿון אַן אייגנציקאַרטיקער, לויטערער דיכטערישער פּערזענלעכקייט — אַזאַ איז ער געווען מאַני לייב.

יעקב פרידמאַנס פּאָעטישע שאַפונג

(צום דערשיינען פון בוך „בראשית היתה הדממה")

דאָס בוך „בראשית היתה הדממה", די היקפדיקע זאַמלונג אין העברעיִש, גיט אַן אייגנטימלעכן קווערשניט פון יעקב פרידמאַנס פאַרשידנאַרטיקן און פאַרשידנפאַרביקן ליד, פון זײַנע אָנהייבן ביז זײַנע לעצטע שאַפונגען. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן אַז די 8 העברעיִשע דיכטערס, וואָס האָבן איבערגע־זעצט די לידער און פּאָעמעס,* האָבן ניט נאָר געראָטן איבערגעזעצט, נאָר געטאָן עס מיט אַ באַזונדער געפיל, מיט באַציִונג און פאַרערונג פאַר דער פּאָעטישער פערזענלעכקייט יעקב פרידמאַן און מיט ווירקלעכער אידענטי־פיקאַציע מיט זײַן ליד.

גאָר קיין ספק ניט, אַז די זאַמלונג „בראשית היתה הדממה" מיט די 130 לידער און פּאָעמעס, וואָס קומען אַרײַן אין דעם בוך — אין זייער גרײַלעך אויטענטישן העברעיִשן לבוש — איז אַן אויסערגעוויינלעכער אַקט אין דער מיפולער טווּנג צו דער דערנענטערונג פון ביידע ייִדישע ליטע־ראַטורן און איז אַ באַדײַטונגספולע מאַניפעסטאַציע פאַר דעם הײַנטצײַטיקן לייענער אין לאַנד.

דער אַרומנעמיקער און אַנאַליטישער אַרײַנפיר פון פּראָפ' דן מירון, וווּ ער טײַטשט אויס און כאַראַקטעריזירט די מאָטיוון פון פרידמאַנס שאַפונג, זײַן גאַנג און זײַן אָרט אין אונדזער פּאָעזיע, גיט צו ניט נאָר צו דעם שאַפע־רישן פּאָרטרעט פונעם דיכטער, נאָר איז אַן און פאַר זיך אַ פאַרבינדונגס־בריק צו דער דערקענטשאַפט פון איינעם פון אונדזערע אייגנאַרטיקע פּאָעטן און זײַן בײַטראָג צו דער ייִדישער דיכטונג. אָט דאָס לעצטנס דערשינענע בוך איז אַ דערהויבנדיק ווערק פאַר דעם אייגנטימלעכן שותפות פון אונדזערע ביידע ליטעראַטורן.

הײַיאָר האָבן מיר אָפּגעצייכנט 10 יאָר נאָך דער פטירה פון יעקב פריד־מאַן. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַז ניט לאַנג צוריק איז געוואָרן פופציק יאָר ווי

---

* ק. א. ברתיני, שלמה שנהוד, בנימין טנא, יוסף אחאי, ד. מירון, א. גינתון, חנוך קלעי.

עס איז דערשינען זײַן ערשט בוך, די דראַמאַטישע פּאָעמע „אויסגעשטערקטע הענט", אַרויס אין יאָר 1933 אין וואַרשע, בעת גאַנץ מיזרח־אייראָפּע האָט געבליט מיט שעפערישקייט און מיט שיינע האָפענונגען. שפּעטער איז אין טשערנאָוויץ אַרויס (אין יאָר 1935) זײַן פּאָעמע „אָדם", און ערב דער מלחמה זײַן לידערבוך „שבת". און ער האָט טאַקע באַלד אָנגעלאָקט מיט דער באַזונדערקייט און מיט דער מקורתדיקער אַנדערשקײַט פון זײַן ליד.

איך האָב אים באַקענט בעת ער איז אָנגעקומען אין לאַנד באַלד נאָכן אויפקום פון דער מדינה, נאָך דעם ווי מ'האָט באַפרײַט די עולים־לאַגערן אין ציפּערן. ער מיט זײַן פרוי האָבן זיך באַזעצט אינעם דאָרף בית־דגון. מיר האָבן אים אַלע באַלד ליב באַקומען (אַ זאַך, וואָס איז גאָרניט אַזאַ אָפּטיקע תכונה בײַ שרײַבערס). איך האָב מיך צוגעבונדן צו אים. ער האָט מיך ממש פאַרבליפט מיט זײַן שטיפערישקייט, מיט זײַנע זאַגענישן, וואָס זענען געווען אַזוי טעמיק אַז ס'האָט געצויגן צו אים, געצויגן אים צו הערן. כאָטש געווען איז ער אויך אַ וווּנדערלעכער שווײַגער, וועל־כּולם, — אַ זעלטענער מענטש, אַ גוטער, וואַרעמער חבר, אַ האַרציק־פשטותדיקער און ביז גאָר ראַפינירטער אין זײַן וועזן, האָט ער אייגנדיק אויפגענומען און רעאַגירט אויף אַל די פּאַר־לויפענישן און געשעענישן אין אונדזער לעבן. אַ באַגעגעניש מיט אים, אַ שמועס מיט אים, איז קיין מאָל ניט געווען קיין געווינטלעכער צוזאַמענטרעף, קיין דורכשניטלעכער שמועס. צי דאָס איז געווען די לויטערקייט זײַנע, צי די תמימות, כאָטש ער איז ווײַט ניט געווען נאַיוו, צי דאָס זענען געווען זײַנע אַפּאָריסטישע, שפּילעוודיקע רייד, צי גאָר דאָס פלוצעמדיקע אַרויספלי;ען זײַנס צו ספערעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט אַנדערע וועלטן, אַזוי צי אַזוי, ס'איז גוט געווען מיט אים.

מיר דאַכט, אַז עס איז זעלטן צו געפינען נאָך אַ דיכטער, אַ שרײַבער, אַ קינסטלער, וועמענס לעבן און גאַנג זאָל זיך אַזוי אידענטיפיצירן מיט זײַן שאַפן, אָדער: זײַן אויסערלעכער אויפפיר זאָל קומען אַזוי בולט צום אויסדרוק אין זײַן שאַפערישקייט. עס וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן: יעקב פרידמאַנס ליד איז זײַן געשטאַלט, איז זײַן פערזענלעכקייט, זײַן היים און זײַן וועלט.

איך וויל דאָ פּרוּוון באַהאַנדלען עטלעכע פון די מאָטיוון און עלעמענטן

פון זײַן שאַפן, ווי זיי קומען, און ווי איך פיל זיי אָפּ אין זײַנע ביכער, וואָס זענען דערשינען דאָ אין לאַנד. „פאַסטעכער אין ישׂראל" איז דאָס ערשטע בוך, וואָס איז אַרויס אין ישׂראל (1953). וועלכע פאַסטעכער מיינט עס דער דיכטער? פאַסטעכער־אַפּאַסטאַלן, פאַסטעכער־נביאים, צי די פּשוטע רועי־צאָן פון דורי־דורות? אָדער באַטראַכט ער זיך אַליין, דער ייִדישער דיכטער, ווי אַ פאַסטעך אין אייגענעם לאַנד? טאַקע מיט אַ „תּפילה פון אַ פאַסטעך" עפנט זיך דאָס לידערבוך:

זײַ גוט צו מיר, גאָט,
כ׳בעט נישט קיין סך:
איך וויל פילן דײַן ליבשאַפט,
רוט אויף דײַן דאַך.
און פאַר דער שוועל פון מײַן הויז,
ווען איך עפן די טיר,
זאָל די זון און דער רעגן
דערציילן פון דיר.

פאַראַן שוין אין די עטלעכע שורות די בולטע שפּורן פון פרידמאַנס גאָטבאַנעם, די שפּירונגען און זוכענישן פון כּביכול, און זײַנע פרומע ווינטשן פאַרן פּשוטן קיום און מענטשלעכן זײַן. די דאָזיקע עלעמענטן זענען אין אַ היפּשער צאָל פון זײַנע פריִערדיקע און שפּעטערע לידער אַ סך קאָמפּליצירטער, זיי באַוועגן זיך זיגזאַגיש אין, צו מאָל, מיסטישע דימענסיעס, אין שטילער פאַרטײַעטקייט, אַזוי גרײַלעך אויך אין אָפענע, איינפאַכע ווי טײַטש־חומשדיקע מעשׂיות, מיט אַלטפאָלקישן תּחינותדיקן געבעט.

פרידמאַן באַוווּנדערט מיט זײַן שטילן, זײַטיקן און אַפילו שעמעוודיקן אַרויסברענגען פראַגעס און געשעענישן, וואָס שטייען ברומו של עולם. ער טוט עס מיט ציטער און מיט ספיקות, נאָר אָט גיט ער זיך ראַפּטעם אַ שטעל אַוועק מיט אַזאַ געוואַגטקייט און כּוח, אַז ער צעטרייסלט שיִער ניט די זײַלן פון סדרי־הוועלט. פאַראַן אָבער אויך די פאַרביטערטקייט, די מידקייט און דער אומעט פון אונדזער דור. ס׳איז געווען אַ היים אין גאַליציע, אַ שורשדיק־

חסידישע היים. שפּעטער: צווישן דעם געזונט־יאָדערדיקן יידישן רומעניע — בײדע זענען פאַרפּינצטערט געוואָרן. הונגער און פאַרלענדונג האָט דאָ געשאַלטעוועט — און עס זענען געקומען די ביטערע נסיונות פון טראַנס־ניסטריע, פאַרשיקונג, פּײַן און פּחד, ס׳האָבן די אומקום־יאָרן געלאָזט זייער חותם. זיי האָבן שפּעטער זיך אָפּגערופן פאַרקאַרבטע אין געמיט און גענייגט צו אַנדערע טראַכטענישן, שפּירונגען, ספיקות.

די איבערלעבונגען האָבן אַרויסגעוווירקט זייער באַשטימונג; זען די וועלט, אונדזער קיום, זען אונדזער דור אין דער גאָרער צעטרייסלטקייט. און די צווייפלענישן נאָגן דאָס חיות. יעקב פרידמאַן האָט זיך געראַנגלט מיט אָט די פּראָבלעמען. צי האָט ער זיי בײַגעקומען? ניט דאָס איז די פראַגע. וואָס הייסט בײַגעקומען? דאָס איז דאָך דער אייביקער אינערלעכער גע־ראַנגל. אָבער זײַן ליד בלײַבט אַלע מאָל אין דער ספערע פון ליד. אין דער גענעזע פון ליד, אין דער ראַם פון פּאָעזיע. זײַן וויטיק און אויסגעשריי איז אויך אין דער בחינה פון עכטער דיכטונג, אַלע מאָל דיכטונג.

ער איז כּולו פּאָעט.

מ׳פילט אין זײַן ליד דעם שעפערישן אומרו, זײַן ערשטע פאַרנעפּלטע רעאַגירונג, די געדעמפּטקייט און אײַנגעהאַלטנקייט פון געשריי און מאָנונג. מ׳פילט די ערשטע אויפגעשריבענע שורה; אָט איז עס אַזוי אײנפאַך און קלאָר, און ווידער געראַנגל מיט די איבערלעבונגען, געראַנגל מיט מחשבה, געראַנגל מיט זיך, מיט דער מיטגענומענער ירושה, מיטן נעכטן, וואָס איז יאָ דער הײַנט און איז ניט דער הײַנט, און ס׳דערפירט צו סתירות, און ס׳דערפירט צו אַ נײַעם געדאַנק און צו אַן אַנדער שטימונג. פאַראַן אַ מאָל סתירות אין זײַן ליד, אָבער זיי גיבן צו אַ באַזונדערע שיינקייט און אַ רייץ פון אַן אויפגייענדיק פײַערל...

ס׳איז מערקווערדיק, נאָר אַזוי דאַכט זיך איז עס: שיינע, אויסגעפּור־רעמטע לידער האָט פרידמאַן אויפגעשריבן אין יענע יאָרן, און אויף יענעם מאָוימדיקן אָרט — טראַנסניסטריע. זאָל זײַן טאַקע אמת יענער באַנאַלער אמת וועגן יסורים, וואָס רעגן אָן צו באַזונדערער שעפערישקייט? אַ באַשיי־דענע צאָל לידער האָט דאָרט פרידמאַן געשאַפן, אָבער מיט אַזוי פיל אָפּגע־היטקייט, מיט אַזוי פיל זאָרג פאַרן וואָרט און פאַרן פערז. לידער מיט

אינערלעכער עצבות, אָבער עס רעדט פון זיי אַרויס ווערדע און בטחון.

אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקע שאַפונג זענען די „פיר בריוו צו דער קאַנטעס פון לינץ", ער שוימט ניט מיט קיין גאַליקע ווערטער, ער מאָלט ניט קיין בילדער, כּדי צו דערשטיקן דעם אייגענעם ווייטיק — אין בונטע, שטאַרקע פאַרבן, מיט יאַדערדיקע אויסדרוקן, אָבער סובטעל און איידל, מיט דער אָנגעשפּיצטקייט און אויסגעשליפנקייט פון זײַן פּאָעטישן זען און פילן האָט ער אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע אָריגינעלע שאַפונג.

ס'דערמאָנט עפּעס אין דעם אַלטדײַטשישן ריטערליד, טענער פון אַלטע, פרעמדע ליבעלידער, נאָר יעקב פרידמאַן האָט פאַרמאָגט גענוג קינסטלערישן טעם, כּדי אויף אַ האַרציק־קוועליקן לשון אַרויסצוברענגען דעם ווייטיק און פּײַן פון דעם ייִדישן פּאָעט־פּרינץ אין זײַן ליבע צו דער קאַנטעס פון לינץ:

איצט זיץ איך ווידער אין מײַן אײנזאַמקייט און שרײַב צו אײַך
און האַרך, ווי פּאַר טויזנט יאָר פליסט מילד דער בלויער טײַך...
אַ, ווער זענען מיר אין סודותדיקן גאַנג פון דורות?
איך שטאַם פון אַ פאָלק, וואָס האָט דורך שײַטערס פון דער
וועלט געטראָגן תורות,
און ס'קען מײַן האַרץ ניט מסכּים זײַן מיט אײַך, קאַנטעס,
אַז ס'מעגן פאַרן שײַטערס זיך מיט בעז און אַז הענט וואָס
גלעטן מעגן טויטן,
ווײַל „ס'איז באַדינגט אַזוי פון אַלע אייביקייטן".

אין דער ליבע צו דער „קאַנטעס פון לינץ" איז פאַראַן אַ ווײַטער איבער־רוף מיט פּרצעס „מאָניש". אָבער דער מאָניש פון הײַנט שטייט בײַ דעם נסיון און ווערט ניט פאַרכאַפּט פון לילית. אַ הײַנטצײַטיקער מאָניש, באַלאָדן מיט יאָך און אחריות, איז אַרײַנגעפּעדעמט מיט גוף און נשמה אין ייִדישן גורל.

ייִדישער גורל איז אַ קענטיקער מאָטיוו אין יעקב פרידמאַנס שאַפונג. אָט דעם מאָטיוו געפינען מיר אין אַ ריי לידער און אין דער גרויסער פּאָעמע פון „אַ דיכטערינס טאָגבוך", וואָס קומען אַרײַן אין דער לידער־זאַמלונג

„פּאַסטעכער אין ישראל". אַ באַזונדער וויכטיק קאַפּיטל אין זײַן שאַפונג איז דער חסידות־מאָטיוו. יעקב פרידמאַן איז געווען בידוע אַ זון און אַן אייניקל פון גאַליציאַנער רביים. ער האָט געקענט די חסידישע וועלט. ער האָט געלעבט און מיטגעלעבט חסידישן שטייגער. איז קיין חידוש ניט, וואָס אָט די טעמע איז אַזוי ניכּר בײַ אים. עס זינגט אַרויס פון אים מיט חסידות און פון אַרום חסידות, חסידישער נוסח און חסידישע מסורה. און הגם אָט דער מאָטיוו איז ניט ווייניק פאַרטראָטן אין דער ייִדישער און העברעישער פּאָעזיע און פּראָזע — אַזוי פון י. ל. פּרץ, דער נסתּר, ש. אַנסקי, ח. נ. ביאַליק, ש"י עגנון, י. גלאַטשטיין, א. א. קאַבאַק, יחיאל האָפער ביז איציק מאַנגער און ברוך האַגער יבּ"לח — געראָט אים דאָך, יעקב פרידמאַנען, אויך דאָ אַרײַנצופירן אייגענעם טאָן און אימאַזש, דאָס אויטענטיש־בילדערישע, ווי דעם צעפלאַטערטן, פאַרהוילענעם ניגון פון „סאַדעגערע", פון „ווען דער סאַסאָווער גייט מיט הקפות" — לידער און פּאָעמעס וואָס באַ־ווירקן מיט דער עכטקייט פון שילדערונג און מיט דער טיף־חסידישער שטימונג, וואָס גייט אויף פון זיי. ער איז ניט דער באַשרײַבער און שילדערער פון דעם חסידות־שטייגער — ער איז דאָ אַן אינעווייניקסטער זינגער און באַזינגער.

✶

אַזאַ אינעווייניקסטער זינגער און באַזינגער איז יעקב פרידמאַן גאָר גיך געוואָרן, ווען ער איז געקומען און זיך באַזעצט אין ישראל. — לאָמיר דאָ, אַגב, זאָגן, לפי דעתי איז די אַקלימאַטיזאַציע, איך מיין די גײַסטיקע אַקלי־מאַטיזאַציע פון ייִדישע שרײַבערס בכלל, געווען און איז אַ סך אַ לײַכטערע און אַ שנעלערע, מחמת זיי זענען באַלד געקומען ווי נאָענטע. דער פּייזאַזש האָט זיך בײַ זיי איבערגערופן מיט די פּסוקים פון חומש, וואָס מ'האָט מיט זיי אײַנגעקנעלט נאָך ייִנגלווײַז. אַ סך פון די ערטער און היסטאָרישע פאַר־לויפעניש זענען פאַר זיי געלעגן ווי אויף דער האַנט.

יעקב פרידמאַן איז דאָ באַלד געוואָרן אַ מקורב צו אַלץ, און דאָס לאַנד, די בערג און די טאָלן און די סטעזשקעס און וואַסערקוואַלן האָבן גערעדט צו אים מיט אַלטן חומש־לשון — אויף ייִדיש.

ער האָט לידער פון לאַנד, אַ מאָל ווײַטלעכע, ווען אויסגעטרוימטע

פישער־יונגעץ און פּאַסטעכינס, און ער האָט לידער, ווי אַרויסגעוואַקסענע פון בית־דגונער ערד. עפּעס גייט אָן בײַ אים אָן אומאויפהערלעכער געראַנגל צווישן שיינע, טויִקע חומש־מעשׂהלעך, לעגענדעס, מעשׂיות פון פּרקי־אָבות, עמאַציעס פון תנ״ך, און דעם וואָריקן, הוילן, ממשותדיקן לעבן, מיט וועלכן ער האָט אַנומלט, בעת זײַן קומען אַהער, זיך פאַרבונדן אין אַ ישׂראלדיקן דאָרף. דיכטעריש וואָך איז ער, אָן צווייפל — אין ביידע שטחים. זײַן פּאָע־טישער חוש און דיכטערישע באַגאַבונג וועלן אים חלילה ניט פאַרפירן. נאָר אין דעם ערשטן איז ער גאָר אָפּט סימבאָליש, אַבסטראַקט, און אין צווייטן, אין דעם רעאַל־לעבעדיקן ברענגט ער אַ מאָל אַזעלכע גבורהדיקע, געוואָגטע מעשׂים און העלדן, יונגען און מוידן, דורכגעטראָגענע דורך ארץ־ישׂראל־ווינטן און חמסינען, אַז עס ווערט אַזש קורץ דער אָטעם...

אינהאַלטלעך אינטערעסאַנט און קינסטלעריש אמתדיק ווערט זײַן ליד, ווען עס געלינגט אים צו באַהעפטן דאָס ארץ־ישׂראל אַזאַ ווי ער האָט זי אויסגעחלומט אין די יונגע יאָרן, און אַזאַ ווי ער באַגעגנט זי הײַנט. פון דעסטוועגן לאָקט אַלע מאָל אָן זײַן ארץ־ישׂראל־ליד, עס רייצט זײַן שטיל און חנעוודיק אויסגעטרוימט בילד אויף אַזאַ אַ שטייגער:

מערמלנע טעמפּלען, ס׳שלאָפן די גלאָקן,
סע רירט זיך קיין האַנט נישט, די שטילקייט איז קיניג,
איך טו אויס מײַנע שיך און און שטיל אין זאָקן
באַטרעט איך די טעמפּלען און קני אונטערטעניק.

אָדער אַזוי:

איך האָב ליב בײַ נאַכט די סעדער אין מײַן געגנט,
בשעת צמחים וויגן זיך אין שלאָף
און ס׳טריפט אויף זיי און רעגנט
לבנה־ליכט און דערשרעקט דעם טוי.

אין „בריוו פון בית־דגון" קומען צום אויסדרוק די איבערלעבונגען און מחשבות פון אויפנעמען דאָס נײַע, די נײַע סביבה. ער פירט אַרויס דעם

ניט־לאַנג געקומענעם מענטש און זײַן צונויפטרעף מיט דער ארץ־ישׂראל־דיקערווירקלעכקייט. ייִדן פון מיזרח און מערב, ייִדן תּימנער, טוניסער, ייִדענעס פון פּערסישן לאַנד און אַ מאַמעשי פון ווילנער קאַנט. זקנים פון מאַראָקאָ אַנטקעגן וואָלינטשיקעס, וואָס טאַנצן אַ קאַזאַטשאָק, און ווי ער זאָגט: „ס'האָט השגחה, ווי אַ שטורעם־ווינט, צונויפגעווייעט זאָמען פון אַלערליי פלאַנצן".

אַט די זאָמען פון אַלערליי פלאַנצן, זייער געדייַען און מעגלעכער אויפגיין, האָט אים אַ סך באַשעפטיקט. ווי וועט אויסזען ייִדיש־פאָלק אויף דעם אייגענעם באָדן? ווי וועט אויסקלינגען דאָס געזאַנג פון דורות און עדות?

אַ באַזונדערן חן און אַ האַרציקן טאָן באַקומט זײַן ליד ווען ער רעדט וועגן אַ פּשוטן ייִד, וועגן דער בענקעניש פון אַ פּשוטן ייִד, און וועגן דער ליבע צו ישׂראל און פאָלק־ישׂראל, וואָס עס טראָגט אין זיך אַ פּשוטער ייִד. אַזאַ איז זײַן ליד וואָס הייסט: „אַ ליד וועגן כעלעמער מלמד, בית־מכס און שבת־שירה", ס'איז אַ ביז גאָר לויטערע, סובטעלע פּאָעטישע מעשׂה. דער כעלעמער מלמד, אַן אָפּגעראַטעוועטער פונעם בייז, האָט מיטגעבראַכט אַ שטײַג מיט פייגעלעך אין לאַנד אַרײַן, „אַז ייִדישע קינדער טיילן נישט מער אין שניי שבת־שירה פאַר פייגעלעך קיין קאַשע". אינעם געבוי און פאַרעם פונעם ליד איז פאַראַן פונעם גוטהאַרציקן פאָלקס־נוסח:

צעוויקלט דער כעלעמער מלמד זײַן פּאַטשיילע מיט
אַ ציטעריקער האַנט,
נעמט אַרויס דאָס טאַביק־פּושקעלע און טוט אַ שטעק,
דערנאָך ווישט ער אויס די שפּאַקולן און שפּאַנט
פון שיף אַראָפּ אויפן חיפהער ברעג.

ס'קאַצל קומט און צווישן ייִדישע זעק און פּעק
לייגט דער כעלעמער מלמד אויך זײַן קלימעק אַנידער;
מען זאָגט, אַ ייִדישער שׂררה קומט צום ברעג
דורכצוקוקן די פּעק פון שוועסטער און ברידער...

און אַז דער ייִדישער שׂרה הערט אויס די מעשׂה, ווי אַזוי דער בעלעמער מלמד האָט געבראַכט די שטייג מיט פייגל, פאַסירט נאָך דעם אַזוי:

דער ייִדישער שׂרה עפנט די אויגן ווי אַ פּראָסטער ייִד,
און דער בעלעמער עפנט די שטייגן:
פליט פייגעלעך צו ייִדישע קינדער פליט...
און די פייגל האָבן געפאָלגט און געפלויגן...
און דער בעלעמער מלמד האָט געזען, דורך די שפּאַקולן געזען,
ווי דער שׂרה האָט געווישט זיך די אויגן...

אין אַזאַ ליד איז פאַרשטייט זיך, ניטאָ וואָס אַרייַנצוטייַטשן, ס'רעדט פאַר זיך מיט אַלע ייִדיש־פאָלקישע חנען. פון אַזאַ כאַראַקטער איז אויך דאָס ליד „תימנער ייִדן". אַ שׂימחה ביי אַ תימנער משפּחה; אין די דראָבנע, פיצלעך ייִדעלעך דערזעט, דערפילט דער דיכטער נאָענט־אייגענע ברידער פון פאַר יאָרטויזנטער.

מיט זיין קינסטלערישן, צאַפּלדיקן וועזן האָט פרידמאַן דאָ אויפגענומען נייע טענער און פאַרבן, ארץ־ישׂראל־אַראָמאַט, לאַנדשאַפט און טיפּאַזש, ער האָט איינגעאָטעמט ישׂראל־שטייגער, ארץ־ישׂראל־לעבן.

*

נאָך יעקב פרידמאַנס פּטירה איז דערשינען זיין דיכטערישער האָב און גאָב, דריי בענד „לידער און פּאָעמעס", תּל־אָביב, 1974 (זיי זענען אַרויס אַ דאַנק דער מיפּולער זאָרג פון זיין פרוי קעניאַ און עטלעכע פריינד). בלעטערן מיר היינט די דאָזיקע מקורותדיקע ביכער און זעען נאָך אַ מאָל וואָס ער איז געווען. געוועזן דורך און דורך פּאָעט, יעדע שורה זיינע, יעדער פערז איז עכטע דיכטונג. עס זינגט אַרויס פון זיי אַ באַזונדערער ניגון, הגם ניט וויניק אויסדרוקן זענען אָפט מאָל דאַרנדיקע און האַרבע, ווי דאַרנדיק און האַרביק עס זענען געווען די יאָרן, וועלכע ער איז אַנומלט דורכגעגאַנגען.

זיין ליד טראָגט אין זיך געדאַנק און בילד, וואָריקע, שורשדיקע ייִדיש־קייט, און דעם טאָן און אימאַזש פון אונדזער הייַנטיקייט. דאַכט זיך, אַז

פון אַלץ וואָס ער זעט און פילט, אַלץ וואָס אַרום אים, באַווירקט אים, רעגט אים אָן, און ער בלייבט צו מאָל פאַרגאַפט מיט יינגלשער פאַרווונדערונג און ליבשאַפט, כּאַטש אָנגעלאָדן מיט דערפאַרונג און טיף מענטשלעכער פּיקחות:

גאַפט דער שטערן־זעער אויפן מילכשליאַך
מיט בקיאות און ליבשאַפט,
דערפילט ער: אַליין איז ער מילכשליאַך,
אויסגעסדרט מיט אין־סופיקער קלוגשאַפט;
צעל ביי צעל אין זיין גוף,
מיט פּינקטלעכקייט געאָמעטרישער באַהאַפטן.

יעקב פרידמאַן איז געווען אַ בריהדיקער שרייבער, מיט אַלע נייטיקע חושים פאַר פּראָפאַרץ און מייסטערישקייט. אַזוי אַ פלעגט ער אויסבינדן, צוזאַמענגלידערן דעם געשליפענעם וואָרט, דעם לויטערן בילד צוזאַמען מיט דעם אידעישן מיין. עס פּאַסירט אַז טייל מאָל קלינגען די שורות פּובליציסטיש, הויכט דאָך איבער זיי שיינקייט און נאַוואַטאַרישקייט פון פּאָעטישן אויסדרוק. ער האָט געהערט צו אונדזערע פאַרטיפטע דיכטערס, וואָס אויפשרייבן אַ ליד איז אַלע מאָל צו עפּעס מחייב. קלאָר, אַז זיין יחידישע, אינטימע שפירונג ווערט באַאיינפלוסט פון זיינע זעונגען און פון זיין גייסטיקער וואַכיקייט, און לייזט זיך אויף אין אַ טשיקאַווער פילאָסאָפירנדיקער טענדענץ. דעריבער איז ער איגנאַרטיק אין זיין פּאָעטישער רעאַגירונג אויף פּאַרלויפּעניש און געשעענישן פון אונדזער טאָג־טעגלעכקייט. ער נעמט אויף וועלט־פּאַסירונגען מיט אַ לייכטן סאַטירישן שמייכל און מיט וואַרעמער הייטערקייט. אַ שטייגער:

גאַגאַרין פליט מיט קאָסמישן ראַקעט,
און פלאַטאָן, אַפילו מיט אַ וועספּע ניט געקענט שאַפירן.

און אין דעם זעלבן נוסח:

אָ, האָ, אָרעמער פלאַטאָן! איצט ווייס שוין דער קלענסטער
אַבסאָלווענט פון אַ פאַקולטעט

אַז אידיי איז מעטאַפיזישער קוואַטש און חוץ מאַטעריע איז גאָרנישט ניט פאַראַן!

דאָס איז זײַן אינדיווידועלער פּראָטעסט, זײַן פּנים אויף דער צעדריוול־טער וועלט. מחמת יעקב פרידמאַן, וואָס טובלט זיך אין דורותדיקער, אין יידישער שטייגערישקייט, ווייס גרײַלעך, אַז די חשיבות ליגט נאָך אַלץ אין גײַסט, אַז גרויס איז דער באַטײַט פון וואָרט און געדאַנק. וואָרט און געדאַנק איז דער סינטעז צו וועלכן ער האָט געשטרעבט און וועלכן ער האָט מקיים געווען מיט אַזוי פיל קענטשאַפט און אינטעלעקטועלן נײַגער. אַפילו דאָס בעפלדיקע און פאַרנעפּלטע רופט זיך אָפּ און רייצט מיט אייפעריקן ווילן צו שלימות.

אַזאַ פילאָסאָפירנדיקע טענדענץ, וואָס איך האָב פריִער דערמאָנט, באַ־גלײַך מיט אַ סאַטירישן שמייכל, באַגלײַך מיט דעם פיבערדיקן אינטע־לעקטועלן נײַגער, איז אויך פאַראַן אין די קורצע באַשרײַבונגען, אָדער קורצע דערציילונגען, וואָס קומען אַרײַן אינעם בוך, וואָס איז אַרויס אין 1979 אונטערן טיטל „געזען אויף אַ ווײַל". דאָס זענען פּראָזע־סקיצעס, וואָס יעקב פרידמאַן האָט זיי געשריבן במשך 12 יאָר, פון 1955 ביז 1967. ער פלעגט זיי — אונטערן פּסעוודאָנים נאָמדירף — פאַרעפנטלעכן אין יידיש און אין העברעיִשער איבערזעצונג. דאָס זענען קורצע, אָבער רעפלעקסיווע און בעלעטריסטיש געפורעמטע באַשרײַבונגען. הגם זיי הייסן „געזען אויף אַ ווײַל" — זענען די אַקטואַליען, וואָס באַוועגן זיי, גראָד פון ניט „אויף אַ ווײַל" — נאָר טראָגן אין זיך דעם דויער פון טיפער, מענטשלעכער פאַרטראַכטקייט און דעם פלאַטער פון קינסטלערישן געמיט. אין פלוג זענען עס דערציילונגען, וואָס פאַרשידנאַרטיקע באַגעגענישן, פּאַרלויפענישן, פּאַסירונגען האָבן אָנגע־רעגט דעם דיכטער. אָבער די שפּראַכפאַרעם, וועלכע ער ווענדט אָן, דער נאַראַטיווער סטיל, די מחשבות, וואָס קומען אויף און וויקלען אַרום דעם סיפּור־המעשׂה — שאַפן אויף אַן אייגנדיק באַשרײַבערישן קלימאַט. אַט דערציילט ער מיט אַזאַ פּשטות:

„אין אונדזער שכונה האָט זיך געעפנט אַ נײַע קאַפע־הויז, געעפנט האָט אים אַ נײַער עולה, וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אויפגעגאַנגען

פון רומעניע, אַ ייִד אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ געדיכטע צעוואָק־סענער באָרד אַרום רויטבאַקיקן פּנים. אַ ייִד מיט לעבעדיקע בטחונדיקע אויגן. איך קען דעם דאָזיקן סאָרט ייִדן, רומענישע אַרענדאַרן, זייער מאַסיווקייט דערמאָנט אין די שווערע, דעמבענע פּעסער, וואָס פלעגן אָנפילן זייערע ווינקעלערס מיט גילדענע אַדעבעשטער ווײַנען, און די מילדקייט אין זייערע גרויסע אויגן — די ווייכע וואָליקייט פון זייערע שאָף און רינדער".

אָבער ניט נאָר אין שילדערן אָט דאָס אַרענדאַרישע געשטאַלט איז אויסן יעקב פרידמאַן. זײַן אויספיר איז גאָר אַן אַנדערער, און איז בכוונהדיק געצילט, דהײַנו:

„פון אונדזערע סאָבערעס טראַכט איך אַצינד. זיי באַנעמען אפשר, ווער עס איז געווען אַברהם אָבינו, דער מאַן, וואָס האָט אין מיטן אַ גאַנצער וועלט מיט גויים — דעם כּוח געהאַט צו זײַן אַנדערש ווי אַלע. נאָר צי וויסן זיי, די סאָברעס אונדזערע, אַז פאַרמאָגט האָבן מיר נאָך זיידעס, נישט קיין ביבלישע זיידעס, ייִדן, פּראָסטע ווי די בערג... צי וויסן זיי, די סאָברעס אונדזערע, וויפל ווונדערלעכן כּוח, וויפל גרויסן, מענטשלעכן שטאָלץ אַזאַ ייִד, למשל, אַזאַ ייִד ווי מתיתל קרעטשמער האָט געדאַרפט עס פאַרמאָגן".

אַזוי אַ האָבן זײַנע דערציילונגען זייער מהותדיקן אויספיר, שליסן זיך אָפּט אָפּ מיט אַ מוסר־השכּל וועגן נעכטן און הײַנט, וועגן יחיד און געזעלשאַפט, וועגן גײַסט און חומר, וועגן פּאָליטיק און מאָראַל. און אַז ער דערקומט צו אַ ביבלישער געשטאַלט איז עס פּורע, כּולו חומשדיקס. אָט, אַ שטייגער, ווי ער הייבט אָן „אַ טאָג אין מידבר":

„אין צאַרטן פּורפּור פון קאַיאָר האָט זיך געגומען רונצלען די בראָנדזענע הויט אויפן טריפנדיקן גוף פון מידבר־סיני. אין טריפנדיקן ליכט האָבן די זאַמדן גענומען עפענען פאַרשלאָפענע אויגן, אין אוהל, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס אַ ריזיקן פעלדז, איז ווי אויסגעהאַקט פון מירמל געזעסן משה"...

אונדזערע אָבות פון תנ"ך־צײַט און מנהיגים פון אונדזער תּקופה, נײַע עולים און אַלטע מושבניקעס, קינסטלערס און דיכטערס און ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, אַלץ און אַלעמען האָט אָפּגעפּילט, האָט באַנומען זײַן טיפער בליק, זײַן נשמהדיקער אַרײַנדרינגען אין מענטש, אין וועלט און אין אונדזער

הײנט. אַזאַ איז ער געװען יעקב פרידמאַן. און אַזאַ איז זײַן שאַפונג װעלכע ניגונט מיט װוּנדערלעכער חיות — „בראשית היתה הדממה״.

פון דער שטילקייט, פון שװײַגן, פון „צו ערשט איז געװען פּוסט און לער״ ניגונט עס און גייט אויף מיט דער רײַכער, שפּעדיקער פּאָעזיע פון יעקב פרידמאַן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

א

יצחק יאַנאַסאָוויטש איז איינער פון די באַדײַטנדיקע, פּראָדוקטיווע שרײַבערס, וואָס שאַפט כּמעט אין אַלע ליטעראַטור־זשאַנערס — אַ לוויטערער, מקורותדיקער פּאָעט, אַ פײַנער דערציילער, אַן עסייִסט און ליטעראַטור־קריטיקער און אַ פּובליציסט וואָס רופט זיך אָפּ אויף אַקטועלע פּראָבלעמען. דערצו איז ער אַ טיפער קענער סײַ פון אונדזער אַלט־דורותדיקן גײַסטיקן פאַרמעג, סײַ פון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור און קונסטשאַפעריש־קייט. ער שרײַבט פּיקחותדיק און בילדעריש. אין זײַנע דערציילונגען פילט מען דעם פּאָעטישן פלאַטער און אין זײַן ליד איז קענטיק דער אינטעלעקטועלער, דענקענדיקער שרײַבער. ער איז געבענטשט מיט אַ שאַרף אויג צו אָבסערווירן און אַנטפּלעקן די פאַרבאַרגנסטע קנייטשן פון מענטש און סביבה, און מיט אַ מונטערן, אָנרעגנדיקן הומאָר — אין זײַנע פּראָזע־שאַפונגען.

פון אַזאַ שרײַבערישער געניטשאַפט איז זײַן היקפּדיק בוך מיט ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד, וואָס איז אַרויס צוריק מיט כּמעט דרײַ יאָרצענד־ליקער. וועגן אָט דער טעמע איז שוין פאַראַן אַ היפּשע זכרונות־ליטעראַטור. מען האָט באַשריבן אַלע תּקופות פון ייִדישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און ניט ווייניק געשילדערט די רדיפות און דיסקרימינאַציעס וואָס גייען אָן ביזן הײַנטיקן טאָג. יצחק יאַנאַסאָוויטשעס בוך, וועגן זעקס ערשטראַנגיקע ייִדישע שרײַבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד, שטײַגט בפירוש אַריבער די פאַראַגנע דאָקומענטאַרע באַשרײַבונגען. ער איז געווען אַן עדות פון די געשעענישן; זיבן יאָר האָט ער געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין די מלחמה־יאָרן און נאָך דער מלחמה. ער האָט געוואָגלט איבער שטעט און פאַרשיקונגס־ערטער, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט דער סאָוועטישער רעאַליטעט, מיטן לעבן פון די פאַרשיידענע פעלקער. אויף אָט דעם שטח האָט ער דערקענט אין איר גאַנצער טיפקייט די מערכה פונעם ייִדישן שרײַבער און פונעם ייִדישן קינסטלער.

אויף די העכער דרײַ הונדערט זײַטן ברענגט יאַנאַסאָוויטש אַרויס

כאַראַקטעריסטישע פּאָרטרעטן פון זעקס ייִדישע שרײַבערס: דוד האָפשטיין, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, דער נסתר, דוד בערגעלסאָן און פרץ מאַרקיש. זעקס פירנדיקע געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער קולטור פון ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד. יאַנאַסאָוויטש האָט זיי אַלעמען געקענט פון דער נאָענט, אין צײַטן פון האָפענונג און אין צײַטן פון זאָרג און פאַר־ביטערונג. ער האָט אַרויסגעפילט די טראַגעדיע פון זייער לעבן און דערקענט די פאַרשיידענע מאַסקעס וואָס זיי האָבן געטראָגן: אַ מאַסקע פאַר דער גאַס, פאַרן שרײַבער־פאַראיין, פאַרן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, פאַר רוסישע שרײַבערס, פאַר שרײַבערס־פּליטים און פאַר ייִדן אויף דער גאָרער וועלט. אַ באַזונדערע מאַסקע האָבן זיי געמוזט אָנטאָן פאַר ייִדישע פאָלקסמענטשן מיט וועלכע זיי האָבן זיך פון צײַט צו צײַט באַגעגנט. אויסגעטאָן די מאַסקע האָבן זיי בלויז בײַ זיך אין דער היים, אין די אייגענע דלת אַמות. דאָרט האָבן זיי געהאַט אָפענע פּנימער, געווען פּשוט און מענטשלעך, מיט צע־ווייטיקטע, באַדריקטע געמיטער. יצחק יאַנאַסאָוויטש מאָלט אַ בילד פון דעם דאָזיקן לעבן און אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע כאַראַקטער־שטריכן, די סאַמע דינסטע וויברירונגען פון מענטשלעכער נשמה.

הגם „ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד זענען געוווינט געווען צו זאָגן דאָס וואָס מען מוז זאָגן, און פאַרשווײַגן דאָס וואָס מען מוז און דאַרף פאַר־שווײַגן", האָט יאַנאַסאָוויטש גוט אַרויסגעהאָרכט דאָס ניט־געזאָגטע און תּופס געווען אויף אַ ריכטיקן אופן דאָס געזאָגטע.

איבערן בוך זענען צעזייט טרעפלעכע דעפיניציעס און קלוגע אַרויס־זאָגונגען, וואָס טראָגן אין זיך דעם טעם פון שנײַדיקן אומעט אין אַ וועלט וואָס האָט אַזוי ביטער אַנטוישט. אָט שרײַבט ער אַ שטייגער וועגן דוד האָפשטיין: „ער האָט געהאַט פּונקט אַזוי פיל פּנימער וויפל שטימונגען, און פּונקט אַזוי פיל אויסזענס וויפל פאַרוואַנדלונגען". ––– דערפאַר טאַקע האָט „דער פּאָעט פון „אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער" איצט געשריבן לידער וואָס זענען געווען שטרויענע רעטאָריק און פלאַמפּלעצלדיקע סאָוועטישע פּאַטריאָטיק". אַנטקעגן אָט דער „שטרויענער רעטאָריק", וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך ייִדישע פּאָעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד, דערמאָנט יאַנאַסאָוויטש אַז „מיט איין ליד קען אַ פּאָעט אַרײַנגיין אין גן־עדן

פון דער ליטעראַטור־איביקייט און האָפּשטיין האָט אָנגעשריבן מער ווי איין ליד פאַר וועלכן עס קומט אים אין גן־עדן אַ גאָלדענע שטול". ניט געקוקט דערויף וואָס דאָס לעבן און דאָס שאַפן אין גייסט פון סאָצרעאַליזם איז געווען „דאָס גיין אויף אַ שטריק", זענען געבליבן פון יענער צייט לויטערע לירישע שאַפונגען.

יצחק יאַנאַסאָוויטש ברענגט אַרויס אין זיינע פּאָרטרעטן פון די ייִדישע שרייבערס אין רוסלאַנד אויך אַ ריי אומבאַקאַנטע פאַקטן און אַפילו די באַקאַנטע פאַקטן און געשעענישן באַקומען ביי אים אַן אַנדער פּירוש און ווערן אַנדערש באַליכטן. מיר האָבן געוווּסט, למשל, וועגן איציק פעפערס ראָלע ווי אַ פּאָעט און ליטעראַרישער ממונה, אָבער יאַנאַסאָוויטש ברענגט אין זיין פּאָרטרעט אַרויס דעם מענטש מיט זיינע ראַנגלענישן און אומרוען. ער האָט טאַקע געטראָגן הויך די סאָוועטישע פאָן, אָבער אין די מלחמה־יאָרן, ווען עס האָט זיך געעפנט אַ שפּאַרונקעלע פון ייִדישער מאַניפעסטאַציע, פלאַטערט עס אַרויס ווי אַ פלאַקאַט זיין „איך בין אַ ייִד" און עס טליִען אין אים פונקען פון ייִדישן געדעכעניש. יאַנאַסאָוויטש באַשרייבט די ראַנגלענישן, נסיונות און אומוואַנדלונגען וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק ביי איציק פעפערן. פעפער איז משמעות געגאַנגען צווישן די רעגן־טראָפּנס און פון דעסטוועגן אַרויס אַ טרוקענער. „זיין כּוח באַשטייט דערין — שרייבט יאַנאַ־סאָוויטש — וואָס ער ווייס אַ שעה פריִער ווי אַזוי מען וועט דאַרפן ריידן אַ שעה שפּעטער". דאָס האָט אים אָבער אויך ניט געהאָלפן. ער האָט געהאַט דעם זעלבן גורל ווי די אַנדערע שרייבערס. עס האָט אים ניט געהאָלפן זיין טאַלאַנט צו לעבן. „איין מאָל, געדענק איך, האָט מען אין ייִדישן אַנטיפאַ־שיסטישן קאָמיטעט גערעדט וועגן אויסלענדישע שרייבערס. — דערציילט ווייטער יאַנאַסאָוויטש — פעפער, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגערופן: פאַראַן אַ סך טאַלאַנטירטע ייִדישע שרייבערס אין אויסלאַנד, אָבער ווען מען זאָל ביי אונדז אַרייַנלייגן אַזוי פיל טאַלאַנט אין דער שרייבקונסט, וויפל חכמה מען לייגט אַריין אין דער קונסט צו לעבן, וואָלטן מיר געווען גרעסערע בריהס פאַר זיי".

דער איינציקער פון די ייִדישע שרייבערס וואָס האָט שלום געמאַכט מיט זיך און מיט דער פּאַרטיי־ליניע איז געווען לייב קוויטקאָ. ער האָט געהאַט

אַ האַרציקן גוטן כאַראַקטער און האָט מיט אַ סך וואַרעמקייט אויפגענומען די שרײַבערס־פּליטים פון פּוילן. קוויטקאָ האָט מצליח געווען און זײַנע קינדערלידער האָט מען איבערגעזעצט אין אַלע שפּראַכן פון ראַטן־פאַרבאַנד. פאַרשטייט זיך אַז מען האָט ניט אַרויסגעהויבן אַז דער מחבר איז אַ ייִדישער פּאָעט.

פון דעסטוועגן האָט אים די הצלחה געוואַרעמט, אים אָנגעפילט מיט מוט און מיט גלויבן. ביז ס'איז אויך בײַ אים געקומען אַ טיפער איבערבראָך. דער ערשטער אויפטרייסל איז געווען די מעשה מיטן פאָלקסדיכטער דזשאַמ־בול, וואָס יאַנאַסאָוויטש גיט זי איבער מיט חן און גוטן הומאָר.

ווי באַקאַנט איז דער קאַזאַכישער פאָלקסדיכטער געווען אַ מאַכטיקע געשטאַלט אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער האָט געוווינט אין אַ פּאַלאַץ, אין עושר און כּבוד, מיט אייגענע באַדינערס, ווי אַ פּרינץ. די לידער פון דעם אַמאָליקן פּאַסטעך האָט מען געזונגען און געלייענט אין אַלע לשונות פון ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער צו אים אַליין, צו דזשאַמבולן, האָט מען קיינעם ניט צוגעלאָזן, מען זאָל, חלילה, ניט שטערן דעם זקן, דעם גרויסן שאַפער. ביז אין איינעם אַ טאָג האָט מען דזשאַמבולן געבראַכט אין שרײַבער־פאַראיין פון אַלמאַ־אַטאַ. די משרתים האָבן אים פאַרשלאָסן אין אַ צימער און זענען דערווײַלע אַרויס־געגאַנגען. פּלוצעם האָבן זיך דערהערט פון צימער פּישטשענדיקע יללות. דער אַלטער האָט געוואָלט אַרויס און אַז מען האָט אים אַרויסגעלאָזן האָבן די אַרומיקע שרײַבערס פּלוצעם דערזען פאַר זיך אַן עובר־בטלדיקן זקן וואָס יאָמערט אויף זײַן קוויטשענדיקן קול.

ס'איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען אַז אָט דער צעמישטער זקן שרײַבט ניט קיין לידער. אפשר האָט ער אַ מאָל, אין זײַנע פּאַסטעך־יאָרן, אויסגע־זונגען קאַזאַכישע לידער, אָבער פון וואַנען קומען די לידער וואָס טראָגן זיך איצט איבער גאַנץ רוסלאַנד? ווער שרײַבט זיי? האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז געשריבן האָט זיי דווקא אַ ייִד מיטן נאָמען מאַרק טאַרלאָווסקי. „און דער גורל פון די דאָזיקע ייִדן — שרײַבט יאַנאַסאָוויטש — איז תּמיד געווען טראַגיש. תּמיד ווען דער ייִד האָט אָפּגעטאָן זײַנס האָט מען אים משלח געווען“.

ווען צוויי שרײַבער־געשטאַלטן דערציילט יאַנאַסאָוויטש מיט אַ באַ־

זונדערן פיבער, וועגן דער נסתּר און וועגן פּרץ מאַרקיש. אין דער ייִדיש־שרײַבערישער וועלט איז דער נסתּר געווען אַ יוצא־דופנדיקע געשטאַלט, דער שטאָלצער פּרינץ און דער אָרעמער אַלטפּאָלקישער ייִד, וואָס גיט זיך ניט אונטער און גייט זײַן אייגענעם וועג.

פּרץ מאַרקיש האָט געזוכט בײַ די שרײַבערס־פּליטים פון פּוילן דאָס אַמאָליקע וואַרשע, ווו ער האָט געשטורעמט און געשאַפן. דער נסתּר און פּרץ מאַרקיש זענען געווען פאַרשיידענע כאַראַקטערן, מיט פאַרשיידענע וועגן אין שרײַבן, אָבער עס האָט זיי פאַרבונדן אַן ענלעך געמיט. זיי האָבן ביידע געבענקט נאָך עכטער ייִדישקייט. און ביידע זענען אומגעבראַכט געוואָרן ווײַל זיי זענען געווען ייִדישע שאַפערס.

טשיקאַווע ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש איז בײַגעשטאַנען דעם נסיון און אין די זעקס פּאָרטרעטן כּמעט ווי ניט דערמאָנט די שאַפונגען פון די זעקס שרײַבערס. ער, דער ליטעראַטור־קריטיקער, האָט ניט כאַראַקטעריזירט און ניט אַנאַליזירט. זײַן כּוונה איז געווען קלאָר, ווי ער שרײַבט אין אַרײַנפיר: „איך האָב זיך באַמיט צו ווײַזן די אומגעבראַכטע שרײַבערס אַזוי ווי איך האָב זיי געזען". דערפאַר טאַקע איז דאָס בוך מיט ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד אַ דאָקומענטאַר ווערק פון גרויסער וויכטיקייט, איינע פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע מגילות פון ייִדישן טרויער.

ב

יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט דעביוטירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור דווקא מיט לידער. דאָס איז געווען אין לאָדזש, דער גרויסער ייִדישער צענטער, ווו עס האָבן זיך קונה־שם געווען ייִדישע שרײַבערס, מאָלערס, אַקטיאָרן. אין לאָדזש האָט יאַנאַסאָוויטש אַרויסגעגעבן זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג, רוויקע פּאַרטאַגן (1933) און מיט פינף יאָר שפּעטער די צווייטע זאַמלונג שטילקייטן.

מיר ווילן זיך אָבער אָפּשטעלן אויף זײַן בוך אַ שטוב אין שטעטל (1951), אַ פּאָעמע פון איבער 120 זײַטן, אין וועלכער יאַנאַסאָוויטש אַנטפּלעקט זיך ווי דער שילדערער פון סביבה און שטייגער וואָס זענען מער ניטאָ. דאָס איז אַ בילדערישע מאָזאַיִק פון אַ ייִדישער שטוב; דאָס איז יאַנאַסאָוויטשעס

הים, מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. די אָרעמקייט דערדריקט אַלע יוגנטלעכע פריידן און תשוקות. דער טאַטע, דער וווּנדערלעכער שווײַגער, טוט כּלערליי עבודת־פּרך, אָבער ס'איז שווער מפרנס צו זײַן די משפּחה.

דרײַ געשטאַלטן טיילן זיך אויס אין דער פּאָעמע מיט זייער באַזונדער התנהגות און אינעווייניקסטער וועלט. אַלע דרײַ לעבן אין דער זעלביקער אָרעמקייט, נאָר אין איטלעכן פון זיי נעסטיקט אַן אַנדער לעבנס־באַגער.

די ערשטע געשטאַלט איז דער טאַטע:

אַ ייִד אַ פּשוטער געווען,
אַן גאוההדיקן בלענד פון אויפגערוישטן זײַד,
אַן שוואַרצן גלי פון גלעטנדיקן סאַמעט,
זײַן גוף האָט נישט געקענט די יום־טובדיקע פרייד,
די פײַערלעכע חשיבות פון אַן אַטלאַסענעם מעמד.

די צווייטע געשטאַלט איז די שוועסטער:

פון וואַנען איז אין אונדזער אָרעמשאַפט
אַזאַ געוויקס אַ שיינער אויפגעגאַנגען?
איר גאַנץ געשטאַלט געוועקט האָט שטילע פרייד,
ווי ס'וועקט די רו אין האַרץ אַן אָונטפעלד מיט זאַנגען.

די דריטע געשטאַלט איז דער פעטער העגעך, דער מאַמעס ברודער, וואָס איז מחמת אַ ריס מיט דער משפּחה אַ מאָל אַוועק ערגעץ ווײַט און האָט זיך יאָרן לאַנג ניט באַוויזן. פּלוצעם האָט ער זיך געיאַוועט אַ צעריסענער און פאַרשטויבטער, אַ קוים געראַטעוועטער פון דאָרף. ער איז געווען דער האַרציקער מעשה־דערציילער וואָס האָט צוגעצויגן די קינדער מיט זײַן ריח פון פעלד און פרישע גראָזן.

אָט די דרײַ געשטאַלטן ווערן פאַרפאַלן אויף ווײַט־פרעמדע וועגן און הגם זייער פאַרפאַלן ווערן איז באַשריבן אויף אַ רעאַליסטישן אופן, טראָגט

עס אין זיך אַ סימבּאָלישן מיין. דער טאַטע קען ניט מער טראָגן דעם עול נאָך אַלע זײַנע דורכפאַלן און ער גייט אַוועק פון דער היים נעמענדיק מיט זיך בּלויז טלית־און־תּפילין. ער גייט אויף די וועגן פון יידישע וואָגלערס און וואַנדערערס אָבער ער טראָגט אין האַרצן די אמונה צו דעם איבערשטן.

די שיינע, שטאָלצע שוועסטער ווערט פאַרכאַפּט פון אַן אַנדער אמונה. זי וויל איבערמאַכן די וועלט, כּדי עס זאָלן ניט מער זײַן קיין אָרעמע און רײַכע. דערווײַלע אָבער האָט מען „אַוועקגעפירט זי אין דער נאַכט מיט קייטנקלאַנג אויף יאָרן, יאָרן לאַנג".

דער פעטער הענעך, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ חשד צו דעם היימישן יידישן אָרום, איז אַוועק צו די מיסיאָנערן.

✶

די לידער־זאַמלונג אויף יענער זײַט וואַנדער איז דאָס אַכטע בּוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש. מיר הערן דאָ אַרויס אַן עכאָ פון דער פּאָעמע אַ שטוב אין שטעטל, באַזונדערש אין קאַפּיטל „אינעם אַש פון זכרון". דאָס בּוך איז אַן עולם־ומלואו פון מאָטיוון און איבערלעבונגען: אומעטיק נאָגנדיקע געזאַנגען בײַם אָנבּליק פון טיאַן־שאַנער בּערג, „לידער צום אַלאַטאַו", ווו דער דיכטער האָט אַזוי ביטער טועם געווען דעם פּליטים־וועג, האַרציקע, תּפילה־דיקע לידער „צום האָר פון די אָבות", פּאַרטיפּטע געדאַנקען־עשירות אין „לאַנדשאַפטן פון געמיט", בילדערישע פּיסאַזשן און שטורמישע סצענעס פון „לאַטײַן־אַמעריקאַניש" און דער הייליקער ציטער אין די לידער „יום־כּיפּור תּשל״ד".

די לידער־ציקלען „אינעם אַש פון זכרון" און „יום־כּיפּור תּשל״ד" רופן זיך איבער מיט זייער יידיש־טראַגישער גורלדיקייט, מיט זייער אומעט און שפּירעוודיקייט.

מיר זענען די בריק אויף וועלכער עס וואַנדלען
דאָס בּלײַען און וויאַנען.
אַז בײַם וויגליד פון ראַזשינקעס און מאַנדלען
איז דער טויט שוין פאַראַנען.

דאָס איז אָבער בשום־אופן ניט דער דאָמינירנדיקער קלאַנג פון זײַנע לידער. מיר געפינען דאָרט געזאַנגען און הימענס צום לעבן, ליבע און נאַטור. בפרט ווען עס קומט צו ארץ־ישׂראל, צו ירושלים:

קיין ירושלים קומט מען נישט,
קיין ירושלים קערט מען זיך אום.
קיין ירושלים שטײַגט מען אויף,
אויף דער לייטער פון דורות,
אויף די שטאַפּלען פון בענקשאַפט,
אויף די טרעפּ פון דערלייזונג.

פולע לאַגלען מיט ווײַן פון געדענקשאַפט
טראָגט מען מיט זיך קיין ירושלים.

ג

מיר האָבן זיך בכיוון אָפּגעשטעלט אויף די שאַפונגען פון יצחק יאַנאַ־סאָוויטש וואָס זענען טאַקע אָפּגעמערקט געוואָרן בעת זיי האָבן זיך באַוויזן, אָבער זיי ווערן הײַנט ווייניקער דערמאָנט, מחמת דער מחבר האָט זיך קודם־כל קונה־שם געווען ווי אַן עסייִסט און אַ ליטעראַטור־קריטיקער. זײַנע צוויי ביכער פּנימער און נעמען (באַנד איינס, „ייִדישע פּאָעטן", 1971; באַנד צוויי, „ייִדישע פּראָזאַיִקערס און זייערע ווערק פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה", 1977), וואָס נעמען אַרום גרעסערע און קלענערע אָפּהאַנדלונגען וועגן נײַן און דרײַסיק פּאָעטן און דרײַסיק פּראָזאַיִקערס, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ וווּנדערלעכע מאָזאַיִק פון ליטעראַטור־קריטיק, פון אויסטײַטש און אַנאַליז. ועל כּולם זענען זיי געשריבן נאַראַטיוו און מיט אַזאַ אייגנדיק אינ־טימער אידענטיפיקאַציע מיטן שאַפער און זײַן ווערק.

יצחק יאַנאַסאָוויטש איז אַ גרונטיקער קענער פון אַלע שליאַכן פון ליטעראַרישן שאַפן. הגם ער איז ממשיך דעם גוט־אײַנגעפונדעוועטן נוסח פון ליטעראַטור־קריטיק, איז פון דעסטוועגן קענטיק אין זײַן שרײַבן דער הײַנטצײַטיקער, אינטעלעקטועל־מאָדערנער צוגאַנג. ער פאַרנעמט זיך טאַקע

ניט מיט צעגלידערן די ווערטער און צעטרייבערן די שורות און אַראַנזשירן
אין זיי די אייגענע השגות, אָבער ער באַלײַכט מיט געניטקייט און פּיקחות
די איידלסטע און פאַרבאָרגנסטע עלעמענטן פון דעם אַנאַליזירטן ווערק.
דערבײַ איז דער סטיל זײַנער נאַראַטיוו און די שפּראַך אַ רײַכע, וואַרעמע
און קאָלירקע.

אַ פּאָעטישע שורה אָדער אַפילו אַ וואָרט דערוועקט אָפט בײַ דעם קרי־טיקער סובלימירטע געדאַנקען און אויב אַפילו די מחשבות זענען ניט תּמיד אַנטפּלעקערישע, פאַרמאָגן זיי דעם חן און די לאָגיק וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יאַנאַסאָוויטשעס שרײַבן.

אמת, דאָ און דאָרטן זעט זיך זײַן נייגונג צו וואַריִרן אַ געדאַנק, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אײַנצוקאָרבן אין אונדז זײַן מיין און מחשבה. אָבער אַפילו אַזוי, איז זײַן יעדע אָפּהאַנדלונג געשריבן אין אַ קאָנצענטרירטער, גוטער עסייִסטישער פאָרעם.

אָפט איז אונדז קשה: יאַנאַסאָוויטש איז קלאָר און דורכזעיִק ניט נאָר אין זײַנע עסייען, נײַערט אויך אין זײַנע אייגענע לידער. פון דעסטוועגן פאַרטיידיקט ער מיט אימפּעט און טעמפּעראַמענט דווקא די וויניקער פאַר־שטענדלעכע פּאָעטן. אַט איז למשל זײַן פירוש אויף אַזאַ „אומפאַרשטענד־לעכער" לידער־זאַמלונג: „זיי טוען עס דערפאַר ווײַל אַנדערש וואָלטן זיי נישט געקענט אַרויסברענגען דאָס טיף אינדיווידועלע פון זייער וועלטוויזיע, דאָס ערשטמאָליקע פון זייער לעבנס־עמפּינדונג, דאָס דורכויס פאַר זיי כאַראַקטעריסטישע געפיל ביי אַ באַשטימטער איבערלעבונג". און באַלד דע־רויף גייט ער אַריבער צו אַן אָפּענסיווע אויפן לייענער און ער טענהט: „ווי באַלד אַזוי דאַרפן מיר זיך פרעגן: אפשר איז דאָס ליד פון אַזאַ דיכטער אונדז נישט פאַרשטענדלעך דערפאַר ווײַל מיר האָבן זיך נישט אויסגעלערנט ווי געהעריק די נײַע שפּראַך פונעם דיכטער, די נײַע וואָרט־פאַרבינדונגען, די נײַע סימבאָליק מיט וועלכער ער באַניצט זיך?" (באַנד 1, ז' 26).

דערבײַ איז קלאָר אַז יצחק יאַנאַסאָוויטש פאַרשטייט וווּיל דעם חילוק צווישן עכטער, קינסטלערישער פּאָעזיע, וואָס טראָגט אין זיך דערהויבנקייט און שיינקייט, און געקינצלטער אומפאַרשטענדלעכקייט, וואָס וויל בלויז צודעקן די אָרעמקייט פון געדאַנק און אומבאַהאָלפנקייט פון אויסדרוק. און

מען קען ברענגען אַ ראיה פון מאָלעריַי: אַ טאַלאַנטפולער פיגוראַטיווער מאָלער איז לרוב געראָטן אויך אין זײַנע אַבסטראַקטע בילדער.

מיט זײַנע צווייַ ביכער פּנימער און נעמען און ווי אַ צוגאָב די זאַמלונג עסייען אָן אויסרוף־צייכנס האָט יצחק יאַנאַסאָוויטש בפירוש אויסגעברייטערט אונדזער הײַנטצײַטיקע עסייִסטישע ליטעראַטור־קריטיק.

די צען ביכער וואָס ער האָט ביז הײַנט אַרויסגעגעבן זענען אַ פּרוכטיקער בײַטראָג צו דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער שאַפונג.

ד

„דאָס בשׂמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען" פון יאַנאַסאָוויטשן פאַרמאָגט אַ צאָל אינטערעסאַנטע און ביז גאָר אייגנאַרטיקע מעשׂיות־דערציילונגען.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר עס איז מיר קיין מאָל ניט צום האַרצן דער צוגאָב אין אַ בוכטיטל — „און אַנדערע דערציילונגען"... צי דערפאַר ווײַל אָט דער צוגאָב זאָגט לחלוטין גאָרניט, צי דערפאַר ווײַל דער הויפּט־נאָמען הייבט אַרויס לרוב די דערציילונג, וואָס איז ניט אַלע מאָל די כאַראַק־טעריסטישע פאַרן בוך. מילא, דאָס איז אַ געשמאַקזאַך, און יצחק יאַנאַסאָ־וויטש איז דאָ גאָרניט שולדיק. וואָס איז ער עס פאַר אַ מחויב צוצושטעלן גראָד וואָס עס געפעלט מיר? אָבער די דערציילונגען זענען ווויל געפעלן. יאַנאַסאָוויטש איז אַ בריהדיקער שרײַבער אין אַלע זשאַנערס. זײַנע דערציי־לונגען קומען אויף פון אַ מקורותדיקער מיליע און מיט אַזאַ אייגנדיקן טאָן — כאָטש אינהאַלטלעך ברעכט ער ניט די ראַמען פון אונדזער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק. זענען זײַנע מעשׂיות־דערציילונגען ביז גאָר אָריגינעל און פּלאַס־טיש אין זייער פורעמונג. ער האָט זײַן אייגענעם אופן פון דערציילן. אין וואָס באַשטייט עס זײַן אייגענער אופן? גאָר פּשוט: ער דערציילט. און ער דערציילט טעמיק און קאָלירפול און מיט אַזאַ וואַרעמער חיותדיקייט וואָס לאָקט אָן. יאַנאַסאָוויטש שילדערט ניט, נאָר ער דערציילט. ער מאָלט ניט און שילדערט ניט קיין פּייזאַזשן און סביבות און מענטשן, ער דערציילט פון זיי, ער דערציילט וועגן זיי און זייערע אינערלעכע קאָנפליקטן און

ברענגט פאַר אונדז די אַלערליי סיטואַציעס אין וועלכע די טאָג־טעגלעכקייט און דער גורל וואַרפֿט זיי אַרײַן. — איך ווייס ניט צי דאָס איז מאָדערניזם? צי דאָס איז אַ נאַוואַטאַרישער אייגנדיקער נוסח? איך וועל מיך אָבער אײַנשטעלן צו זאָגן אַז דאָס איז דער גראַטעגער דערציילערישער שרײַב־נוסח אין אונדזער אָנגעגליטער און צעפּאַטלטער צײַט. און אַזאַ פּיקחותדיקע באַלאַנסירטקייט פאַרמאָגן יאַנאַסאָוויטשעס דערציילונגען, ווי אָפּגעמאָסטן און אָפּגעווויגן איז די פּאַרעם צום סיפּור־המעשׂה, ווי ס'איז די שפּראַך פאַר זײַן מאַנאַלאַג און פאַר זײַנע העלדן. — —

ווער זענען עס די העלדן אין זײַנע דערציילונגען? זיי זענען נאָענטע און באַקאַנטע. אַמאָליקע זין און טעכטער פון יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, וואָס די צײַט און די מהומות פון דער צײַט האָבן זיי פאַרטראָגן בכל פּינות־העולם. און כאָטש זיי לעבן הײַנט אַן אַנדער לעבן — דער רוב פון זיי אין מאַטעריעלער רחבות — טליעט און הויערט אין זיי אַ בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל, נאָך דער פאַרשווונדענער אָפּגעמעקטער היים, נאָך די גרויע וואָכנטעג אין שטעטל און די שבת־יום־טוב־טעג. אַזעלכע, מיט אַזעלכע נאָגנדיקע געמיטער זענען כמעט אַלע העלדן יאַנאַסאָוויטשעס, וואָס זייער אָפּשטאַם איז פון דאָרט... מיט אַזאַ אומרויִקייט טראָגט זיך אויך אַרום זײַן באַקאַנטער — ווי ער רופט אים, דעם הויפּטהעלד פון דער דערציילונג „דאָס בשׂמים־ביקסל“. אָט אַזוי, אין געציילטע שורות, שיילן זיך אויס די פאַרלוי־פּעניש פון אַמאָל און די אָנגעשפּאַנטע וואָר פון הײַנט:

„מײַן באַקאַנטער איז זייער פרי נחמץ געוואָרן און איז אַוועק פון טאַטנס דרכים. דער אמת איז אַז די נויט איז בײַ זיי אין שטוב געווען זייער גרויס און דער טאַטע דער למדן און בעל־יִחוס האָט גאַרנישט געפּרוווט טאָן כּדי זי צו פאַרקלענערן. אין יענער צײַט איז מען אין שטעטל שוין געווויינט געווען דערצו, אַז אַ חסידיש בחורל זאָל פאַרקאַטשען די פּאות הינטערן אויער און זיך נעמען לערנען אַ פאַך. אָבער ווען מײַן באַקאַנטער האָט ווי אַ זעכצן־יעריקער יינגל פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש, ווו ער האָט געלערנט בעיקר אין די נעכט, און זיך אויסגעלערנט שטריקן אויף אַ העטשקעמאַשין, האָט מען אין אַ סך, אַ סך שטעטלדיקע שטובן געקרעכצט, וואָרעם אַז חיים בחמנס זון, ר' יונה וואַלפּס אַן אייניקל האָט שוין אויך אײַנגעטוישט די גמרא אויף

אַ מאַשינדל, איז שוין טאַקע געווען אַ סימן, אַז מיט ייִדישקייט ווערט וואָס אַ מאָל ענגער, — — אין די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן איז מײַן באַקאַנטער אַוועק קיין אַרגענטינע".

דאָ האָט אים עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער דער מחבר אָפּגעפונען. געטראָפן אַ סאָלידן מאַן, אַ היפּשער גביר, אַ מטופל מיט געשעפטן און פאַבריקן, אַ רײַך הויז. אַפילו זײַן טאַטנס בשׂמים־ביקסל האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. אָט דאָס דורותדיקע בשׂמים־ביקסל, וואָס וואָלט געקאָנט דערציילן פון אַזוי פיל וואונדיירים. אָבער דאָס בשׂמים־ביקסל שטייט דאָ אַן עלנטס און אַ פאַרלאָזנס, — — מחמת דאָ איז שוין דאָס ייִדישקייט אין גאַנצן אויסגערונען. די זין און טעכטער ציט עס צו די פלאַמיקע אײַנגעבוירענע און צו זייערע מינהגים. מיט טיפן אומעט טענהט זײַן באַקאַנטער: „בײַ מיר אין שטוב וועלן שוין קיין נסים ניט געשען... נעם דאָס בשׂמים־ביקסל צו זיך... ניין, לאָמיר עס בעסער אָפּגעבן אין אַ מוזיי, לאָמיר עס אַוועקשיקן קיין ישׂראל".

אין אָט דער דערציילונג, אין אָט דעם געשטאַלט פון „זײַן באַקאַנטן" איז קולמינירט אַן אָפּשניט פון ייִדישן לעבן, פון ייִדישער וואָר פון אַ מאָל און הײַנט.

צוואַנציק דערציילונגען אַנטהאַלט דאָס בוך און זיי נעמען אַרום הן אַ שטייגערישן, הן אַ באַטײַטיקן געאָגראַפישן שטח. די זאַמלונג עפנט זיך מיט דער דערציילונג „דער ערשטער טאָג". די גרויליקע באַשרײַבונג פונעם ערשטן טאָג אין אַ ייִדיש שטעטל אונטער דער הערשאַפט פון געוועזענעם פּראָווינציעלן דריטראַנגיקן אַקטיאָר און איצטיקן נאַצי־קאָמענדאַנט האַנס גאַנטקע, וואָס מיט זײַנע רציחות שטילט ער זײַן גלוסט נאָך יאָרן פון אַקטיאָרישער דורכגעפאַלנקייט. — — די דײַטשישע מערדערישקייט, וואָס האָט געטליעט אין אים, לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער דורותדיקער ייִדישער קהילה.

יאַנאָסאָוויטש דערציילט פון פּליטים־לעבן אין די ווײַטע ראָטן־פאַרבאַנדישע אַאולן. און ער דערציילט פון ניצול־געוואָרענע און זייערע נײַע נסיונות און איבערלעבונגען אין ווײַטע לענדער מעבר־לים. דאָרט באַגעגענען מיר אַ גאַלעריע פון טיפּן, ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, שרײַבערס און קינסטלערס, סוחרים און טעאַטער־מענטשן. דאָ טרעפן מיר דעם טשיקאַווען באַרעדעוודיקן

אַקטיאָר פון דער אַמאַליקער ייִדישער בינע, וואָס שפּילט היינט וויכ־טיקע ראָלעס אין שפּאַנישן טעאַטער. אָט די אייגנאַרטיקע, מקורותדיקע דערציילונג, פון די בעסטע אינעם בוך, הייסט „מאָנאָלאָג נאָך האַלבער נאַכט״.

ווי מיר דאַכט, איז דאָס גאַנצע בוך ווי אַ מאָנאָלאָג נאָך אַ האַלבער נאַכט פון אַ פּיקחותדיקן, אינטערעסאַנטן דערציילער. אַזאַ איז ער יצחק יאַנאַסאָוויטש.

ה

איך דערלויב מיר צו זאָגן שוין ביים אָנהייב, אַז יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט מיט דעם נייעם בוך, מיט די אַרבעטן וואָס קומען אַריין „אין פּרדס פון ייִדיש״, באַוויזן נאָך אַ מאָל אַז ער איז פון די געציילטע וויכטיקע קולטור־אויסטייטשערס, ליטעראַטור־קריטיקערס און פון די גייסטרייכע עסייִסטן אין אונדזער הײַנטצײַטיקער שאַפונג. און דאָס, צום אַלעם ערשט, אַ דאַנק זיינע כשרונות אין די עלעמענטן און כלים וועלכע זענען גייטיק דערצו. ראשית: זיין עומקותדיקע קענטשאַפט. צוויטנס: זיין אייגנדיקע, מקורותדיקע געדאַנקלעכקייט. דריטנס: זיין וואַרעמער, נאַראַטיווער שרייב־סטיל און בונטרייכער לשון, וואָס איז אי שורשדיק־ייִדיש, אי מאָדער־ניסטיש. — —

אַגב, ייִדיש־שורשדיק און מאָדערניסטיש איז אַ גרונטשטריך אין זיין שאַפן. און צווישן אָט דיביידע איז נישט נאָר נישטאָ קיין סתירה, להיפּוך גאָר. די זענען אָרגאַניש געבונדן און פאַרבונדן, זיי קומען אויף ביי אים ווי פון סאַמע ליטעראַרישן בראשית, ווי אַנדערש וואָלט עס גאָרניט געקאָנט זיין.

פופצן אַרבעטן קומען אַריין אינעם בוך. זיי זענען לרוב געשריבן געוואָרן מיט העכער צוויי צענדליק יאָר צוריק, און הגם יאַנאַסאָוויטש אַליין פּרוּווט — אין זיין קורצן אַרייַנפיר צו דעם בוך — זיך פאַרענטפערן: „אַז אַ סך אַספּעקטן פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען זעט ער איצט — ווי אַ תּושב פון מדינת־ישראל — אַנדערש ווי ער האָט זיי געזען אין חוץ־לאָרץ״, דאַכט זיך מיר, אַז אָט די רעזערוואַציע־באַמערקונג איז לחלוטין אַן איבעריקע. ניט נאָר

דערפֿאַר ווײַל מיר פֿילן אַף אין די עסייען דעם אײגנטימלעכן געמיטצושטאַנד, דעם פֿלאַטער און די מחשבֿה־וויבראַציעס, וואָס פֿאַרלירן ניט זייער אַקטועלקייט, נאָר אויך דערפֿאַר ווײַל ס'איז מוטל בספֿק צי די אָפּגעלאָפּענע יאָרן, ווי די צו מאָל ראַציאָנעל געענדערטע מערכה אין מדינת־ישׂראל און אין די תּפֿוצות, זענען מסוגל אַנצורירן, אָדער צו פֿאַרבלאָסן די גײַסטיקע עקסקורסיעס וואָס זענען בנימצא אינעם בוך.

דאָס זענען סאָלידע אָבער אײַפֿערדיק־זוכערישע עקסקורסיעס פֿון אַן עסייִסט, בײַזאַם מיט אַן אימפּולסיוון דיכטערישן שפּאַצירגאַנג אויף די וועגן און שליאַכן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און בײַ אַ צאָל פֿון אירע שאַפֿערס. יאַנאַסאָוויטש באַלײַכט דאָ פֿאַר אונדז און כאַראַקטעריזירט דאָס אײגנטימלעכע און דאָס צו מאָל פֿאַרבאָרגענע. אַזוי אין ברייטע טעמעס ווי „פֿון קלײנעם מענטשעלע צו דער גרויסער ייִדגעשטאַלט" (דער אַנטוויקלונג־וועג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור), „די חורבן־ליטעראַטור און איר שליחות פֿאַרן פֿאָלקסלעבן", „מדינת־ישׂראל אין דער ייִדישער פּאָעזיע", אַזוי אויך אין די אַרבעטן וועגן די יחידים־שאַפֿערס: אַהרון צײטלין, שמואל האַלקין, יצחק באַשעוויס־זינגער, אַבֿרהם סוצקעווער, און אין דעם אַנאַליטישן עסיי — „גאָטמאָטיוון אין דעם שאַפֿן פֿון יעקבֿ פֿרידמאַן". אַוודאי, אין די אַלע אַרבעטן איז ער מפֿרש און באַהאַנדלט ווי דער געניטער ליטעראַטור־קריטיקער די סוגיות און מאָטיוון פֿון דיכטערס. אָבער אין כּמעט אַלע אָפּהאַנדלונגען קומט אויף זײַן אײגנדיקער צוגאַנג און עס לויכט אויף זײַן היקפּדיקער וויסן און באַגעם.

אײנס פֿון די אינטערעסאַנטסטע עסייען אינעם בוך איז וועגן דעם היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, וווּ ער ברענגט אַרויס דעם שאַפֿערישן בײַטראָג פֿון דעם געשיכטע־שרײַבער און מאַכט אויך אַ גרעסטענעם קריטישן פֿאַרגלײַך מיט אַ צווייטער אויסגערופֿענער געשטאַלט פֿון דער ייִדישער היסטאָריאָסאָפֿיע — הײַנריך גרעץ. זאָגט ער:

„אַז מען לייענט גרעצעס ייִדישע געשיכטע איז שווער זיך צו באַפֿרײַען פֿון דעם אײַנדרוק אַז מיר הערן די פּאַראַפֿראַזע פֿון די נבֿיאישע ווערטער: זכרתּי לך חסד נעוריך, עס קומט אויס ווי דער אַלטער באַפֿליגלטער היסטאָריקער וואָלט געזונגען מיט אַ בענקשאַפֿטלעך־פֿאַרליבט קול צו דער כּנסת־

ישׂראל וועגן איר וווּנדערלעך־שײנער פֿאַרשווּונדענער יוגנט. אָבער צווישן די דאָזיקע זינגענדיקע שורות זײַנען הערט זיך כּסדר און כּסדר דער ביטערער ווי־געשריי: געדענק, ייִדיש־פֿאָלק, וואָס דו ביסט אַ מאָל געווען. ווי שיין און גוט עס זענען געווען דײַנע געצעלטן. ווי גרויס און מעכטיק עס זענען געווען דײַנע העלדן, און זע, פֿאָלק מײַנס, אויף וואָס דו ביסט איצט אָפּגעקומען און ווי אָרעם און גרוי עס איז דײַן קעגנוואַרטיק לעבן. שמעון דובנאָוו איז געווען פּונקט דער היפּוך: ער האָט קיין מאָל נישט מבֿזה געווען דעם הײַנט פֿון זײַן פֿאָלק און ער האָט אין אים תּמיד געפֿונען די דאָזיקע גרויסקייט, וואָס האָט זיך געקאָנט פֿאַרגלײַכן מיט די עפּאָכעס פֿון פֿאַרגאַנגענער הערלעך. ער איז מיט אַלע זײַנע רמ״ח אבֿרים געווען אַרײַנגעטאָן אין דעם אַקטועלן און אַלצײַטיקן לעבן פֿון זײַן פֿאָלק".

מער נאָך ווי די ברייטלעך באַזירטע אויסטײַטשן און מיינונגען, וואָס זענען פֿאַראַן אינעם בוך, אימפּאָנירן די קורץ דעפֿינירטע און בפּירוש בליציקע אַרויסזאָגונגען. אָט אַ שטייגער: „בײַ מענדעלען איז אונדזער ליטעראַטור קוים געווען אַ סטאַטישער פֿאַקט, מיט שלום־עליכמען און מיט פּרצן האָט זי אָנגעהויבן ווערן אַ דינאַמישע פֿאַטענץ". אָדער: „לויט מײַן מיינונג איז אַ גרויסער דיכטער נישט דער וואָס זינגט זיך אַרײַן אין פֿאָלק, נאָר דער וואָס דאָס פֿאָלק זינגט זיך דורך אים אַרויס". און אָט ווי יאַסאַנאָוויטש פֿאָרמולירט אַ מחשבֿה וועגן פּרצן:

„פּרץ — זאָגט ער — האָט גענומען ייִדיש־לעבן און עס פֿאַרוואַנדלט אין ליטעראַטור, אָבער דער ייִדישער גורל האָט זײַן ליטעראַטור אויף ס'נײַ פֿאַרוואַנדלט אין לעבן".

מיר וואָלטן געקאָנט אַזוי אָפּקלײַבן און ציטירן און אַנסילעווען אָט די בליציקע, פֿאַרטיפֿטע און חיותדיקע אַרויסזאָגונגען ווי גוט קולטיווירטע פֿערעלעך אויף דער שנור פֿון שרײַבעריש־פֿילאָסאָפֿישן דענקען. זיי זענען אי שיין, אי שׂכלדיק און אַנטהאַלטן אינטעלעקטועלן זין. — — — קען איך מיך ניט אײַנהאַלטן און ברענגען נאָך איין באַדײַטונגספֿולן זאָג:

„זכּרון איז דאָס וואַסער אויף וואָס עס טראָגט זיך די שיף פֿון מענטש־לעבן באַוווּסטזײַן צו די ברעגן פֿון אַ געצילטער עקסיסטענץ. אָן זכּרון איז נישטאָ קיין אינטעלעקט און ס'איז נישט געמאָלט קיין שׂכלדיק לעבן".

אַ סך פון די אָפּהאַנדלונגען, וואָס קומען אַריין אינעם בוך, זענען געשריבן געוואָרן ווי רעפעראַטן. אָבער עס מאַכט ניט אויס, זיי לייענען זיך פליסיק און זיי זענען באַטעמט, ווי גוטע ליטעראַטור.

ערגעץ ווו אין זייער נוסח און סטיל דערמאָנען זיי אונדז אין די רעפעראַטן־עסייען פון אונדזער גרויסן ה. לייוויק.

ס׳איז די שעפערישקייט פון נעכטן און הײַנט „אין פּרדס פון יידיש״.

שלום אַשס בריוו

מיט עטלעכע חדשים צוריק, משמעות אַז די ריכטיקע דאַטע איז דער 1טער יאַנואַר 1980, איז אויסגעפאַלן דער הונדערטסטער געבוירן־טאָג פון שלום אַש, איינער פון די חשובסטע אין דער יידישער ליטעראַטור. ניט נייטיק צוצו־געבן אַז שלום אַש איז אַ וועלטבאַמען און זיינע שאַפונגען זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין עטלעכע צענדליק שפּראַכן, אַז זיינע דראַמעס זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף די בינעס פון פרעמדשפּראַכיקע טעאַטערס.

וועגן שלום אַשן האָט מען געשריבן אַ סך. מען האָט אויסגעטייטשט און אַנאַליזירט זיינע ווערק, כאָטש קיין אומפּאַסיקע, פולע מאָנאָגראַפיע איז ביז הייַנט ניט דערשינען. שמואל ניגער האָט געשריבן מיט קריטישן אייפער און מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט און כמעט וועגן אַלץ וואָס עס איז אַרויס פון אונטער זיין פעדער. שלמה ראָזנבערג האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן שלום אַשס לעבן פאַר די יאָרן וואָס ער איז געווען ביי אים דער סעקרעטאַר, בעת אַש האָט געוווינט אין פראַנקרייַך, אויך יצחק פאַבער, וואָס פלעגט איבערשרייבן אַשס מאַנוסקריפּטן — אין די לעצטע יאָרן, ווען אַש האָט געלעבט אין זיין הויז אין בת־ים — האָט פאַרצייכנט זיינע איינדרוקן פון און אַרום שלום אַשן און עס אַרויסגעגעבן אין אַ בוך אונטערן נאָמען „שלום אַש אין זיין לעצטער היים".

כּידוע האָט שלום אַש עטלעכע מאָל אויפגערודערט די יידישע וועלט הן מיט זיינע אַרויסטריטן, הן מיט עטלעכע פון זיינע ווערק און ער האָט אַרויסגערופן היציקע וויכּוחים אַרום זיך און זיין שאַפן. אָבער ער איז דאָך געבליבן דער גרויסער פּראָזאַיקער אין דער יידישער ליטעראַטור.

שוין אין יאָר 1922 שרייבט וועגן אים אין „מילגרוים" דער אייגנ־אַרטיקער ליטעראַטור־קריטיקער בעל־דמיון, נחום שטיף:

„פאַר ליטעראַטור איז דאָס געווען אַ שטיק אַנטדעקונג! זאָל דאָס זיין דאָס פאַרוואָרלאָזטע שטעטל, דאָס יידישלעכע שפּינוועבס? צוויי דורות שריי־בערס האָבן דאָס פאַרהאַסט און פאַרשפּיגן, איצט האָט דאָס ווידער מענטש־לעכקייט געוווּנען". און ער פאַרענדיקט: „מעג מען שוין אין וואַרשע קריינען דעם יונגן קלאַסיקער, שוין צייט" ——

וואָס אַן אמת, האָט שלום אַש ניט לאַנג געוואַרט אויף זײַן קרוינונג, און די דערהויבנסטע קרוינונג איז געווען, וואָס ער איז גאַר גיך געוואָרן דער צום מערסטן געלייענטער שרײַבער. און געלייענט האָבן אים אַלע שיכטן פון פאָלק.

די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן איז שלום אַש געוואָרן אַ תושב אין בת־ים. איך פלעג אים אָפט באַזוכן אין זײַן היים. ס'איז גוט געווען אים צו הערן, און איך פלעג מיך צוהערן — בעיקר בעת די לאַנגע שפּאַצירן וואָס מיר פלעגן מאַכן — צו זײַנע זכרונות־דערציילונגען וואָס פלעגן אויפשפּילן מיט אַלע חנען און מיט אַ צויבערנדיקער בילדערישקייט.

דאָס הויז אין בת־ים איז נאָך זײַן פּטירה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער ווו עס ווערט אויפגעזאַמלט און אויפגעהיט אַלץ, וואָס עס האָט אַ שײַכות מיטן לעבן און שאַפן פון שלום אַש, כאָטש דער רוב כּתב־ידן און דאָקומענטאַרער מאַטעריאַל איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַרבע פּינות עולם, און ניט ווייניק איז פאַרלוירן געגאַנגען.

מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז דערשינען אַן אינטערעסאַנט בוך, וואָס בית שלום אַש האָט אַרויסגעגעבן. דאָס איז אַ באַנד פון אויסגעוויילטע בריוו, וואָס שלום אַש האָט געשריבן במשך די יאָרן 1905—1914 און פון 1939 ביז 1957. די זאַמלונג נעמט אַרײַן צוויי הונדערט אַכט און פופציק בריוו און זיי ווערן געטיילט אַזוי: 221 געשריבן פון שלום אַש (דערפון 178 צו זײַן פרוי מאַדזשיע); 39 בריוו זענען געשריבן צו דעם דעמאָלטיקן ראש־העיר פון בת־ים דוד בן־ארי, און די איבעריקע זענען צו שרײַבערס, פאַרלעגערס, רעדאַקטאָרן און צו אַ צאָל משפּחה־מענטשן. דער לעצטער טייל נעמט אַרײַן די בריוו פון זײַן פרוי צו אים.

אין דעם אַרײַנפיר פונעם צונויפשטעלער פון אָט דעם ספר — מרדכי צאַנין — ווערט געזאָגט: „די זאַמלונג נעמט אַרום בלויז אַ טייל פון דער פאַרצווײַגטער קאָרעספּאָנדענץ פון שלום אַש. אַן אַרומנעמיקע און אויס־שעפּנדיקע זאַמלונג פון די בריוו פון שלום אַש וואָלט געפאָדערט די אַרבעט פון אַן אַקאַדעמיע. דער ציל פון דעם רעדאַקטאָר פון אָט דער זאַמלונג איז געווען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. נעמלעך, צוזאַמענצונעמען און אַרויס־געבן אַ צאָל בריוו פון שלום אַש, פון וועלכע עס זאָל זיך באַקומען דער נשמה־פּאָרטרעט פון דעם מענטש שלום אַש".

דאַכט זיך אַז צום טייל איז עס דעם צונויפשטעלער געראָטן. דאָ און דאָרט באַקומען מיר אַן ענטפער אויף די פראַגעס וואָס האָבן באַשעפטיקט דעם גרויסן פּראָזאַיקער, דעם קינסטלער שלום אַש. דורך די בריוו פילן מיר אָפּ זײַן פיבערדיק געמיט, זײַן טראַכטן, זײַנע ספיקות און געראַנגלענישן, זײַנע אַנטוישונגען און באַגערן. אָט די בריוו זענען ווי פראַגמענטן פון זײַן אינערלעכער וועלט. ניט מעגלעך צו ציטירן אַפילו שטעלן פון די בריוו, כאָטש זיי בעטן זיך. אָט שרײַבט ער צו זײַן פרוי אין יאָר 1916 (שלום אַש איז דעמאָלט אַלט געווען 36 יאָר): „איך בין הײַנט אין אָונט אין סיראַקוז. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז דאָס רעדן ניט קיין גרינגע מלאכה, נאָר קיינעם קומט ניט אָן גרינג דאָס לעבן. איך וועל אָבער פיל לערנען פון דעם וועג, מיט דעם וואָס איך האָב צײַט אין וואַגאָן צו טראַכטן. צו לייענען און אײַנצוזען ווי נאַריש איך לעב".

שלום אַש איז פאַר אַ סך יאָרן געווען געבונדן מיט ארץ־ישׂראל, אַ גלײַכע ליבע האָט ער געטראָגן צו דעם הערלעכן עבֿר פון לאַנד. פון דאַנעט קומען זײַנע פרעכטיקע ארץ־ישׂראל־דערציילונגען, ווי „אַ טאַלאַנט צו ארץ־ישׂראל" און דער ראָמאַן „דאָס געזאַנג פון טאָל". אין דעם לעצטן בריוו וואָס קומט אַרײַן אין דער זאַמלונג, געשריבן צו דער משפּחה פון בן־ארי דעם 6טן יולי 1957, שרײַבט אַש: „מיר זענען דאָך גאָט צו דאַנקען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, מיר האָבן געהאַט אַ שווערע און שלעכטע רײַזע, אַלע אונדזערע שונאים זאָלן אַזוי קפּאָרן פונעם וואַרעמען ארץ־ישׂראל צו דעם קאַלטן לאָנדאָן. דערפאַר האָט אונדז גאָט געשטראָפט. וואָס האָט אונדז געפעלט אין ארץ?"

די זאַמלונג גיט אונדז אַ שמץ פון אַ מעגלעכקייט צו דערקענען דעם גרויסן קינסטלער און מענטש שלום אַש, און ס'איז אַן און פאַר זיך אַן אינטערעסאַנט בוך.

1980

פּאַפּיערניקאָווס געזאַנג צום בוים

אין אַ ליד האָט י. פּאַפּיערניקאָוו אַנומלט געזאָגט: „עס אַרט מיך ניט וואָס איך האָב די פּערל ניט געפונען. כ'האָב דערפאַר די טיפעניש דערגרייכט".

דאָס ניט לאַנג דערשינענע בוך, די לידער־זאַמלונג „די גרינע ראָסע", איז בפירוש אַ שטאָפּל אין דעם דיכטערישן גוטס, וואָס ער האָט במשך זעקס צענדליק יאָר ביַיגעטראָגן און דערגרייכט — —

ווער זענען די „גרינע ראָסע"? מיר ווייסן וועגן דער „געלער ראָסע", „רויטער ראָסע", „שוואַרצער ראָסע", אַפילו וועגן דער גרויער „מולאַטישער ראָסע", אָבער „גרינע ראָסע"? אַז פּאַפּיערניקאָוו האָט מיר אַנומלט געזאָגט ווי דאָס בוך וועט הייסן, האָב איך מיך געכאַפּט וואָס זיַין כוונה און מיין איז. נאָך מער, איך האָב וויזועל אָפּגעפּילט די „גרינע ראָסע": דעם פייזאַזש און די לאַנדשאַפט, דאָס בוים און פעלד, דעם גרינעם קוסט און די בליִענדיקע באַגרינטע פלאָרע, וואָס ער ברענגט טאַקע אַרויס אַזוי חיותדיק און בילדעריש, מיט אַזאַ פאַרביקייט און גראַציעזקייט אין די 50 לידער וואָס קומען אַריַין אינעם בוך, אַט „די גרינע ראָסע", וועלכע פּאַפּיערניקאָוו פאָרמולירט זי פאַר אונדז אַזוי בולט:

די וועלט, די גאַנצע וועלט
איז די היים פון דער ראָסע דער גרינער,
די היים פונעם ביימערפאָלק
אומעטום ריַיך
און אין ערגעץ נישט פרעמד אויף גאָטס ערד —
רעדט דאָס ביימערפאָלק
איין און דאָס זעלביקע לשון:
דאָס לשון פון שוויַיגער,
וואָס טראַכטן און זוכן דאָס וואָרט —
אין די אייגענע טיפן,
און רעדן צו יענע, וואָס הערן די שטומקייט אַליין.

וואָלט איך ניט מורא געהאַט צו שפּעקולירן און זיך אַ שפּיל צו טאָן, וואָלט איך זיך איינגעשטעלט צו זאָגן, אַז פּאַפּיערניקאָוו איז אַ ריפּער, באַזע־סענער שטאַם פון אַט דער ראַסע, מחמת פון זיינע יינגסטע יאָרן רעדט ער „דאָס זעלביקע לשון, דאָס לשון פון שוויגער" און זוכט דאָס וואָרט „אין די אייגענע טיפן".

בכלל דאַכט זיך מיר, אַז די קנאָספּן און גראָזן, די ביימער און קאָליריקע בלעטער אָטעמען מיט אַזאַ וואָריקער וויטאַליטעט, מיט אַזאַ חיות, ווי דער דיכטער וואָלט דאָ טראַנספאָרמירט די לעבעדיקע וועלט, מיט אירע שיינקייטן און קאָנפליקטן, מיט אירע השגות און ווירוואָרן, מיט אירע געשטאַלטן, וואָס צווישן זיי זענען פאַראַן גרויסע און מוטיקע און אויך אָפּגעשטאַנענע, גייסטיקע ליליפּוטלעך. איך ווייס אַז איך טייטש דאָ מסתמא בלויז אַריין מיין איינדרוק און דעם געפיל, וואָס איך האָב געהאַט ביים לייענען אָט די אויסערסט־אייגנאַרטיקע און בפירוש אָריגינעלע לידער.

עפּעס זעט עס מיר אויס ווי פּאַפּיערניקאָוו וואָלט גענומען און איינגע־שפּאַנט די גאַנצע פלאָרע — די ביימער, די גראָזן און געוויקסן, אַפילו דאָס צווויטשערן פון די פייגל — און האָט זי פערזאָניפיצירט. לאָמיר הערן אַ שטייגער זיבן שורות פונעם ליד „דאָס ביימערפאָלק":

פון אַלע פעלקער איז צום נאָענטסטן, צום ליבסטן מיר —
דאָס פרידלעכסטע, דאָס שטילסטע פאָלק:
דאָס ביימערפאָלק —
די גרינע ראַסע.

ס׳גרינע פאָלק איז גאַסטפריינדלעך.
די גרינע אָרעמס נעמען אויף אַיעדן
ווער עס וויל אין זיי געפינען שוץ און רו...

אין דעם קאָנטעקסט איז כאַראַקטעריסטיש און מהותדיק דער מיין און די אויסערלעכע געשטאַלטיקונג, ווי די מערכה פונעם „איילבירטבוים":

אַשיק־גראָ, ווי נאָך אַ גרויסער שׂריפֿה —
שטייט ער דאַר־צעצווײַגט מיט קנויליקן געפלעכט
און ס׳דאַכט זיך, אַז עס קאָן נישט זײַן שוין ערגער,
ווי דער גורל צו אַ בוים אַזאַ איז שלעכט.

נאָר זיי, די גרינע און די שוואַרצע איילבירטן,
וואָס באַשיטן אים דעם קאָפּ געדיכט —
דערציילן עפּעס אַנדערש וועגן אים,
און וואַרפן אויף זײַן שטאַם אַן אַנדער ליכט:

אַ ליכט פון גלאַנץ; אַ ליכט פון פײַנעם יִחוס,
סאַמע שמן־זית, סאַמע שמן זך,
אַן איידלבוים, אַן אַשיק־גראָער עניו,
אַ מסתפּק, וועלכער גיט אַ סך.

די לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער קאָנדענסירטער שילדערונג־שפּראַך, מיט זייער קאָלירפולער, ריטמישער באַוועגלעכקייט, מיט זייער לידערישער פשטות און מיט זייער שפּילעוודיקער פאָרעם. דערצו נאָך גייט אויף פון זיי אַזאַ קאָמוניקאַטיווע וויזועלקייט, אַז אַ שטייגער ווי זיי אַליין, די ביימער, די גראָזן און קנאָספּן וואָלטן גערעדט צווישן זיך אַזוי שטיל און סודותדיק, באַרעדט די משונהדיקע וועלט פון די בני־אָדם...

אַ נאַטירלעכע, אַ רירנדיקע עצבות איז פאַראַן אין די לידער, ס׳איז הן די עצבות וואָס איז אַזוי אייגן פאַר פּאַפּיערניקאָווס שאַפן, הן די אומעט־שפּירונג וואָס קומט אַלע מאָל אויף, בעת דער אומפאַרגלײַכלעכער קאָנ־פראָנטאַציע צווישן מענטש און נאַטור, מענטש אַנטקעגן דער אומענדלעכקייט, דער אין־סופיקייט און מעכטיקייט פון נאַטור... אין אַט דער אייגנטימלעכער אַטמאָספער (פון מענטש און נאַטור) ווירקן זיך באַזונדער אויס די לידער, וואָס ער האָט געשריבן בעת זײַנע באַזוכן אין מעלבורן און אין מאָנטרעאָל, משמעות אונטערן אײַנדרוק פון זײַנע שפּאַצירן אין די דאָרטיקע פּאַרקן, גערטנער און באַבוימערטע אַלייען. ס׳איז האַרבסטצײַט און ער מאָלט דעם

פּאַרמעסט צווישן ווינט און ערד און בלעטער, און די קראָען וואָס קרײַזן אַרום, און די פּאַרביקייט פון קלומבעס געפאַלענעם צווייט. וועל איך ציטירן בלויז איין שורה, וואָס שליסט אָפּ דעם לידער־רינג:

געפאַלענע בלעטער זיי ראַנגלען זיך אויף פאַרן לעבן.

לעבן און אַ ווונדערלעכע געדײַונג איז בנימצא אין די לידער פונעם אַפּטייל „ביימער און פּירות". אַ צאָל פון די לידער קענען מיר פון פריִער. זיי פאַרמאָגן אונדזער וואָריקע אייגנטימלעכקייט, אָטעמען מיט עכטן ארץ־ישׂראל־אַראָמאַט און זענען אויסגעפורעמט אויף אונדזער גליִקן באָדן, גע־גלעט פון שאַרפער זון און פון פאַרטאָגיקן טוי, געשפּײַזט פון רעגן און פון געטרײַע אַרבעטסהענט. אָט זענען די סאַברעס, די היטערס פון ווײַנגערטנער און פּרדסים.

אין קרומע צעלאָפּענע שורות
אויף וויאַרסטן און מײַלן —
ציִען זיי זיך ווילד, צעוואַקסן,
זיי, דאָס אָרעמסטע געוויקס דאָ אויף די וועגן:
סאַברעס.

און אָט פירט ער אונדז אַריבער צו אונדזער יוגנטלעכן ארץ־ישׂראלדיקן אַמאָל, ווען ס'איז געווען אָרעמלעך אָבער פריידיק און מאַראַנצן־צוכט איז געווען דער אַקס און דער שטאָלץ פון לאַנדישער פּראָדוקציע:

בלאָע הימלען, גרינע ביימלעך,
זוניק־גאָלדענע מאַראַנצן,
איז אין פּרדס העל און היימלעך
באַקן פלאַמען, אויגן גלאַנצן.

שניטערס שנײַדן, בלוטן רוישן,
און עס שפּאַרט זיך יונגער כוח,

טראָגן לײַכט די שווערע קוישן,
שיכּור פון אָראַנזשן־ריח. —

די לידער פון דעם אָפּטייל, ווי דער רוב פון דעם וואָס עס קומט אַרײַן אינעם בוך „די גרינע ראָסע״, איז דורכגעדרונגען מיט עכטער, אייגנדיקער ארץ־ישׂראל־לופט. ס׳איז אונדזער הימל און ערד —— פון וועלכער עס ווייעט אויף געזונטע, האַרעפּאַשנע מי און שאַפערישע פרישקייט. גאָר קיין ספק ניט, אַזעלכע לידער האָבן געקאָנט אויפקומען נאָר אויף אייגענעם באָדן, אויף אייגענעם פעלד. — און כאָטש פּאַפּיערניקאָוו איז גאָר אָפּט פול תּרעומות אויף דעם וואָס עס פאַרלויפט זיך, איז ער דאָך דער סאַמע פאַרבונדנסטער מיטן לאַנד, ס׳איז זײַן לעבנס־ליבע. ——

איציק מאַנגער — שריפטן אין פּראָזע

ס'איז בפירוש אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער אויפטו דאָס אַרויס־געבן אין איין באַנד איציק מאַנגערס „שריפטן אין פּראָזע" (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א, 1980, 494 זז'). דאָס בוך אַנטהאַלט 85 פּראָזע־קאַפּיטלעך, וואָס מאַנגער האָט זיי געשריבן אין פאַרשיידענע צײַטן און בײַ פאַרשידענע אומשטענדן. אינעם בוך קומט אויך אַרײַן זײַן באַוווסטער ציקל „נאָענטע געשטאַלטן": ד"ר שלמה עטינגער און א. ב. גאָטלאָבער, אײַזיק מאיר דיק און בערל בראָדער, א. מ. וואַרשאַווסקי און הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אליקום צונזער און אַבֿרהם גאָלדפאַדען און אַנדערע ראשונים. און ס'איז פאַראַן אַן אַפּטייל עסייען, פּאָרטרעטן פון שרײַבערס, וואָס זענען אים משמעות נאָענט געווען, וואָס האָבן אים אינטערעסירט און פאַראינטריגירט. און עס קומען אַרײַן אינעם בוך דערמאָנונגען, עפּיזאָדן פון זײַן לעבן, בעיקר פון זײַן קינדהייט און יוגנט, און עס שליסן דאָס בוך די קורצע, לויטערע אָפּשאַצונגען, באַטראַכטונגען, שמועסן וועגן ליטעראַטור און קולטור־ענינים פון דער פּרעכ־טיקער סעריע „געציילטע ווערטער"...

איציק מאַנגער האָט ניט געשריבן קיין פּאָעטישע פּראָזע ווי אַנדערע באַצייכענען עס. בײַ אים האָט פּראָזע געלעבט און געאָטעמט מיט עכטן, וואַריקן סטיל און באַראַטיוו־דערציילערישן פּראָזע־נוסח. ס'איז אמת, אפשר בלויז אַ דיכטער פון דעם אײַנציקאַרטיקן כאַראַקטער און גענעזע, ווי ס'איז געווען מאַנגער, קאָן דערגיין און אויפשאַפן אַזאַ פּאָרעם. אָבער ווי וויל ער האָט געוווסט אויפצומאָנטירן און אײַנצוהאַלטן די ראַמען פון זײַנע שאַפערישע זשאַנערס.

שלמה ביקל, זײַן נאָענטער פון קאָלאָמיי און טשערנאָוויץ און שפּעטער פון ניו־יאָרק, האָט אַ מאָל געשריבן וועגן מאַנגערן: „ווי קיינער פאַר אים און קיינער נאָך אים האָט איציק מאַנגער אין זײַן ליד, אויפן סאַמע ראַפי־נירטסטן אופן, אַרויסגעבראַכט די גאַנצע סקאַלע פון געפילן און געמיט־שטימונגען פונעם יידישן פאָלקסליד איבער אַלע דורות. עס איז אין מאַנגערס ליד דאָ די פריִיד און דער טרויער פון דורות יידישן פאָלקסגעזאַנג, וואָרעם

אַזוי טרויעריק און אַזוי פריידיק אין איינעם, וואָס דאָס איז די העכסטע מדרגה סײַ פון פרייד און סײַ פון טרויער, קען גאָר דאָס ליד פון איין דיכטער ניט זײַן. און אַזאַ מעשׂה, וואָס זאָל זײַן אַזוי טרויעריק און שיין ווי די מעשׂה פון שמואל אַבאַ אַבערוואָ, אָדער פון הערשל זומערוויטש, קאָן זיך ערשט טרעפן מיט איין מענטש און אַפילו בלויז מיט איין דור. דאָס זענען פאַנ־טאַסטיש־וואָרע מעשׂיות, וואָס זייערע געשעענישן ברי:ען זיך אויס אין געמיט פון גענעראַציעס און זיי וואַרטן אויפן גרויסן דיכטער, ער זאָל זיי געשטאַל־טיקן און געבן אַ קינסטלערישן תּיקון מיט זײַן וואָרט און מיט זײַן אייגענעם באָוואָוסטזײַן. באָושאָווער.

אַזעלכע זענען מאַנגערס פּראָזעשריפטן. אַזאַ מענטשלעכער אומעט און פאַלקסטימלעכע ייִדישע חדווה הויערט איבער זיי. און שרײַבט ער — אַגב, וועגן וואָס ער זאָל ניט שרײַבן — שרײַבט ער וועגן די ערשטע, די יסוד־לייגערס פון אונדזער וואָרטשאַפונג, פון אונדזער ליטעראַטור — פירט ער אונדז באַלד אַרײַן אין זייער אייגנטימלעכער סביבה. און פון דאָנעט שיילט זיך אויס בהדרגהדיק, מיט פאַרביקער שילדערונג און מיט לירישן הומאָר, די פולע געשטאַלט, פון דעם אָנהייב פון זײַן דערשײַנען, ביז (לרוב) זײַן איינזאַמען, אומעטיקן פאַרגיין. אַזוי בײַ גאָלדפאַדען, אַזוי בײַ אײַזיק מאיר דיק, אַזוי בײַ גאָטלאָבערן, אַזוי בײַ יעקב מאַרגנשטערן, אַזוי בײַ יוסף באָושאָווער. — —

כמעט אַלע קאַפּיטלען : די אָפּהאַנדלונגען, באַטראַכטונגען, אָפּשאַצונגען, זענען ווערטיקע פּראָזע־קאַפּיטלען פון אַ באַזונדערער בעלעטריסטישער מײַס־טערשאַפט. זיי הייבן זיך אָן מיט שטייגעריש־שילדערישע שטעלן אין דערציי־לערישן נוסח און פירן דאָך לסוף צו אַן אייגנדיק־קריטישן אויפלייז. אָט אַ שטייגער, די באַשרײַבונג וועגן מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי הייבט זיך אָן אַזוי : „שלום־עליכם איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט, דער שניי איז נאָך אַלץ געפאַלן, נישט געהאַט אַפילו בדעה אויפצוהערן. די גאַס־לאַמטערנעס האָבן שוין געברענט, אָבער זייער ליכט איז געווען בלאָס און אָרעם אַנטקעגן דער בלענדיקער ליכטיקייט פון שניי, וואָס האָט זיך צעלייגט ברייט און רחבותדיק איבער די קיִוער גאַסן...” און אַ ביסל ווײַטער : „שלום־עליכם האָט איבערגעלאָזט דאָס פענצטער, זיך דורכגעשפּאַצירט עט־

לעכע מאָל איבערן שטוב, און אַ קוק טוענדיק אויפן וואַנטזייגער אַ ברום געטאָן: — שוין נאָך זעקס און דער זינגפויגל איז נאָך אַלץ נישטאָ״... דער זינגפויגל, מאַרק וואַרשאַווסקי, וועמען שלום־עליכם האָט פאַרבעטן צום ערשטן מאָל צו זיך אַהיים, כדי זיך צו באַקענען מיט אים און מיט זיינע לידער, וואָס זענען דאַן אומגעגאַנגען מפּה־לפּה. כּידוע האָט שלום־עליכם שפּעטער מפורסם געמאַכט וואַרשאַווסקין, אים מיטגענומען אויף עטלעכע פון זיינע רייזעס, אים מיטבאַטייליקט אויף זיינע פאָרלייען־אָוונטן, און אויך צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן וואַרשאַווסקיס לידער אין אַ בוך.

אַגב, אינעם בוך קומט אויך אַריין אַן עסיי, אַ באַשרייבונג וועגן שלום־עליכם נאָך זיין פּטירה. ווי אַלע אַנדערע פּראָזע־פּרקים מאַנגערס וועגן שאַפערס, איז אויך דער קאַפּיטל ניט קיין אויסטייטשערישער און ניט קיין קריטישער לפי אָנגענומענע השׂגות. עס וועט אָבער ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דאָס איז דער ריכטיקסטער, געראָטנסטער און צום טרעפלעכסטן אַרויסגעבראַכטער שלום־עליכם־פּאָרטרעט. שוין דער נאָמען אַליין, וואָס איז דער לייטמאָטיוו פונעם עסיי — „נאָר איין מאָל שלום־עליכם״, גיט אונדז דעם שליסל צו מאַנגערס דערקענטעניש און זיין אָפּפילן דעם שלום־עליכם־פענאָמען. איך וועל, אַגב, דאַכט זיך ניט גרייזן, ווען איך וועל צוגעבן אַז אַ סך פון שלום־עליכמס שפּראַכקלימאַט, פון שלום־עליכמס אַקומולירטער פאָלקס־פּיקחות און פאָלקסגעמיט איז בנימצא ביי מאַנגערן. ווען שלום־עליכם איז געשטאָרבן איז מאַנגער אַלט געווען 15 יאָר. שרייבט מאַנגער אַזוי: „געשטאָרבן שלום־עליכם — געשטאָרבן דער יידישער געלעכטער״, האָט אָנגעזאָגט מיט קידוש־לבנה אותיות די יידישע צייטונג אין יאַס...״ „דעם דאָזיקן פופצן־יאָריקן יינגל האָט זיך דעמאָלט אַפילו אויף אַ האָר ניט געחלומט, אַז ער וועט זיך ווען עס איז אָנגעהערן מיט דער יידישער ליטעראַטור און אַז די שלום־עליכם עקסיסטענץ אין דער דאָזיקער ליטעראַטור וועט אים כּסדר אָנפילן מיט שטאָלץ און מיט פּחד. מיט שטאָלץ דערפאַר, וואָס אָט דער איין און איינציקער, דער וווּנדערבאַרער, איז אונדזערער. און מיט פּחד און אָפּהענטיקייט, וויל ווי אַזוי קען מען עס נאָך שרייבן נאָך שלום־עליכמען.״

אינעם בוך קומען אַריין עטלעכע קאַפּיטלעך עסייען, וואָס זייער טעמע

איז אונדזער אומקום־דראַמע. אויך דאָ איז מאַנגער איינציקאַרטיק, אַזוי אין זײַן צער און ווײ, אין דעם צוגעקליבענעם שאַרפֿן וואָרט, און אַזוי אין דעם אַרויסברענגען די רישעותדיקע, פּלאַכע, פֿאַרריסענע, יונקעריש־דײַטשישע קולטור. ——— אָפּגעמעקט זאָל זי ווערן פֿאַר אַלע דורות.

דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון צונויפֿשטעלער פֿון דער זאַמלונג שלמה שווייצער און מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון איציק מאַנגער, געשריבן אין יאָר 1938 צו דער אויסגאַבע „נאָענטע געשטאַלטן". דאָס ערשטע קאַפּיטל אינעם בוך איז אַ סקיצירטער פּאָרטרעט פֿון אײַזיק וואַליך ווירמייסן פֿון וואָרמס, וואָס האָט געשריבן טעמיקע יידישע לידער, געמישט, פֿאַרשטייט זיך, מיט אַ סך אויסדרוקן און ווערטער פֿון אַלט־יידיש. און דאָס בוך שליסט זיך מיט אַ קורץ פּאָלעמיש אַרטיקל פֿון די „געצײלטע ווערטער" „שמ'ריאַ־דער", וואָס הגם דאָס לעצטע איז געשריבן געננוי מיט 50 יאָר צוריק, איז עס דאָך אַזוי הײַנטיק און אַקטועל.

עס דערנענטערט זיך די דאַטע פֿון אַכציקסטן געבוירן־טאָג פֿון איציק מאַנגער (דעם 28סטן מײַ 1981), וואָס קאָן נאָך זײַן אַ ווערדיקערע דער־מאָנונג פֿון דעם באַליבטן, גרויסן פּאָעט, ווי אָט די זאַמלונג „פּראָזע־שריפֿטן"!

1980

שמואל איזבאַן

איך האָב שוין אַ סך מאָל געשריבן וועגן די שאַפונגען פון איינעם פון אונדזערע פּראָדוקטיוווסטע און אינטערעסאַנטסטע פּראָזאַיקערס שמואל איזבאַן. איצט וויל איך אָפּצייכענען בלויז דאָס נײַסטע בוך דערציילונגען „אַ וואַלפיש אין יפו", וואָס איז טעמאַטיש אַ המשך פון זײַנע פריִערדיקע פּראָזעווערק אויף דער ארץ־ישראל־טעמאַטיק. אויך סטיליסטיש רופט זיך עס איבער מיט די דערציילונגען פון „הונדערט טויערן" און צו מאָל מיט דער פּאָעם און דעם שפּראַכקלימאַט פון זײַנע היסטאָרישע ראָמאַנען.

איזבאַן האָט אויסגעפורעמט אַ באַזונדער, אייגנדיק דערציילעריש לשון, וואָס פאַרמאָגט דעם חן פון אַרכאַישן יידיש און פון דער שפּעדיקער תנ"כישער שפּראַך, אַ זעלטענע מאָזאַיק פון פּאָרעם און לשון, פון סטיל און יידיש־חומשדיקער אידיאָמאַטיק, וואָס שפּרייט זיך ווי אַלטע, בונטע קינסטלערישע טעפּעכער, געוועבטע אין די דורותדיקע אָריענטאַלע ווערקשטעלן.

אין די דערציילונגען געפינען מיר אײַנגעוואָרצלטע גוזמאות, פּירעכצן, אײַנגלייבענישן, מינהגים און די כאַראַקטעריסטישע פאַנטאַסטיק פונעם אַראַבישן שטייגער. דער שרײַבער ווײַזט אַרויס באַהאָוונטקייט אין מיטעלן מיזרח. ער קען זײַנע אײַנוווינערס, די שבטים, זייערע טועכצן און טראַכטענישן, זייער וואָר און זייער ליסטיקייט, דעם בונטן געזעמל אויף די מערק, די גאָטפאָרכטיקע, דעם פּשוטן מענטש און דעם מנהיג. זײַן בעלעטריסטישע אינטויִציע איז וואַך און אָנגעשפּיצט. ער דערפילט איטלעכן נויג און אָפּנויג וואָס קומט פאָר בײַ דעם יחיד און כלל אויף אָט דער ברענענדיקער ערד פון מיטעלן מיזרח.

היימיש און ביז גאָר נאָענט איז שמואל איזבאַן אין דער סביבה פון אונדזערע ספרדישע ברידער. ער איז אויסגעבונדן מיט זייערע באַגערן און השגות, באַקאַנט מיט זייערע היימען, קאָנפליקטן, משפחה־שימחות, וואָס ער באַשרײַבט מיט עכטן פּאַטריאַרכאַלישן טעם. ער הייבט אַרויס זייער גבורה און גרייטקייט צו פאַרטיידיקן דעם יושר, דעם אייגענעם כבוד און דעם כבוד פון דעם שטאַם.

אַזאַ געשטאַלט איז גדליה דער טעפּעך־הענדלער, וואָס פאַרטיידיקט זײַן נאָמען און דעם כּבֿוד פון זײַן טלית, וואָס באַווײַזט נסים, ראַטעוועט מענטש־לעכע לעבנס.

„גדליה איז נישט געווען קיין מטיף און נישט קיין משולח, וואָס פאַרט איבער ווײַטע לענדער צו דערציילן די קדושה פון גאָטס שטאָט. בײַ דער שוועל פון זײַן קראָם האָט ער ליב געהאַט צו אַנטפּלעקן די וווּנדיירים, וואָס געשעען יעדן טאָג אין דער שטאָט ירושלים, וואָס איז די הייליקע צווישן שטעט. פון דעסטוועגן האָט ער זיך פאַרגונען אַרומצוגייען איבער די גאַסן און אויספּויקן, אַז ס'איז נאָר דאָ איין טלית אין ירושלים, וואָס ברענגט טרייסט צו די געשטראָפטע און היילונג צו די פאַראומגליקטע".

נאָכן פאַרשטעלן בהרחבה גדליהן דעם טעפּעך־הענדלער און זײַן גע־דיכטע סביבה, פאַר וועלכער ער דרשנט און ברענגט זײַנע וווּנדער־מעשׂיות, געמישט מיט משלים און מוסר־השׂכּלס, באַשרײַבט איזבאַן אַ טשיקאַווען עפּיזאָד:

„אין איינעם אַ טאָג, ווען אַן אָפּשפּאָטער האָט זיך באַוויזן און אָנגעהויבן טרײַבן שפּאָט פון דעם טעפּעך־הענדלער און זײַן טלית, האָט גדליה אים געוואָלט דורס זײַן. ער האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם קאַרק, ער האָט פאַרפלאָכטן זײַנע אָרעמס, אים אַרומגעדרייט אין אַ ראָד און געקלאַפּט אויף זײַנע ריפּן, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ער צעקרישלט יעדן ביין זײַנעם. דער צעקאָכטער גדליה האָט געשריגן:

— וועסט אָפּשפּאָטן פון דעם טלית, עוכר־ישׂראל? וועסט אָפּלאַכן פון דעם הייליקן געוואַנט, וואָס האָט באַשיצט מלכים און צדיקים?

בײַם לץ איז דאָס בלוט אָפּגערונען פון פּנים, הענט און פיס האָבן בײַ אים געציטערט ווי אין קדחת. ווען ער האָט זיך באַפרײַט פון גדליהס הענט, האָט ער געוואָלט אַנטרינען. דער טעפּעך־הענדלער האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען און אים אַרײַנגעשלעפּט אין זײַן טונקעלער קראָם. ער האָט אים אונטערגערוקט אַ געפלאָכטן שטרויבענקל און מיט גוואַלד אים דאָרט אַרײַנגעזעצט.

— אַצינד וועסטו מיר אויסהערן, פּושע־ישׂראל! — און גדליה דערציילט פאַר אים איינס נאָך איינס מופתים פונעם טלית".

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מעשׂה־דערציילונג „דער טלית" צוליב איין קאַרדינאַלן טעם, וואָס איז נוגע דעם מהות און כאַראַקטער פון איזבאַנס שאַפונג, דהיינו: דאָס געפיל פאַר געהעכטיקייט, וואָס הויערט אין געמיט פון זיינע געשטאַלטן, וואָס באַוועגט זיי אין געראַנגל מיט דער גישט־ייִדישער סביבה, דער טיפער גלויבן פון ייִדישע מענטשן אין די דרכים פון באַשאַפער. די אמונה און געטריישאַפט צו ישׂראל־סבא. דער טלית פון אָט דער דערציילונג, קאָן מען זאָגן, איז דאָך בלויז אַ משל אויף דעם פאָלק־ישׂראל און גדליה דער טעפעך־הענדלער איז איינער פון די זעלטענע ייִדן, צדיקים, וואָס זענען געשיקט געוואָרן זיך אָנצונעמען די קריוודע פון עמך־ישׂראל, אָפּהיטן זיין כבוד.

די עיקר־מסקנה: אין שמואל איזבאַנס פּראָזע אַנטפּלעקט זיך שטיל און באַשיידן די ווערטיקע און ווערדיקע אידעע, אַרויסצוהייבן דאָס גערעכטע, דאָס מענטשלעכע, דאָס שיינע, און באַקעמפן דאָס בייזע אין אונדזער לעבן. דאָס איז נישט קיין שטער אין זיין קינסטלערישער פּראָזע, פאַרקערט, דאָס פילט אָן זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען מיט אַ טיף מענטשלעכן תוכן.

1981

יהודה עלבערג

ער איז אַ פּראָדוקטיווער שרײַבער יהודה עלבערג. ער שרײַבט דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס נעמען אַרום שטחים און עפּאָכעס, און ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן, בילדער און פּייזאַזשן פון אונדזער אָקערשטיקן יידישן זײַן, פון אונדזער ווײַטן עבר און דערציילונגען־שילדערונגען פון אונדזער הײַנטיקער צײַט.

לעצטנס זענען דערשינען אין ישראל — כאָטש אַ תושב איז ער אין מאָנטרעאָל — זײַנע צוויי ביכער: דער גרויסבענדיקער ראָמאַן „קלמן קאַליקעס אימפּעריע" און דער ראָמאַן „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש".

ביידע ראָמאַנען נעמען אַרום כמעט איין און די זעלביקע תקופה. אויך די געשטאַלטן זענען פונעם זעלבן באָדן. דאָס זענען די יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די העלדן זענען יידן פון פוילן, פון יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרום דער ווײַסל, אַרום דעם בוג און אַרום דער וואַרטאַ... נאָר ווײַט זענען די פּאַרלויפּענישן, די געשעענישן, ווי די כאַראַקטערן פון די אַרויסגעבראַכטע העלדן, איינע פון די אַנדערע, אין אָט די צוויי ראָמאַנען — אַ מהלך־רב, ס'איז מיזרח און מערב. און דאָס ניט נאָר טעמאַטיש, ניט נאָר וואָס שייך דעם אינהאַלט, נאָר דער גאַנצער בעלעטריסטישער געוועב איז אַנדערש אין איין ראָמאַן לגבי דעם צווייטן. אַזוי אַנדערש איז אויך די דערציילערישע גענעזע, די פֿאָרעם, דער סטיל, דער שפּראַכקלימאַט, די פאַרבן־גאַמעס ——

אין קלמן קאַליקעס אימפּעריע האָט עלבערג, אָן ספק, אַרײַנגעלייגט אַ סך שרײַבערישע האַרעוואַניע, מחמת אויסער דעם הויפּטהעלד קלמן קאַליקע, וואָס אַזוי זיך רוטשנדיק מיט זײַנע אָפּגענומענע פיס, „קערט ער אַ וועלט", קומען דאָ אויף און עס גראַסירן דאָ אַרום פאַרשווינען און פאַרשווינדלעך, שטעטלשע יידן און גוייִשע פּריצים, בעלי־גופים און זיידענע יונגע־לײַט, פאַרקוואַרטע חסידים און שטאָטישע געשעפטסלײַט, רויטבאַקיקע מיידן און רוחניותדיקע תורה־לערנערס —— און מיט זיי און איבער זיי — איז דער משונהדיקער, אויסטערלישער פּאַרשוין קלמן קאַליקע.

כאָטש זײַנע ווײַסטע טוונגען און הינטערליסטיקע געגנג מאַכן שווער אויפצונעמען זײַן ביטערן כאַראַקטער, זײַן בייזוויליקע נאַטור, האָט אָבער עלבערג פּורעמענדיק אָט דעם פּאַרשוין, געוווסט — און געצילט משמעות — בעיקר צו ווײַזן אונדז אַז דער געשטראָפּטער ביטערער בעל־מום, בײַ זײַנע באַגרענעצטע פּיזישע מעגלעכקייטן, קאָן האַלטן אויף זיך אַן „אײַזערנעם קאָפּ״, ער איז אַ בעל־מוח... און ווער ווייס, אפשר איז אָט דער צע־קאַליעטשעטער גוף געווען דער גורם, דערפירט אים צו אַזאַ אינערלעכער גיריקייט.

קלמן קאַליקע איז ביטער, געוואַגט, ער איז אונטערנעמעריש און טוט אַל די מיאוסע מעשׂים, אַבי צו דערגרייכן זײַנס. ער שטיצט טאַקע אַ פּאַר־אָרעמטן חסידישן ייִד, אַ חסידישע משפּחה, אָבער אויך דאָס איז נאָר פון זײַן טובה וועגן, ס׳איז אויסגערעכנט און אויסגעשפּעקולירט אַז עפּעס וועט שוין שפּעטער אַרײַנפאַלן צו אים אין די הענט אַרײַן. קלמן קאַליקע פאַרגעמט זיך אויף גרויס : ער פּלאַנירט צו בויען אַן עלעקטראָווניע, בויען ציגעלניעס, פאַבריקן, פירן — און ער פירט טאַקע — גרויסע געשעפטן... עפּעס ווי אַ טײַוול וואָלט געזעסן אין אים, כאָטש ער איז ניט קיין דעמאָנישע געשטאַלט. פאַרקערט גאָר, עלבערג שיילט גאָר צו מאָל אַרויס פון אים אינערלעכע שוואַכקייטן. עס טרעפט אַז עס גיט אויך אַ ציטער זײַן האַרץ ווען ער דערזעט די נויט און אָרעמקייט פון זײַנע שכנים, די שטעטלשע ייִדן. אָבער דאָס בייז און די עקשנות וואָס גלימערט אין אים באַוועלטיקט זײַנע מחשבות און טוונגען. דערצו איז ער — אָט אַזוי, זייענדיק אַ קאַליקע, אַן פּיס נע־בעך — אַ בעל־תאווה וואָס פאַרפירט ייִדישע טעכטער און עוסקט זיך מיט אַ באַיאָרטער גויע. די איינציקע זאַך וואָס עס פאַלט אויס מענטשלעך און אַפילו רירנדיק, איז זײַן טויט. ער ווערט געהרגעט אין זײַן פאַר־וועגעלע אויף דעם הויף ווו מען בויט זײַן גרויסע אונטערנעמונג. ער זעט וואָס עס גייט געשען מיט אים, אָבער ער פּרווט זיך ניט ראַטעווען, ווי ער וואָלט זיך בכוונהדיק אונטערגעגעבן דעם סוף. דעם סוף פון זײַן צעשטורעמטן, פאַר־דרענגטן און ניט־ערלעכן לעבן — —

כאָטש יהודה עלבערג טוט אַלץ — און עס געלינגט אים — אויסצו־פאַרמירן און אַרויסצוברענגען אַן אויסטערלישע, אַ קרעפטיקע און דיגרע־

סיווע געשטאַלט אויפן פּאַן און אין דער מיט פון ייִדיש־שטעטלשן לעבן, בלײַבט עפּעס אַ משונהדיקער נאָכטעם פון אָט דעם פּאַרשוין און מיר פילן ניט קיין סימפּאַטיע צו אים אַפילו נאָך דעם ווי בײַם סוף פונעם ראָמאַן אין וועלכן ער רודערט אַרום איבער הונדערטער זײַטן, — ווײַזט ער אַרויס אײַנזעעניש פאַר זײַנע נאָענטע און ער טוט אַפילו שוין ערלעכע זאַכענישן, אָבער זײַנע חטאים זענען גרויס און זײַן גרייטקייט צו טאָן אַל דאָס בייז, גייט אים נאָך אַפילו נאָך זײַן טויט — —

קיין ספק ניט, אינעם בוך זענען דאָ אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען, וואָס ברענגען אַרויס פלאַסטן פון ייִדישן לעבן, וואָס איז געווען. מיר טרעפן דאָ אַ פאַרביקן געזעמל פון מענטשן, זייערע מעשׂים און באַגערן — און די ווידעראַנאַנדן און קאָנפליקטן, וואָס דאָס רויע לעבן האָט זיי צוגעשטעלט. אָבער די בפירוש גוט געשילדערטע, נאַראַטיווע קאַפּיטלען ווערן צו מאָל אויך ווי פאַרשאָטנט פון דער דערהדריקנדיקער שטימונג, וואָס ווירקט זיך אויס פון אָט דעם קלמן קאַליקע.

קלמן קאַליקע דערמאָנט אַ ביסל, אויסערלעך, אין אַן אַנדערע געשטאַלט, וואָס איז פּאַראַייביקט געוואָרן אין דער ליטעראַטור — קוואַזימאָדאָ (דער גלאָקן־צייִער פון נאָטערדאַם), נאָר אַן יענעמס מענטשלעכן געפיל און אַן זײַן אײַנשטעלן זיך פאַר דער וועמען ער ליבט... קלאָר, יהודה עלבערג האָט דאָ אויפגעשאַפן אַ העלד, אַ טיפּאַזש — וואָס איז געוויס בנימצא געווען אין דער ייִדישער סביבה — אין וועלכן ס׳האָט געגעסטעט אַל דאָס נעגאַטיווע. אַפילו דאָס ביסל צדקות וואָס ער טוט, מאַכט נאָך בולטער זײַן גיריקייט און צו מאָל דאָס געשפּענסטיקע וואָס הויערט אין אים.

אַ טשיקאַווע געשטאַלט איז קלמן קאַליקע און עלבערג האָט אים קרעפּ־טיק פאַרטרעטירט מבפנים ומבחוץ. קומט ער אויף ווי אַן אַנטיפּאָד צו אונדזערע באַקאַנטע ייִדישע ליטעראַטור־געשטאַלטן. ווער ווייס ? אפשר איז עס געווען אַן אינערלעכער שרײַבערישער באַגער, אַ מהותדיקע נויטווענ־דיקייט פונעם בעלעטריסט, וואָס נאָך זײַנע מערקווערדיקע נאָסטאַלגישע שאַפונגען וועגן זײַן הימישער היים, וועגן דעם פאַרבענקטן לאַנדשאַפט און טיפּאַזש, נאָך זײַנע פאַרהערלעכטע חסידישע מעשׂיות, האָט ער געפילט אַזאַ פנימיותדיקע קינסטלערישע מאָנונג אַרויסצוברענגען און צו שילדערן אויך

אַזאַ שטייגער־פּליין, מענטשן מיט טונקעלע אינסטינקטן, וואָס... אויך זיי זענען דאָך אומגעקומען, ווײַל זיי זענען געווען ייִדן...

*

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז דער צווייטער ראָמאַן עלבערגס וואָס איז אַרויס — ווי געזאָגט — אין דער זעלביקער צײַט, „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש". דאַכט זיך אַז אויף אָט דער טעמע (וועלכע דער ראָמאַן וויקלט פונאַנדער) איז פריִער געדרוקט געווען אַ דערציילונג, אָבער משמעות אַז די פּאַרלויפּעניש, די העלדן און זייערע לעבנס־פּאַרפּלאָנטערטקייטן זענען עלבערגן נאָכגעגאַנגען, האָבן אים פּאַרלאָקט, גערייצט זײַן שרײַבערישן גע־מיט, — — און ס'איז אַרויס פון אונטער זײַן בעלעטריסטישער פּעדער אַ גוט געפּאַסט ווערק, און הגם דער אינהאַלט פון ראָמאַן, אַזוי אויך די האַנדלונגען פון די העלדן זענען אינעם רוב דראַמאַטיש־קאָמפּליצירטע, איז עס געשריבן און אַרויסגעבראַכט לויטער און סובטעל.

וואָס איז דאָס שפּאַנענדיקע און דראַמאַטישע אינעם ראָמאַן? אַ קליי־ניקייט צו זאָגן: איינער פון די הויפּטהעלדן האָט זיך פאַרוויקלט, פאַר־פּלאָנטערט אין אַ שפּיאָנאַזש־אַפּערע און אַרום דעם טראָף און זײַנע אויס־ווירקונגען איז אויסגעבויט דאָס ווערק.

חלילה, ס'איז ניט קיין שפּיאָנאַזש־ראָמאַן אין וועלכן די פּאַקטן בלויז און די געשעענישן זענען אַנציִעוודיק און אינטערעסאַנט — אַוודאי אויך דאָס — אָבער בעיקר האָבן דאָ די אייבערהאַנט די פּסיכאָלאָגישע עקס־קורסיעס וועלכע מיר מאַכן דורך בײַם לייענען דעם ראָמאַן.

מיט אָט די גענױטע, פּיקחותדיקע פּאַרטיפונגען בײַם אויסשיילן דעם מהות און כאַראַקטער פון די העלדן, ווי דעם גאַנג פון זייערע באַציִונגען, טווּנגען און קאָנפליקטן, האָט עלבערג דערגרייכט צוויי מדרגות. ראשית, האָט עס אים אויסגעהיט אַרײַנצופאַלן אין דעם געפּורעם פון אַקטועלן, הײַנטצײַטיקן ראָמאַן, וואָס זײַן הויפּטאַקס איז שפּיאָנאַזש. והשנית, האָבן אָט די תּוכיקע, איידל געצייכנטע פּערסאָנאַזשן מיט זייערע אָנגעלאָדענע פּאַר־לויפּענישן אויסגעברייטערט און עומקתדיקער געמאַכט דעם גערעם פון זײַן בעלעטריסטישער שאַפונג. ס'איז ווי נאָך אַ שטאַפּל אין זײַן דערציילקונסט.

כ׳פיל מיך ניט בכּוח איבערצודערציילן די מעשׂה. אפשר אויך מחמת דעם וואָס מיך אינטערעסירט בעיקר און עס פֿאַראינטריגירט מיך אַלע מאָל אין עלבערגס ראָמאַנען און דערציילונגען — זענען די טיפן און כאַראַקטערן, וועלכע ער ברענגט אַרויס. דאָך וועל איך בקיצור־נמרץ, אין אַ פּאָר שורות אינפֿאָרמירן וועגן דעם אינהאַלט פֿון „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש". איז עס אַזוי: צוויי ברידער זענען זיי געווען, לעאָן און בערנאַרד. זין פֿון אַ בירגער־לעכער משפּחה אין לעמבעריק, דער טאַטע איז געווען אַ לערער, אַ קענער, אַן איידעלער מענטש, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון דורותדיקע יִידישע פֿאָלקס־מענטשן אין גאַליציע. די מאַמע איז געקומען פֿון אַן אַסימילירטער היים, געווען אַ געבילדעטע, אַ דענטיסטין, אַ שטענדיק פֿאַרנומענע.

זי, די מאַמע, האָט געהאַט די דעה איבער אַלץ, געווען אַ דאָמינירנדיקע געשטאַלט, געפֿירט דאָס הויז, איר הייל־קאַבינעט און די דערציִונג פֿון די צוויי זין מיט אַ שטאַרקער האַנט. כאָטש יונגערהייט איז זי דורכגעגאַנגען דאָס ווייטיקסטע — איר מאַן, דער טאַטע פֿון די קינדער איז געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי איז געבליבן אַ יונגע אלמנה און מער ניט חתונה געהאַט. ווער ווייס, אפשר טאַקע אויך צוליב דעם, ווײַל ערגעץ ווו — ווי עס איז מרמז דער מחבר — האָט אין איר גענורטעוועט אַ שולדגעפֿיל לגבי איר אומגעקומענעם מאַן, וואָס איז געווען דער היפוך פֿון איר — אַ האַרציקער, אַ וואַרעמער, אַ ייִדיש־היימישער, באַהויכט אַפֿילו מיט פֿאַרליבטקייט אין פּאָעזיע — —

ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי גאָר אָפּט געשטאַלטיקט אויס יהודה עלבערג אַזאַ טיפּע קעגנזעצלעכקייט בײַ זײַנע העלדן, אַנדערש אין זייער אויפֿפֿיר און כאַראַקטער, אין זייערע מעשׂים און שטרעבונגען — עפּעס ווי ער וואָלט כּסדר אַקצענטירט און געלאָזט וויסן אַז די וועלט און די בני־אָדם וואָס רודערן אַרום אין איר זענען ניט נאָר פֿאַרשידן־פּנימדיק, נאָר זיי זענען פֿול מיט סתירות און פּאַראַדאָקסן.

„אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש" קענטיקט זיך אויס מיט נאַראַטיווער קראַפֿט. אָבער דאָס פֿאַנטאַסטיש־צוגעשפּיצטע ווערט אונדז צו מאָל נאָענט, ווי דאָס אומגלייבלעכע באַווירקט אונדז, — אַ סימן־מובהק פֿון קינסטלערישן אמת — —

ניט נאָר די הויפּטהעלדן, די ברידער טאַרנאָווסקי, אַרום וועמען עס וויקלט זיך דער ראָמאַן, זענען ווידעראַנאַנדיקע נאַטורן. שוין זייערע עלטערן, זייערע טאַטע־מאַמע זענען געווען אַזעלכע.

לעאָן און בערנאַרד טאַרנאָווסקי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער זעלביקער היים. באַקומען די זעלביקע דערציִונג. נאָר ווי אַנדערשדיק זענען זיי: לעאָן, דער עלטערער, איז אַרבעטזאַם, ערנסט, סאָליד, איבערגעגעבן צו אַלץ וואָס ער טוט, און דאָך שײַנט ניט אויף פאַר אים קיין הצלחה. ער בלײַבט אַפילו אַן אַלטער בחור, מחמת דער ייִנגערער ברודער בערנאַרד, וואָס קאָן זיך ניט גלײַכן צו אים, ניט צו זײַנע פעיִקייטן, ניט צו זײַן וויסן, דווקא אין אים פאַרליבט זיך זאָשאַ, דאָס קריסטלעכע מיידל, וואָס איז געווען דעם עלטערן ברודערס האַרצפאַרזײַנדין. דווקא אים גראָט אַלע מאָל צו בלײַבן פון אויבן, צו זײַן דערפאָלגרײַך. אַפילו די מאַמע, אָט די קאַלטע דאָמינירנ־דיקע פרוי באַציט זיך צו בערנאַרדן מיט מער וואַרעמקייט און ווײַזט אַרויס צו אים מער איבערגעגעבנקייט ווי צום עלטערן זון לעאָן.

אַוודאי האָט עס געווירקט אויף די באַציִונגען צווישןביידע ברידער. אַ קינאה־געפיל האָט באַוועלטיקט לעאָנען צו זײַן ברודער, וואָס איז אַזוי פיל ווייניקער פון אים און דאָך געלינגט אים אַלע מאָל אַרויס ווי דער זיגער, אַפילו אין די שטוביקע צוזאַמענשטויסן.

עלבערג ברענגט אַרויס און שילדערט פּלאַסטיש און עלעגאַנט אויך אָט די סצענעס פון די שטוביקע פאַמיליאַרע צאַנקערײַען.

עטלעכע יאָר שפּעטער טרעפן מיר לעאָנען אין ניו־יאָרק. אַ שטיקל צײַט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פאָרט ער פון לעמבעריק קיין אַמעריקע אין אַ געשעפטלעכער מיסיע מיט דער כּוונה, פאַרשטייט זיך, באַלד צוריק־צוקומען קיין פּוילן. ווי דען אַנדערש? פּוילן, די פּוילישע קולטור איז דאָך זײַן גײַסט און נשמה. דער אויסבראָך פונעם קריג מאַכט אים בעל־כּרחו פאַר אַ תּושב אין אַמעריקע. נאָכן מבול ברענגט ער אַראָפּ זײַן ברודער בערנאַרד מיט זײַן טאָכטער צו זיך קיין ניו־יאָרק. ער טוט אַלץ בכדי זיי צו דער־מעגלעכן אַ גוט לעבן. — — פּײַן און ווויל. לעאָן זאָרגט פאַר זײַן ברודער, האָט ס׳חיות ליב זײַן ברודערס טאָכטער. נאָר אָט קומט דער שפּיץ פון דער מעשׂה, די אַקס אַרום וועלכער עס וויקלט זיך דער ראָמאַן אין אַלע זײַנע

פּאַרצווײַגונגען: בערנאַרד ווערט באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת דער מדינה פון וואַנעט ער איז געקומען. ———

בעצם האָבן מיר דאָ געקאָנט זאָגן: גענוג. וויפל איז דער שיעור און ווי עס איז מעגלעך איבערצודערציילן אַפילו אַ כּזית פון אַזאַ פּאַרקאָמפּלי־צירטן ראָמאַן? אָבער אַז איך וועל עס ניט צוגעבן וועט פעלן אַן עיקר, און דער עיקר איז: לעאָן נעמט אויף זיך די שולד. ער, הייסט עס, איז געווען דער באַטייליקטער אין שפּיאָנאַזש. פאַר וואָס טוט ער עס? ערשטנס, ווײַל ער וויל ניט אַז מיטן אַנטדעקן דעם ברודערס מעשׂים זאָל חלילה דער חתן פון זײַן ברודערס טאָכטער ניט אָפּקערן זיך פון איר. ס׳קען ווערן אויס שידוך, אויס חתונה. צווייטנס, וואָס האָט ער שוין צו פאַרלירן, — אַז ער איז טויט קראַנק. זײַן בלוטראַק קען אים נאָך לאָזן לעבן — ווי דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט — אַ וועלכע צוויי יאָר. נו, וועלן די ריכטערס דען גיין פאַרשיקן אין סינג־סינג אַזאַ מסוכּן קראַנקן?

אָבער לעאָן איז יאָ געזעסן אין תּפיסה. און אַז מ׳האָט אים באַפרײַט ביז דעם מישפּט, האָט ער — אָט אַזוי קראַנק און אויסגעשעפּט ווי ער איז געווען פיזיש און גײַסטיק — געמאַכט אַ ויברח. אַנטלאָפן פון אַמעריקע. אונטער אַ פאַלשן נאָמען, אַנגעקומען קיין... ישׂראל און דאָ, אַזוי אַ קראַנקערהייט דערזעט ער, אַנטפּלעקט ער אַ וועלט, אַ ייִדן־וועלט וואָס ער האָט קוים געוווּסט, און קוים געאָנט וועגן איר ———

דער ראָמאַן ענדיקט זיך אַזוי: „ערגעץ אין אַ צײַטונג־דרוקערײַ האָט אַ לינאָטיפּ נאָך אויסגעגאָסן הייסע בלײַענע שורות מיט פּראָטעסט קעגן אַרויסשיקן לעאָן טאַרנאָווסקין. אין דער טיר פון זײַן צימער האָט זיך באַוויזן אַ שפּיטאָל־דינער מיט אַ פלאַש בלוטפּלאַזמע. די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט געוואַכט איבער אים, האָט אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ אין דער ברייט.״

אַגב, בעת זײַן ליגן אין שפּיטאָל האָט ער באַקומען לאַנגע אויספירלעכע בריוו פון זײַן ברודער. ער שילדערט פאַר אים און קלערט אים אויף ווי טעותדיק ער האָט אים באַנומען און וויפל אומזיסטע בלוט־צאַפּלעניש ער האָט זיך אַליין פאַרשאַפט, טאָקע צוליב זײַן קאָמפּלעקסיווער סענסיוויטעט. בערנאַרד איז אויך גרייט איעדן טאָג גיין אין דער פּראָקוראַטור דערציילן דעם אמת און ריינוואַשן זײַן ברודער.

דער ראָמאַן, וואָס איז לגבי קלמן קאַליקעס אימפּעריע אַ סך קלענער אין כּמות, ער אַנטהאַלט בלויז 180 זײַטן, גיט אָבער אין די דרײַ און דרײַסיק קאַפּיטלעך, ווי עס איז געטיילט „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש", אַן אומפּאַסיקע פּאַנאָראַמע פון ייִדישן לעבן פון נעכטן און פון אונדזער הײַנטיקייט. געשריבן אין אַ מאָדערנער דערציילערישער פאָרעם ווו די פאַנטאַסטיק ווערט אויך ווירקלעכקייט, ווערט אמתדיק ——

דער דערציילער אַברהם קאַרפּינאָוויטש

איך וועל מיך איינשטעלן און זאָגן באַלד פון אָנהייב, אַז דאָס בוך „אויף ווילנער גאַסן" פון אַברהם קאַרפּינאָוויטש, וואָס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען, איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּראָזע־ביכער, וואָס זענען אַרויס פאַר דער לעצטער צייט.

אַז איך האָב עס שוין געזאָגט, בלייבט מיר נאָר אויפצווייזן, פאַר וואָס די דערציילונגען „אויף ווילנער גאַסן" באַווירקן אונדז — הן מיט זייער אינהאַלט, הן מיט זייער אייגנאַרטיק־סטיליסטישער געפורעמטקייט.

שרייבן וועגן נעכטן, שילדערן די היים, דעם פּייזאַזש, די סביבה פון אַקערשטיקער יידישער פאַרגאַנגענהייט איז, כידוע, נישט קיין נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ פשיטא, אין די לעצטע יאָרן, ווען דער יידישער שרייבער — אינעם רוב — אַליין אַן אָפּגעראַטעוועטער פון אַל דאָס בייז, אַ צעפּייניקטער עדות פון אונדזער אומקום־דראַמע פילט עס אַזוי טיף אין זיך, פילט עס ווי אַ פליכט און אַ שליחות צו דערציילן, וואָס נעכטן איז געווען. ס'איז אַ דראַנג, וואָס הויערט כמעט אין יעדן בן־אָדם, אַנישט וואָלטן דאָך מענטשן נישט ליב געהאַט אַזוי צו דערציילן פון די אַמאָליקע פאַרלויפּעניש, פון זייערע איבערלעבונגען, אַרויסברענגען זייערע זכרונות.

דאָס געזאָגטע האָט יאָ אַ שייכות און האָט נישט קיין שייכות צו די שאַ־פונגען פון אַברהם קאַרפּינאָוויטש, מחמת זיינע מעשׂיות־דערציילונגען — זיינע קאָלירפולע מעשׂיות טראָגן אין זיך וואָריקע שילדערונגען פון אַ יורנ־דיקן צייטאָפּשניט, פון דער האַרעפּאַשנער, המונדיקער ווילנע. זיי זענען נישט אין דעם געוועם־נוסח פון פאַרפיקסירן נאָך אַ יידיש־יידישלעכן שטייגער־שטח, נאָר זיי טראָגן אין זיך דעם מהות פון עכט קינסטלערישער שאַפונג, ווו נישט דאָס וואָריק־אמתע איז גרייעלעך אמת, איבערצייגעוודיק. דווקא די בעלעטריסטיש־דערציילערישע געגנעזע, דאָס פאַנטאַסטישע, דאָס אומגלייבלעכע ווערט באַגלייבט, ווערט אמתדיק. — —

אַזאַ אויסדריקלעכע און כאַראַקטעריסטישע דערציילונג איז „בניאָמקע דער פילאָזאָף". אָט ווי זי הייבט זיך אָן: „אַז צירע־לאה די אַלמנה האָט

געפונען אַ שידוך פאַר איר בת־יחידה פעסעלע, האָט זי געהייסן דער ניי־אויסגעבאַקענער כלה אַרײַנגיין צו בניאָמקען, דעם שכן זייערן, אָנזאָגן די גוטע בשורה און אים פאַרבעטן אויף דער חתונה. בניאָמקע האָט פעסעלען כמעט אויסגעהאָדעוועט, ער האָט אויך געהאַט צו איר אַ שוואַכקייט; אָבער צירע־לאה האָט געטראַכט פאַר דער טאָכטער עפּעס אַנדערש ווי אַ שנײַדער אויף קליין־שניפּעשיק. צווייטנס, האָט די גאַנצע גאַס געוווּסט, אַז בניאָמקע האַלט אין איין טראַכטן, און פון טראַכטן קומט קיין גוטס נישט אַרויס".

שוין אין די עטלעכע שורות קענטיקן זיך אויס די מענטשלעכע, די נשמהדיקע קאָנפליקטן, מחמת בניאָמקע דער שנײַדער האָט ליב, האָט סכנהדיק ליב פעסעלען. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר, און נישט וועגן דעם איז די רייד, כאָטש די פאַרשפּילטע ליבע איז דאָ געוווען דער גורם פון די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען: — בניאָמקע, וועמענס האַרץ ס'איז צעריסן געוואָרן פון בענקשאַפט צו פעסעלען, „האָט פאַרוואָרפן די אַרבעט, פון אין דער פרי האָט ער געהאַלטן אין איין ברעכן דעם מוח וועגן זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין האַפט. ממש וועגן אַ נאָדל אָן אַ שפּיץ. אויף שניפּעשיק האָט מען זיך געשושקעט, אַז ער איז אַרײַן אין זיך צוליב פעסעלען. האָט ער באַשלאָסן: באַלד נאָך יום־טוב פאַרמאַכן דעם וואַרשטאַט און גיין זיך אָנדינגען אויף אַ טערמין בײַ אַ גוטן דענקער".

אין אָט דער עצבותדיקער שטימונג און הומאָרפולן נוסח גייט עס ווײַטער אַזוי: דעם ערשטן וויזיט צו געפינען אַ מײַסטער פאַר פילאָסאָפיע האָט בניאָמקע אָפּגעשטאַט אין סטראַשונס ביבליאָטעק. ווער ס'איז דער ביבליאָ־טעקאַר אין סטראַשון־ביבליאָטעק ווייסן דאָך קינד און קייט. נאָך הײַנט דערמאָנען אים ווילנער מיט אַ צוק אין האַרץ, אַ קלייניקייט חייקל לונסקי! איז: „אַז ווען בניאָמקע איז אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג אַריבער די שוועל פון דער ביבליאָטעק פאַרהילט אין אַ שוואַרצער פאַלעריגע און אויסגערופן אויפן קול: ,ר' חייקל, כ'בין אַוועק פון שנײַדערײַ און אַריבער אויף פילאָ־זאָפיע!' — האָט אים לונסקי אויפגענומען ווי ברוך שפּינאָזעס אַ פּלימעניק".

אָנגעגעסן זיך אַ היפּשע צײַט מיט פילאָסאָפישע ביכער, איז דאָך געוואָרן קלאָר פאַר אים, ווי פאַר די שכנים פון שניפּעשיק, אַז זײַן גורל איז פילאָ־סאָפיע — אין אַ שיינעם טאָג האָט ער צוגעמאַכט די טיר פון זײַן אַלקער

און בײַ דער טיר פֿון צירע־לאהן, פּעסעלעס מאַמע, האָט ער איבערגעלאָזט אַ בריוול צוגעטשעפּעט צו דעם אויסגעדעמפּטן פּרעסאײַזן, — אַ בריוול, וואָס האָט אויסגעדריקט זײַן גאַנצע פֿאַרשעמטקייט נאָך דער פֿאַרלוירענער ליבע, און זײַן איצטיקע ביטערע דאַליע. ———

בניאָמקע איז נעלם געוואָרן!

איצט קומט דער שפּיץ פֿון דער מעשׂה, דער פֿינאַל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר קאַרפּינאָוויטשעס דערציילונגען — דאָס אומגלייבלעכע, פֿאַנטאַסטישע ווערט אמתדיק. ענדיקט זיך אָט די באמת געראָטענע דערציילונג אַזוי: „בניאָמקע איז אַוועק פֿון שניפּעשיק און ס'האָט קיין סך ניט געפֿעלט, מען זאָל אין גאַנצן פֿאַרגעסן וועגן אים. מאַכט זיך אָבער אַ מעשׂה, עס קומען קיין ווילנע צוויי ווילנער ייִדן פֿון מעבר־לים און דערציילן, אַז אין אַ ווײַטער שטאָט, אויפֿן ראַג פֿון קאַנאַדע, האָבן זיי געטראָפֿן גאָר אַ וויכטיקן ייִדן, אַ פּראָפֿעסאָר אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט. ווען ער האָט געהערט אַז די ייִדן זענען פֿון ווילנע, איז ער געוואָרן אַ לעבעדיקער. ער האָט זיי אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים, אַ פּאַלאַץ וואָס מען זעט עס ניט. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען נאָר גערעדט וועגן ווילנע. יענער האָט געפֿרעגט און זיי האָבן געענטפֿערט".

נו, און דאָ קומט דער בראַטיוער הויכפּונקט:

„אין סאַלאָן בײַ אָט דעם פּראָפֿעסאָר האָבן זיי געזען שטיין אויף אַ פּעדעסטאַל... אַ קעפּל פֿון אַ ניימאַשין, ווי עפּעס אַ טײַערע, קרישטאָלענע וואַזע. ביז הײַנט צו טאָג ווייס מען ניט אויף שניפּעשיק וואָס צו טראַכטן וועגן דעם. אין צירע־לאה איז זיכער, אַז דאָס איז ער, בניאָמקע".

איך האָב מיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער דערציילונג מחמת איך וויל ווידער אַ מאָל באַטאָנען, אַז אין אָט די אייגנדיקע רעאַליסטישע שילדערונגען קומען כּמעט אַלע מאָל צום אויסדרוק, און זיי ווערן דערפֿירט און לייזן זיך גרײַלעך אויף מיט אַ פֿאַנטאַסטיש־סימבאָלישן אויסקלאַנג, צו מאָל מיט אַ פֿאַנטאַסטישער געהויבענער אידייע, וואָס ווערט דיר אַזוי וואָרהאַפֿטיק נאָענט, ווי אַנדערש וואָלט עס גאָרנישט געקאָנט זײַן.

אַזעלכע זענען אויך די דערציילונגען — „שיבעלעס לאָטעריע־צעטל", „שנייקע דער פֿידלער", „השבת אבֿידה". אפֿילו אין דער דערציילונג „די

גזירה", די גזירה וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן אויף קאַרפּל דעם שילדן־מאָלער, ווי די שטראָף וואָס מען האָט אים צוגעטיילט נאָך דעם ווי ער האָט מבייש געווען בפני עם ועדה אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דעם מאַליאַרעס־צעך, צאָלע דעם קאָלכער, אָנגערופן אים מיט אַ בזיונדיקן נאָמען, און געטאָן האָט ער עס נאָר דערפאַר ווײַל יענער האָט מאריך געווען מיט זײַן רעדע. צאָלע דער קאָלכער האָט געבעטן געקלאָגט אויף דער ביטערער לאַגע פון דער בראַנזשע. און אין אים, אין קאַרפּל דעם שילדן־מאָלער — האָט עס געזידט און געבריט, מחמת ער האָט זיך געאײַלט, געדאַרפט שוין זײַן בײַ זײַן לו־באַווניצע „ליזקע די קאַרסעטניצע, וואָס מיט איר פאַרברענגט ער די אָוונטן און זי איז אים מכבד מיט אַל דאָס גוטס".

אָבער אויפן פלאַך פון די זידלערײַען, געשרייען, פעבלדיקע רייד, שנײַדט זיך אַרײַן ווי אַן אָפּפרישונג, ווי אַ לינדער, צעטײַעטער ווינט אין אַ פּאַר־רעדיקן טאָג, אָט די חברה באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן שוין פאַרגעסן וועגן זייערע דאגות, פאַרגעסן אין דער שווערער דאָליע, פאַרגעסן וועגן דער פוסטער גמילת־חסדים־קאַסע און געפאָדערט אַ שטראָף פאַר קאַרפּלען, פאַר זײַן ניבול־פּהיקן וואָרט, פאַרן באַליידיקן אַ חבר פון צעך, דערצו אין אַ מקום־קדוש, אין זייער קלויז. געראַטעוועט האָט שמערעלע שאַפּירא פון תפארת־בחורים, וואָס האָט זיך געפונען אַ גאַרן העכער פון דער מאַליאַרסקער קלויז. שמערעלע איז אַ בחור אַ צאַצקע, אַן אויסגעוויקטער אין יידישקייט, זײַד און אַטלעס, מיט אַ פּאַטישן, נשמהדיקן פונק, אַז ער האָט דערהערט די גוואַלדן, איז ער אַראָפּגעקומען זען וואָס עס טוט זיך. איז ער געשטאַנען אַזוי אויפן שוועל פון דער מאַליאַרסקער קלויז און נישט געפונען קיין תשובה אויף דער פראַגע — מיט וועלכער מאַליאַרעס זענען צו אים צוגעשטאַנען — מיט וואָס? און ווי אַזוי קנסנען קאַרפּלען? שילדערט עס קאַרפּינאָוויטש:

„ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט, און אַזוי ווי געוואָרט צו באַקומען פון דאָרטן אַ צייכן, וואָס צו זאָגן. פון סופיט אין ,תפארת בחורים' וואָלט שמערעלע אפשר יאָ באַקומען אַ רמז. דאָרטן איז דער גאַנצער באַלקן געווען באַמאָלן מיט שטערן און האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק הימל — אָבער אין דער מאַליאַרסקער קלויז איז דער סופיט געווען אַ קאַלטער, אָן איין צייכענונג, און שמערעלע האָט ניט געפונען פון וואַנעט צו שעפּן אַ ריכטיק

וואָרט פאַר די מאַליאַרעס, האָט ער אַראָפּגעלאָזן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, פאַראַנקערט זײַן בלויען בליק אין אַ שטיק לײדיקער וואַנט און אַ גליקלעכער אויסגערופן:

— ייִדן, מיר איז עפּעס אײַנגעפאַלן! לאָמיר גוזר זײַן, אַז קאַרפּל זאָל אויסמאָלן אָט דאָ־אָ — און שמערעלע האָט אָנגעוויזן אויף דעם געקאַלכטן שטח — דעם כּותל־מערבי, וועט ער מיט אַ מיצווה אויסקויפן די זינד. אַז ער האָט פאַרמיאוסט די קלויז מיט אַ וואָרט, זאָל ער זי פאַרשענערן מיט אַ ציור...״

וואָס איז געוואָרן שפּעטער איז דאָך נישט וויכטיק. קאַרפּל האָט גענומען אויף זיך די שטראָף און האָט זיך אָפּגעמוטשעט חדשים ביז וואַנעט ער האָט אַרויסבאַקומען דעם געמאָלענעם „כּותל מערבי״. ער איז אַפילו דורך אָט דער שטראָף, וואָס מען האָט גוזר געווען אויף אים, געוואָרן אַן אַנדער מענטש, געוואָרן אײדעלער, אָפּגעהיטענער, ער האָט אַפילו איבערגעריסן מיט ליזקע דער קאַרסעטניצע און געוואָרן אַ געטרײַער מאַן און אַן איבער־געגעבענער טאַטע.

אָבער נישט דאָס איז דער עיקר־זין פון דער דערציילונג. כאָטש אויך אָט דער אויפליז, דער שלוס פון דער מעשׂה געהערט צו דער שטייגערישער אַנטוויקלונג וואָס איז אַזוי אייגנדיק און כאַראַקטעריסטיש און געראָטן קאָמ־פּאָנירט אין זײַנע דערציילונגען פון ווילנע. וואָס נאָך? דער באַגלייטנדיקער הויפּטשטריך פון די דערציילונגען איז דער הומאָנער, טיף מענטשלעכער טאָן, דער טויבער געפיל וואָס קומט אויף, גייט אויף אַזוי בהדרגהדיק־שטיי־געריש צווישן אָט דעם רויען, אומגעצוימטן, האַלב־צעהפקרטן עולם, צווישן אַן עולם גיריקע צו דערגרייכן זייערס...

אין די דערציילונגען איז פאַראַן נאָך אַן עלעמענט, וואָס איז ביז גאָר וואָגיק און וויכטיק. כאָטש הײַנט איז ער ווײַט נישט פּאָפּולער, פאַרקערט, מ׳מײַדט אים אויס, און דאָס נישט נאָר אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער בעלעטריסטיק, נאָר בכלל אין דער ליטעראַטור און קונסט. דהײַנו: די סאָ־ציאַלע אידייע, וואָס איז ביז אַנומלט געווען אַ הויפּטאַקס אין דער שאַפונג. דאָס אָנגעמען זיך פאַרן געקריוודעטן, פאַרן פאַריאָכטן און באַעוולטן. דאָס וואָס אַ מאָל איז געווען אַזוי נאַטירלעך און דערהויבן אין דער ליטעראַטור. הײַנט ווײַכט מען פון דעם אַרויסהייבן אַן אידייִשן מאָטיוו, אַ סאָציאַלן טאָן,

דאָס זעט אויס עפּעס פאַרעלטערט און נישט מאָדערן. כאָטש די וועלט איז פול מיט סאָציאַלער געקריוודעטקייט: אין אַברהם קאַרפּינאָוויטשעס דער־ציילונגען איז עס דאָ, ס׳איז נישט אָנגעשפּיצט, נישט צוגעשפּיצט צו סאָ־ציאַלער פּראָבלעמאַטיק, נישטאָ קיין שמץ פון בכוונהדיקן לענקען, קערעווען, צו באַווײַזן באַעוולטע און אויסניצערס. דאָך פילן מיר ווי אַ גרונטמאָטיוו דאָס אָנגענומען זיך קריוודעס און דאָס שטיין אויף דער זײַט פון געטראָפענעם און דערדריקטן. אַפילו „די צרות ביַי אַבקע־גריזון האָבן זיך אָנגעהויבן דעמאָלט ווען ער האָט געוואָלט טאָן אַ מיצווה". אָט דער מאַרעוויכער און קאַרטן־שולער האָט נישט געקאָנט צוזען דעם צער פונעם יונגן בחורל, ווען עס האָט באַין־אופן נישט געראָטן צו פאַרוואַרפן די רויטע פאָן אויף די עלעקטרישע דראָטן. טוט ער עס פאַר אים און באַצאָלט מיט עטלעכע יאָר תפיסה.

אָט דער סאָציאַלער, הומאַניסטישער געפיל וועבט זיך אַרײַן חיותדיק און נאַטירלעך אין די דערציילונגען פון „אויף ווילנער גאַסן".

דער קרעפטיקער, זאַפטיקער און פאָלקסטימלעכער לשון פון די ווילנער געסלעך און זאַווולקעס לעבט דאָ אויף מיט אַלע קנייטשן און ריחות, און גיט צו צו דער עכטקייט און טעמיקייט פון די דערציילונגען. קאַרפּינאָוויטש האָט דעם דאָזיקן באָדן און דעם אייגנדיקן טיפּאַזש אַרויסגעבראַכט און געשילדערט נישט פון דרויסן, נאָר ווי איינער פון אינעווייניק. ועל־כולם: קאַרפּינאָוויטשעס אייגנטימלעכער, האַרציקער הומאָר, וואָס קומט אויף די־רעקט און אָרגאַניש פון די סיטואַציעס, פון די שמועסן און פון די געווימלען אויף די ווילנער הויפן, פון האַלצמאַרק און פישמאַרק, פון אַרום די קלויזן און בתי־מדרשים, און פון שניפּעשיק.

מען זאָגט, אַז אַ ווילנער דערקענט מען צווישן טויזנטער. ער איז אַי באַשיידן, פאָלקסטימלעך, אַי עס שרײַט אַראָפּ פון אים — און ער וויל טאַקע מען זאָל עס וויסן — איך בין אַ ווילנער! וואָרעם ווו איז געווען אַזוי פיל יידיש לעבן, ווי אין ווילנע? ווילנע ציט דאָך איר יִחוס פון דורות למדנים, תורה־לערנערס, פון יידישע האַרעפּאַשניקעס און פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן... ביז באַרימטע קולטור־שאַפערס און די יונגע יידישע דיכ־טערס, שרײַבערס, קינסטלערס און וויסנשאַפטלערס.

וועגן אַט דער ווילנע, אָבער גראַד נישט פון די מכובדים און לערנערס, נאָר פון המון־העם, צו מאָל פון דער האַלבוועלט און אונטערוועלט — גנבים, פּאַסערס, ווילנער יונגען, כּוח־גייערס, וואָס אויך זיי זענען געווען אַנדערשדיק לויט ווילנער שטייגער — דערציילט אַברהם קאַרפּינאָוויטש אין זיין פּרּיערדיקן בוך „בײַם ווילנער דורכהויף" וואָס איז אַרויס מיט 15 יאָר צוריק, און אין זיין איצטיקן „אויף ווילנער גאַסן".

נישט נאָר די נישט־געוויינטלעכע מיליע מיט אירע העלדן רופט אַרויס דעם באַזונדערן רייץ. פול מיט אַנטציִעודיקן חן איז אויך די טשיקאַווע פאָרעם פון דערציילן, וואָס קאַרפּינאָוויטש האָט געפונען פאַר זיינע געטרײַע שילדערונגען, די פאַרביקע שילדערונגען און די שפּראַך פון זיינע העלדן אָטעמען מיט דעם שטייגער, מיט דער שטימונג און וואָר פון אַט דער סביבה.

גאָר קיין ספק נישט, אַז אַט דער לשון, די דערציילערישע אידיאָמאַטיק איז אויסגעבונדן און וואַקסט אוממיטלדיק אַרויס פון די קאָנפליקטן און פאַרלויפעניש אויף די ווילנער גאַסן. אָבער דער מחבר האָט אַט דעם לשון געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון, אויפגעשאַפן און פאַרפיקסירט אַ שפּראַכ־קלימאַט, אַ שפּראַכשטייגערישקייט, וואָס טראָגט דעם אָטעם און ריטעם פון דער באַזונדערער, אייגנטימלעכער ווילנע.

זיינע ביידע ביכער, „בײַם ווילנער דורכהויף" און „אויף ווילנער גאַסן" זענען אַ ווערטיקער בײַטראָג צו דער פאַראייביקונג און צו דער שאַפונג פון ווילנע, וואָס איז געווען און נישטאָ מער.

1983

שמשון אַפּטערס היסטאָרישער ראָמאַן

דער ראָמאַן „די מאַראַנען־משפּחה דאַ סילוואַ״ איז ש. אַפּטערס דריטער היסטאָרישער ראָמאַן. דער ערשטער, „אין דער רוימישער געטאָ״, איז דערשינען אין 1946 אין ניו־יאָרק, און דער צווייטער אין 1956. הגם די אַמעריקאַנער געשיכטע איז ניט אַזאַ לאַנגע און הערא‏ָישע — איז אים געראָטן אָנצושרײַבן אויך אלה תולדות „אין אַ נײַער וועלט״. אַמעריקאַנער היסטאָרישער ראָמאַן.

בכלל זעט אויס, אַז אַפּטער איז אַלע מאָל מער נוטה צו באַשרײַבן און שילדערן דעם עָבר, דעם ווײַטלעכן נעכטן ווי די וואָר פון הײַנט, ווי די פאַרלויפענישן פון אונדזער צײַט. און עס געלינגט אים גרײַלעך ניט נאָר אַרויסצוברענגען געשטאַלטן און געשעענישן נאָר אויך אויפצושאַפן דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן קלימאַט, אויפצולעבן חיותדיק די ווײַט פאַרגאַנגענע וואָר פון איבער שטחים און עפּאָכעס.

מיר האָבן כּידוע אַ גרויסע צאָל באַשרײַבונגען, פאַרשאַרבעטן און בעלעטריסטישע ווערק פון דער אינקוויזיציע־צײַט, פון דער טראַגיק פון אַנוסים־לעבן אין די לענדער ווו עס האָבן גרויזאַם געשאַלטעוועט די שליחים פון קריסטנטום, פון פּויפּס, די שליחים און עמיסאַרן פון דער אינקוויזיציע.

אין די יונגע יאָרן האָבן מיר אַט די פּרקים פון יידישער טראַגיק נאָך געלערנט אין די שולן, געלייענט מיט הארץ־ציטערניש און מיט פאַרבײַלטע פויסטן די באַשרײַבונגען, באַזונדערס ווי זיי זענען געבראַכט געוואָרן אין די לערנביכער, כרעסטאָמאַטיעס און לייענביכער. הײַנט ——— נאָך אונדזער איירא‏ָפּעישער אומקום־דראַמע, זעט עס שוין אויס אַזוי ווײַט און פאַרבלאַסט. אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז עס איז אין קיין פון יידישן מאַרטירערטום, פון יידישע ליידן און פּײַן, וואָס די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן האָבן גורם געווען. געטאָ־און יידן־פאַרפאָלגונגען און געלע לאַטעס זענען ניט אויפגעקומען אין דער היטלער־צײַט. זיי זענען שוין געווען אין פופצנטן־זעכצנטן יאָרהונדערט און נאָך פריער. אויך דעמאָלט פלעגן די יידישע אײַנוווינערס פון רוים, אַ שטייגער, מוזן אַרײַן פאַר נאַכט, ביז אַ באַשטימטער שעה, אין זייער

יידישן ווינקוואַרטאַל, ווײַל דער געטאָ־טויער פלעגט זיך פאַרמאַכן אויף זיבן שלעסער.

די רדיפות פון דער קירך האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער ערשטער העלפט פון 13טן יאָרהונדערט. די יידן־פאַרפאָלגונגען, פּײַניקונגען און די אינקוויזיציע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרום יאָר 1480 און זיי האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אין אַ ריי לענדער אין איראָפּע, בעיקר אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אַזוי מעבר־לים, — אין בראַזיל, מעקסיקע, פּערו — ביז דער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. היסטאָריקערס האַלטן אַז עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך מיתות־משונות פון דער אינקוויזיציע איבער דרײַסיק טויזנט „ניט־גלייביקע" און מער ווי פופציק טויזנט זענען געבליבן אינוואַלידן, קרבנות פון די אינקוויזיטאָרישע אויספאָרשונגען. אַזעלכע זענען געווען די מיטלען צו באַקערן די „פאַררעטערס" צו דער קריסטלעכער גוטגיניקייט, צו דער אמונה, וואָס טראָגט כולו גוטס און איז רחמימדיק...

דאָס זענען געווען ביטערע, פינצטערע תקופות אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס זייערע אויסווירקונגען, דאַכט זיך, זענען דערגאַנגען ביז די לעצטע צײַטן.

אָט די אינקוויזיציע־צײַט אינעם לאַנד בראַזיל און דאָס לעבן און גערانגל פון יידן און „נײַ־קריסטן" (יידן וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן), ווי פון די מושלים אין דער קירך, פון די יעזויטן, קאַרמעליטן, פראַנציסקאַנער, דאָמיניקאַנער און די אַנדערע ווילדע, קנאותדיק־גלייביקע, מיט זייערע קלויסטער־פּירערס און זייערע טאָרטור־געצנג לגבי די אַנוסים — איז דער הויפּטאַקס אויף וועלכער עס וויקלט זיך דער ראָמאַן, וואָס שפּרייט זיך ברייט און פאַרצווײַגט אַרום דער משפּחה דאַ סילוואַ.

זשוּאַן מענדעס דאַ סילוואַ איז אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט אין שטאָט, אַ טוער אין דער קירך, ער שרײַבט רעליגיעזע הימנעס און פאַרפאַסט קלויסטער־געזאַנגען. ער טוט אַלץ עס זאָל חלילה ניט פאַלן אויף אים דער מינדסטער חשד, וואָס קען מרמז זײַן אַז ער האַלט אַן וועלכן עס איז שפּור פון יידישקייט. להיפוך פון אים, איז זײַן יפת־תּוארדיקע ווײַב דאָנאַ לאָרענסיאַ. כאָטש אַלץ פירט זיך אין הויז געטרײַ קריסטלעך, אין סאַלאָן לויכט אַרויס פון אַן אָנגעזעענעם אָרט אַן אַלטאַר, צו וועלכן דער מאַן זשוּאַן מענדעס

קומט צו אַזוי אַפּט מיט פּרעפּלענדיקע תּפילות. אָבער דאָנאַ לאָורענסיאַ קאָן עס ניט באַגיין. זי קאָן עס ניט אויפגעבן. עס הויערט אין איר, אין איר גאַנצן וועזן דער וויטיק פון אַנוסים־לעבן. טיף אין איר נשמה האַלט זיך אויף און בלינצלט אָן אויפהער איר ייִדישע, גײַסטיקע ירושה, און זי מאָנט און לאָזט איר נישט אַנגיין מיט דעם, וואָס איר מאָן פאָדערט פון איר. זי קען ניט זײַן קיין גאַנצער קריסט, זי באַגערט צו איר אַלטפאַלקישן אָפּשטאַם, איר לעבן ווערט צעריסן, זי איז פול מיט וויטיק און איז עלנט און פאַרשלאָסן אין איר אײַנזאַמקייט.

זשואַן מענדעס האָט ליב זײַן פרוי, זײַן משפּחה, ער איז זיי איבערגעגעבן און וויל דערציִען זײַן איינציקן זון צו גיין אין די דרכים פון פרומער קריסטלעכקייט. אָבער עפּעס אַ תּהום האָט זיך גענומען שפּרייטן צווישן אים און זײַן פרוי, זי איז כּסדר פאַרטאָן אין זיך, זי מײַדט אויס אויסצופירן אַפילו דאָס נייטיקסטע. אָט פאָרן זיי ביידע אין זייער קאַרעטע, פאָרן דורך די הויפּטגאַסן פון ריאָ: „בײַ יעדער קירך האָט מענדעס דאַ סילוואַ פרום אַרונטערגענומען זײַן הוט און זיך איבערגעצלמט. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער קוטשער אויף דער קעלניע.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט באַמערקט ווי זײַן ווײַבס פּנים האָט זיך אויסגעלאָשן, אויף איר ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקער שמייכל. ער האָט זיך געמאַכט נישט זען, עס וועט אַריבערגיין, האָט ער געטראַכט, זי דאַרף פאַרשטיין אַז ער טאָר זיך נישט פירן אַנדערש. ער קען נישט זײַן אַנדערש ווי אַלע אײַנוווינערס פון שטאָט. ער וואָלט שטאַרק געוואָלט זי צופרידנשטעלן, דאָס וואָלט אָבער געפירט צו אַן אומגליק, מען זאָל אים פאַרמסרן פאַר זײַנע זינד, אַז ער לאַכט אָפּ פון די הייליקטימער. דער קוטשער אַליין, וואָס צלמט זיך יעדעס מאָל ווען ער פאָרט פאַרבײַ אַ קירך, קען אים פאַרמסרן, אַז ער ווײַזט נישט אַרויס זײַן אונטערטעניקייט צו דער קירך. קיינער וועט דאָס אים ניט מוחל זײַן" (ז' 79).

אין אָט די עטלעכע, באַשיידן געשריבענע שורות, איז בנימצא דער הויפּט־עלעמענט פון ראָמאַן, וואָס איז דווקא פול מיט אָנגעשפּאַנטע, דראַמאַטישע סצענעס. דאָס איז די אייגנטימלעכע גרונט־טעמע פונעם בוך: „נײַ־קריסטן", וואָס ווילן זיך באַפרײַען, אַראָפּוואַרפן פון זיך

יעדן שמץ פון זייער יידישן אָפּשטאַם און זיך אײפערזיך אײַנגלידערן אין דער קריסטלעכער סביבה, וועמענס משגיחים און עמיסאַרן קאָנטראָלירן איעדע מינדסטע טוונג און איעדנס אויפפיר. נעבן זיי, אין ווידעראַנאַנד, די קליינע גרופּע: זין און טעכטער פון זעלבן יידישן אָפּשטאַם ווי די נײַ־קריסטן, אָבער זיי ווערן פאַרצערט אין זייער פּײַנלעך, טרויעריק, מאַסקירט לעבן, אין זייער נאַגנדיקן, אומאויפהערלעכן באַגער אויפצוהאַלטן כאָטש אַ שפּור פון זייער דורותדיקער פאַרגאַנגענהייט, אויפהאַלטן אַ זכר פון יידישע מידות. — —

אַנטקעגן אָט די ביידע גרופּעס שטייט די מעכטיקע מחנה: גלחים, בישאָפן, היטערס פון קריסטנטום, מוסרים מיט זייערע שפּיזיקע אויגן און בלוטיקע הענט, מיט זייער אויפגעבויטער הערארכיע, אין די פּײַניקונגס־קעלערן און קאַטאַקאָמבעס פון דער אינקוויזיציע. דאָס איז דער הויפּטמאָטיוו פון ראָמאַן „די משפחה דאַ סילוואַ".

אין און צווישן אָט דעם קאָנגלאָמעראַט פון אומפאַרגלײַכלעכע כּוחות, ווו די איבערהאַנט און דעם אײַנפלוס אויף דעם לעבן פון דער רויער קריסטלעכער מאַסע האָט, פאַרשטייט זיך, דער טריבער כּוח פון די מאָנאַכן, די אַסקעטישע פירערס פון די קלויסטערס — — ברענגט אַרויס ש. אַפּטער אַ גאַלעריע פון פאַרשידנאַרטיקע טיפּן, סײַ פון די ברוין־און שוואַרץ־באַגאַרטלטע, מיט צלמים באַהאָנגענע, און, להבדיל, פון גרופּעס אַנוסים, נײַ־קריסטן, יידן־אָפּשטאַמיקע.

מיט אַ געניטער און לײַכטער האַנט מאָלט ער און פאַרמירט געשטאַלטן פון דער סביבה פון די „נײַ־קריסטן". יעדער מיט זײַן באַגער, מיט זײַן בענקשאַפט, מיט זײַן אינערלעך געמיט. מיר דערקענען זיי, און זיי קומען אויף פאַר אונדז לאו־דווקא מיט זייערע טראַכטענישן און מעדיטאַציעס, — ער לאָזט זיי דערקענען דורך זייערע דאַרנדיקע וועגן, דורך זייערע רעאַגירונגען און מעשׂים. אַפּטער האָט דאָ אָנגעווענדט אַ פּאַסיקע דערציילערישע פאָרעם, דהײַנו: ניט צו מאַניפּולירן מיט די פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון זײַנע העלדן, נאָר זיי אַרויסברענגען, אויסשיילן דורך זייערע טוונגען, באַנעמונגען און טאָטן. אָט דער אופן פון בעלעטריסטישער שילדערונג האָט אים אָן־ספק „אָפּגעראַטעוועט" פון פאַרוויקלען זיך אין נאַיווער, ניט־קאָנסעקווענטער

„פּסיכאָלאָגיזאַציע”. איך אונטערשטרײַך עס, מחמת דאָ און דאָרט שטייט ער אויפן גבול פון תּמימותדיקער פּאַרטיפונג, טאַקע מיט אַ כּוונת בלויז, אָבער ער כאַפּט זיך באַצײַטנס צוריק און קומט אויפן ריכטיקן וועגן פון זײַן דערציילערישן גאַנג. זײַן גאַנג איז דאָס לעבעדיקע, רעאַלע שילדערן אַ פֿאַרגאַנגענע צײַט און אירע העלדן.

פֿאַראַן אין בוך אַ ריי טיפּן וואָס זענען ברייטהאַרציק אויסגעפֿורעמט, זיי זענען אַקטיוו און באַוועגלעך אויפן ברייטן, אויסגעשפּרייטן שטח פונעם ראָמאַן. אַזעלכע זענען די „בני־קריסטן”, דער יונגער זאָזשע, אַזאַ איז דואַרטע, אַזאַ איז גראַסיאַ מיט איר מאַמען מרים, וואָס האַלט אָן ייִדישקייט. אַזאַ וווּנדערלעכע, טראַגיש־גבורהדיקע געשטאַלט איז דער דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראַ לאָראַ, וואָס שטאַמט אָפּ פֿון דורות רבנים, היינט היילט ער די אַסקעטישע מאָנאַכן און דעם אַוואַנטוריסט און רעליגיעזן שאַרלאַטאַן בלאַנקאַ, וואָס אי ער נייטיקט זיך אינעם דאָקטאָר צוליב זײַן מיאוסער קראַנקייט, אי ער איזדעקעוועט זיך איבער אים. אַזאַ זעלטענע געשטאַלט איז פֿיליפּע, וואָס האָט אַ ווײַב אַ פּאָרטוגעזערין פֿון פּשוטן פֿאָלק. ——— אַלע זענען אין כּסדרדיקער געפֿאַר. מען ברענגט זיי די טריט. אַפֿילו די פֿרײַנד זייערע, די שכנים, די באַדינערס, קענען זיי בײַ דעם מינדסטן חשד, בײַ דעם מינדסטן אויסגליטש, אויסגעבן אין די הענט פֿון די אינקוויזיטאָרן. פֿיליפּע איז אַ פֿאַרמעגלעכער סוחר. ער איז פֿאַרנומען טאָג און נאַכט מיט זײַנע געשעפֿטן, ער העלפֿט עקאָנאָמיש אַנטוויקלען און באַרײַכערן דאָס לאַנד, באַשטײַערט זיך פֿאַר דער קירך מיט אַ ברייטער האַנט. זײַן ווײַב, די עכטע פּאָרטוגעזערין, איז גראָב און קריגעריש, זי פֿאַרראַט אים מיט אַ פּעבלדיקן לעב־יונג, אָבער ער, דער מאַן, פֿאַרזעט עס, מחמת דער כּסדרדיקער שרעק, אַז אַפֿילו זײַן ווײַב קען אים פֿאַרמסרן. פֿיליפּע איז ניט קיין נעכטיקער אין ריאַ. אָבער: „וואָס זאָל ער טאָן אַז זײַן פֿאָטער און ער זענען געבוירן געוואָרן ווי ייִדן. צי קען ער דען אַלץ אויסשנײַדן פֿון זײַן האַרץ. זײַן פֿאָטער איז נישט אַוועק מיט זײַן משפּחה פֿון רעציפֿע, ווען אַ היפּשע צאָל ייִדן איז אויף שיפֿלעך אַנטלאָפֿן ווי נאָר זיי האָבן געקענט, אַבי זיך צו ראַטעווען, ווען די האָלענדער האָבן פֿאַרלאָרן די מלחמה מיט די פּאָרטוגעזער”.

פֿיליפּעס מעמד און לעבנס־געשיכטע איז ניט קיין באַזונדערע, ניט קיין

זעלטענע אין דער סביבה, זי איז טיפּיש פאַר אַ סך: „זײַן פֿאָטער, באַגלײַך מיט פֿיל ייִדן, האָט געהאָלפֿן אויסבויען דאָס לאַנד, געבראַכט רײַכטימער, געפֿירט האַנדל מיט אויסלאַנד, אויפֿגעקויפֿט דאָס קינהאָלץ, געבויט צוקער־פּלאַנטאַציעס. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּאָרטוגעזערין פֿון פּראָסטן פֿאָלק, וואָס נאָך ווילן זיי פֿון אים?"

אַט די געדאַנקען מאַטערן פֿיליפּען, ווען ער דערפֿילט אַז אָט־אָט הייבט זיך אָן פֿאַרציִען אַ פּעטליע אַרום אים, פֿון וועלכער ער וועט ניט קענען אַרויס: „וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער קען פֿאַרט נישט פֿײַנט האָבן זײַנע ברידער, די ייִדן, די נאָווע־קריסטאָאָס, וואָס ראַנגלען זיך פּונקט ווי ער, וואָס קענען זיך נישט אָפּגעוווינען פֿון זייערע אַמאָליקע פֿירונגען, וואָס זייערע עלטערן האָבן אין זיי אײַנגעפֿלאַנצט. ער ווייסט, אַז אויב די אינקוויזיטאָרן וועלן אים כאַפּן, וועלן זיי אים מיט פֿייניקונגען צווינגען, ער זאָל מסרן זײַנע פֿרײַנד, ווי זײַן אומוועדיק ווײַב וועט דאָס טאָן. ער וועט אָבער קיין מאָל זײַנע פֿרײַנד נישט אַרויסגעבן כּדי צו ראַטעווען זײַן לײַב" (ז' 146).

פֿיליפּע האָט געלעבט, ווי אַ סך פֿון זײַן סביבה, פֿון זײַנע נאָענטע פֿרײַנד — פּראָפֿעסיע־לײַט, סוחרים, גרויסהענדלערס, אימפּאָרטערן, — אין אַ כּסדרדיקן גײַסטיקן און פֿיזישן געהויל, אין אַ געדרענג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטן אָנהייב, ניט געפֿירט צו קיין לייזונג, בלויז איינס האָבן זיי געוווּסט פֿאַר זיך, ראַנגלען זיך פֿאַרן לעבן. פֿיליפּע האָט באַטראַכט זײַן לאַגע, ס'האָט אים געפּײַניקט דער געדאַנק אַז אָט־אָט דערנענטערט זיך עס. פֿון זײַן דינער האָט ער זיך דערוווּסט אַז מען שפּירט אים נאָך.

מיט דער באַשטימונג אויסצוטראָגן אַלע עינויים און ניט אַרויסגעבן זײַנע נאָענטע איז ער אַוועק פֿון דער היים: „ער האָט אַרויפֿגעצויגן זײַן כאַלאַט אויף די אַקסלען, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן פּאַסיק אויף זײַן טוניק, אָנגעהאַנגען אַ שטילעט, ער זאָל זיך קענען באַשיצן פֿון אָנפֿאַלערס. ער האָט שטיל געעפֿנט די טיר, דער באַדינער זאָל נישט דערהערן און איז פֿאַמעלעך אַרויס פֿון הויז". פֿיליפּע האָט זיך מער ניט אומגעקערט אַהיים, זיך ניט אומגעקערט אין ערגעץ. די אינקוויזיציע־מושלים האָבן אים פֿאַר־כאַפּט, במשך וואָכן אים געפּײַניקט און אים אומגעבראַכט.

דער משפּחה דאַ סילוואַ, ווי די מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע קאַרדאָזאַ,

ווי אַנדערע צענדליקער נײַ־קריסטן האָט מען ווי געפֿאַנגענע פֿאַרבערעכערס פֿאַרנומען און אָפּגעשיקט מיט אַ טורמע־שיף צו דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל. — —

דער ראָמאַן אַנטהאַלט 22 קאַפּיטלעך, און דער רוב קאַפּיטלעך זענען אָנגעלאָדן מיט אַן עודף פֿון אינטענסיווע פּאַסירונגען, קאָנפֿליקטן און איבער־לעבונגען פֿון די העלדן. ניטאָ, דאַכט זיך, אין דעם בוך קיין אייגנטימלעכע שילדערונגען, אַ שטייגער, פֿון לאַנד און פֿון דער שטאָט אין וועלכער די מענטשן באַוועגן זיך, ווי עס איז כּמעט ניט בנימצא קיין פּייזאַזש־געמעלן. דערפֿאַר זענען אָבער ביז גאָר לעבעדיק די דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן, די שמועסן און אַרויסזאָגונגען, וואָס דורך זיי פֿילן מיר אַזוי בולט די אַטמאָספֿער פֿון יענער צײַט און עס דערגייט צו אונדז צו מאָל דער גערוך פֿון דעם באָדן, ווי דער אומרו און דער ווירוואַר פֿון אָט דער תּקופֿה.

ש. אַפּטערס בעלעטריסטישער נוסח, ווי זײַן דערציילשפּראַך, זענען הײַנטצײַטיקע. ער פֿאַרמעסט זיך ניט אַרײַנצופֿירן אידיאָמען און אויסדרוקן פֿון אַמאָליקן יידיש, בכדי צו אָרנאַמענטירן די היסטאָרישע עפּאָכע. דאָך געראָט אים אַרײַנצופֿירן אונדז אין דעם קלימאַט און אין דער שטימונג פֿון אָט די אומגעווײנטלעכע פֿאַרלויפֿענישן און געשעענישן.

אַ שאָד נאָר וואָס אינעם בוך — משמעות אונטערן דרוק פֿון נאָראַטיווער באַלאַדנקייט — זענען פֿאַראַן אַ צאָל איבערחזרונגען.

ס'איז אָבער, אָן ספֿק, אַן אינטערעסאַנטער, וואָגיקער ראָמאַן, ובעתו.

יוסף רובינשטיין — „לידער פון ביים סוף"

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן פלעגט יוסף רובינשטיין אָפט קומען קיין ישראל. ער האָט זיך דאָ געפילט ווי אַן אײגענער. מ'האָט אים דאָ אויפגענומען ווי אַ נאָענטן. שרײַבערס, חברים פון אַ מאָל, פרײַנד און משפחה וואָס סײַ ער, סײַ זײַן פרוי האָבן געהאַט אין לאַנד, פלעגן אים וואַרעם אויפנעמען און אַרומרינגלען מיט פרײַנדשאַפט. דאָס זײַן אין ישראל איז געווען פאַר אים יעדער מאָל פון דאָס נײַ אַן איבערלעבונג. עלעהיי ער זאָל האָבן געפונען אַ שמץ פון דערמונטערונג און טרייסט אַנטקעגן דעם עלנט און דער אומעטיקער אַליינקייט אין וועלכער ער האָט די לעצטע צײַט געלעבט אין ניו־יאָרק.

דאָס לאַנד, דער פּייזאַזש פון ארץ־ישׂראל, דאָס געפיל פון טרעטן אויף אַלט־הומשדיקער ערד, ווי די נײַקייטן און אַנדערשקייט פון ייִדישן פאָלקס־שטייגער, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעפילט, האָבן אים אויך דיכטעריש באַאײַנפלוסט, גערעגט זײַן געמיט, געצונדן אין אים פּאָעטישע פונקען. בעת אונדזערע טרעפונגען און שמועסן האָט מען עס אַזוי קלאָר און מהותדיק אַרויסגעפילט. עס פלעגט אָפט אַרויסרעדן פון אים מיט שורות ליד. — —

שפּעטער זענען געקומען שלימותדיקע, געפורעמטע לידער אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק זײַנע שפּירונגען און שטימונגען, זײַן געפיל און באַנעם, ווי ער זאָגט: „...און ס'האָט אַריבער אונדז מיט נײַעם נס אַדורכגעפליגלט / די אייביקייט די ייִדישע, אַריבער צײַט און אָרט, / און האָט די טעג פון אומגלויבן זיי זיגנדיק פאַרזיגלט / אויף שטענדיק שוין, מיט ייִדישן, מיט דורותדיקן וואָרט". אָט די לידער פון ארץ־ישׂראל־פּייזאַזש און ישׂראל־ניגון קומען אַרײַן ווי אַ באַזונדערע גרופּע אין דעם איצטיקן באַנד. זיי ברענגען פאַר אונדז אַרויס זײַן אויפציטער בײַם באַטרעטן די אַלט־דורותדיקע צפת, די אַלטפאָלקישע אויסגעבענקטע ירושלים, זײַן צעשטורעמט געמיט בײַם כותל. „איך שטיי און גליווער, אָן אַ טרער — אַ ייִד, אַ שטומער ווײנער, / און פיל ווי אויך מײַן האַנט קלאַגט שטום באַרירנדיק די וואַנט". און אין אַ סובלימירטער, באַדאַכטער פאָרעם ברענגען זיי אַרויס זײַן נעכטיקן גאַנג דורך אַ טראַגישער ייִדישער וואָר. די זעלבע שטימונגען באַווירקן אים,

באַהערשן אים אויך, ווי מיר פילן עס צו מאָל אָפּ אין די לידער: „דער עמק״, „בײַם ים התיכון״, „אַ ניגון״, „שטיינער״, „דער נגב״, „דער סיני״, ווי אין אַ ריי אַנדערע לידער פון דעם ציקל, וועלכע ער האָט משמעות געשריבן בעת זײַנע באַזוכן אין לאַנד, און עס רופט זיך אָפּ אין אים, דערמאָנט אים. אַזוי אויך ווען ער שטייט בײַם ים־ברעג פון תל־אָביב, דערזעט ער בחוש:

אָט אויף דעם ברעג דאָ האָבן זיך געגנבעט די מעפּילים
און ס׳רוישט דער ים פאַר מיר איצט ווי אַ מאָל נאָך פול מיט סוד,
אַדורך זײַן רויש איך פיל נאָך זייער אָטעם דאָ — איך פיל אים
אין שאַרך פון ווינט, וואָס האָט פאַרווישט אין זאַמד דאָ זייער טראָט.

ער האָט אַ שלל פון טעמעס און מאָטיוון, יוסף רובינשטיין. טשיקאַווע, ווי צו מאָל אַלע זײַנע זעונגען, דערקענטעניש, רעפלעקסן, שטימונגען און אַוודאי די אייגענע איבערלעבונגען ווערן טעמעס פון זײַן ליד.

*

דאָס ניט לאַנג צוריק דערשינענע בוך, וואָס זײַן נאָמען „לידער בײַם סוף״ האָבן צוגעטראָכט די אַרויסגעבערס, איז סײַ אַ קאָנסעקווענטע פאַרזעצונג פון דעם בוך „דערזעונגען״, וואָס איז אויך אַרויס שוין נאָך זײַן פּטירה, סײַ אַ מאַניפעסטאַציע פון שעפערישער באַנײַונג. הגם דער טיטל פונעם בוך איז אַ פאַטעטיש־סמוטנער — „לידער פון בײַם סוף״, זענען דאָ אויך בנימצא אַ ריי הײַטערע טענער און מאָטיוון. וואָס נאָך? לאָמיר זיך ניט טועה זײַן. אויך די לידער זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צײַטן און אונטער פאַרשיידענע באַדינגונגען, און דאָס — במשך אַ צוויי צענדליק יאָר. אָבער דאָס עצבות־געפיל, דער עלעגישער טאָן דאָמינירט דאָ נאָך מער און בולטער ווי אין דעם פריערדיקן בוך „דערזעונגען״.

ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי עקשנותדיק רובינשטיין האָט זיך געהאַלטן בײַ דער פאָרעם פון אַכט שורות. נאָר אַזוי משמעות, אַזאַ שרײַבעריש־פּנימיותדיקע דיסציפּלין האָט ער אויסגעפאָרמירט. אָבער עס געראָט אים אַרויסצוברענגען אין אָט דעם באַשרענקטן נוסח זײַן פאָעטישע גענעזע, זײַן

טראַכטן און פילן, זײַנע באַגערן און בענקשאַפטן, ווי זײַן באַנעם פון אַלע די פאַרלויפעניש און געשעענישן. גאָר אָפּט ריזלט דורך אין די לידער אַ פילאָסאָפיש־מחשבותדיקער בײַטאָן. בפרט אין די לידער ווו ער פּרווט געפינען אַ באַשייד פאַר זײַנע צווייפלען. אַ שטייגער ווי אינעם ליד „דו בלאָנדזשעסט".

דו טרעפסט זיך אָן מיט זאַכן וואָס דו האָסט נישט קיין דערקלערונג
און בלײַבסט אין ספק שטיין פאַר זיי, נישט זיכער מיט דײַן טראָט,
ווי עמעצנס אַ כּישוף־שפּרוך מיט קראַפט פון אַ באַשווערונג
וואָלט דיך געלאָזן שטיין דאָרט פול מיט רעטעניש און סוד.

רובינשטיינען באַגלייט אָן איפּעריקע נטיה, אַ ווילן אַזאַ צו אַנטפּלעקן רעטעניש און סוד. אַוודאי, זינט די וועלט שטייט, איז זי פול מיט רעטענישן און סעקרעטן, און דער נײַגער, דער דיכטערישער נײַגער איז גרויס בײַם פּאָעט זיי מגלה צו זײַן און זיי פּרווון אויפלייזן. קלאָר, אַז ניט אַלע מאָל סטײַען אויך אים די אינטעלעקטועלע און פּאָעטישע כּוחות צו דעם. אָבער שוין דער עצם פאַרמעסט אַרויסצוברענגען אָט די מענטאַלע אָפּענע — און אינעם רוב — פאַרבאָרגענע נשמה־פּלאַטערן גיבן צו זײַן ליד אַ באַזונדערן רייץ.

רובינשטיין ברענגט זיי אויפן איבערפלאַך עלעהיי אַ טויכער דאָס פּערל־געפינס פונעם דנאָ. מיר טרעפן אָט די פילאָסאָפירנדיקע נייגונג אין אַ סך פון זײַנע לידער, וואָס זענען גרופּירט אין סעריעס און ציקלען. ער האָט געזונגען און אַרויסגעבראַכט, געשילדערט און באַזונגען גאַסן און וועלדער, ימען און שטעט, פעלדער און כמאַרעס, שניי־ און פרילינג־טעג, לידער צום זילבערנעם טוי און לידער פון גרויען האַרבסט — שוין די נעמען פון די גרופּעס און ציקלען זאָגן אָן וועגן דער ברייטער, פאַרביקער גאַמע, פון פאַרנעמיקער מאָזאַיִק פון זײַן לידערשאַפט.

אַוודאי זענען פאַראַן אַ צאָל איבערחזרונגען. ווי דען אַנדערש? די לידער זענען דאָך אויפגעשריבן געוואָרן אין פאַרלויף פון יאָרן. און דאָך האָט יעדעס ליד זײַנס, טראָגט אין זיך יעדעס ליד זײַנס אַן אייגנדיק געמיט און אַ טאָניק אויסקלאַנג, — „ווײַל ס'איז דאָך אַלץ געבונדן", ווי ער זאָגט:

דער דעמאָלט קען אַן איצט דאָך זײַן, דער איצט קען ווערן דעמאָלט,
אויב ס'האָט דײַן האַרץ געליכטיקט מיט דער יוגנטלעכער שײַן
וואָס לעשט זיך נישט, וואָס לויכט באַהאַלטן טיף אין דיר און פּלעמלט,
קען אַלץ דאָך זײַן ווי דעמאָלט נאָך, קען אַלץ נאָך ווידער זײַן.

די זאַמלונג „לידער פון בײַם סוף", וואָס נעמט אַרײַן דעם שרײַבערישן עזבון פון יוסף רובינשטיין שליסט אָפּ די שאַפערישע מגילה פונעם דיכטער, וועמענס בײַטראָג צו דער הײַנטצײַטיקער יידישער וואָרטשאַפונג איז באַטײַטיק און ווערטיק.

דוד ספּאַרד

דוד ספּאַרד — אַן אינטעלעקטועלער מענטש און אַן אינטעלעקטועלער שרײַבער, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַזוי גערעכט צו פאַרפלעכטן מחשבה און געפיל, געדאַנקלעכקייט און שטימונג, ניכטערע זעונג און עמאָציאָנעלע שפּירונג. ער האָט דורכגעלעבט און אָפּגעפּילט די דראַמאַטישקייט און דעם ווירוואַר פון אונדזער צײַט, די שפּאַנונג און צו מאָל די ביטערע אַנטוישונגען.

געבוירן אין טריסק. דער טאַטע — אַ רב. גאָר פרי אָנגעהויבן שרײַבן העברעיִשע שירים און דערנאָך יידישע. ווי אַ סך יידישע שרײַבערס אין דער וואָלינער געגנט, אַוועק אויף „לינקס", געוואָלט ראַטעווען די וועלט און בײַטן די יידישע מערכה. דערצו האָבן דערפירט די עוולות קעגן מענטש, דער אומיושר, דער דלות, די פאַריאַכטקייט. האָט מען אַרויפגעקוקט צו דעם „שטערן פון אָקטאָבער", געוואָרט ער זאָל ברענגען די ישועה, אויסגלײַכן דאָס אומרעכט אויף דער וועלט...

דוד ספּאַרד האָט געגלייבט באמונה שלמה אין אָט דער ישועה, פּונקט ווי זײַן טאַטע און זײַנע זיידעס האָבן געגלייבט אין בורא־עולם. ער האָט ניט פאַרלוירן די האָפענונג אַפילו דעמאָלט ווען דער גלויבן זײַנער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קרישלען.

אָט די מאָטיוון געפינען מיר אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע שאַפונגען, אין זײַנע לידער. אויך אין זײַן לעצטן לידערבאַנד שפּאַצירן אין דער נאַכט. זײַן ערשטער בוך (שטאָפּלען), וואָס איז אַרויס אין יאָר 1929, איז שוין געווען אַן אָנזאָג פון זײַן פּאָעטיש־שרײַבערישן גאַנג. ס'זענען שוין געקומען צום אויסדרוק זײַנע באַגערן, זײַנע ראַנגלענישן און בעיקר זײַן אידעיִשער באַנעם. זיי ווערן בולטער אין די שאַפונגען פון די שפּעטערדיקע יאָרן, סײַ אין די לידער, סײַ אין זײַנע קריטישע אַרבעטן, אין די עסייען. מ'פילט אַרויס דעם פלאַטער פון אַן אמתן שרײַבער, וואָס איז באַוועלטיקט פון דעם נאַטירלעכן אומרו, פון זײַנע אײַנגעקאַרבטע ספקות. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז דאָס ליד „קריג", וואָס מיר ציטירן דאָ אין גאַנצן:

נישט אויף וואָר און נישט אין חלום
כ׳האָב אין עמעצן געוואָרפֿן ווען אַ שטיין,
אַ לעבן־לאַנג איך וויל בלויז מאַכן שלום
מיט זיך אַליין.

בלויז מיט זיך אַליין איך פֿיר אַ קריג,
אַ מאָל פֿון לינק, אַ מאָל פֿון רעכטס,
נאָר ס׳ווייסן ביז אַהער נאָך נישט פֿון זיג
מײַנע טעג און נעכטס.

ווי אורחים פֿרעמדע קומען זיי צו גיין
און פֿאַרשווינדן,
און לאָזן איבער נישט פֿאַרהיילטע ווונדן
און דעם אַלטן קריג מיט זיך אַליין.

אָט דער קריג מיט זיך אַליין איז דער סימן פֿון גײַסטיקער באַוועגלעכ־קייט און שאַפֿערישן אָנרעג, אַ סימן פֿון אמתדיקן אָפּפֿילן די וואָר. דוד ספֿאַרד פֿאַרמאָגט אַ רײַכע טעמאַטיק, וואָס נעמט אַרום אַן עולם־ומלואו: לאַנד און צײַט, געדאַנקלעכע עקסקורסיעס און פֿרייד פֿון באַשאַף, התבודדות און בענקשאַפֿט — אַלץ באַגלייט פֿון אַ מילדער, פֿילאָסאָפֿירנדיקער שטימונג, ווי אַ שטייגער אין דעם ליד „ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן״:

ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן,
אַז אין דער ליכטיקסטער אַפֿילו שײַן
שטאַרבן אָפּ די צאַרטסטע קווייטן,
די שענסטע פֿרויען וויאַנען
און די טריט פֿון טויט אַלץ אַלעמען באַגלייטן.
און אומעטום אין אים דערמאָנען.

אַ סך לידער אין בוך זענען דורכגעוועבט מיט אַזעלכע טיף מענטשלעכע קלאַנגען און פֿאַרלירן דערבײַ נישט די געדאַנקלעכע קלאָרקייט, די פֿרישקייט

און די מעלאָדישקייט פון וואָרט. דוד ספאַרד איז געווען אַ מאָדערנער דיכטער, הגם ער האָט זיך ניט פאַרמאָסטן אויף באָוואַנטאָרישע אויפטוען. מאָדערנע נוסחאות זענען אים נאָענט, און ער ווענדט זיי אָן אין זײַן ליד, אָבער דערבײַ איז ער ווײַט פון אומפאַרשטענדלעכקייט. מ׳קאָן אָנווײַזן אויף אַ ריי אַבּ־סטראַקטע לידער בײַ דוד ספאַרד, צי אָזעלכע וואָס זענען אויפן שוועל פון אַבּסטראַקט, נאָר דער פּאָעט כאַפּט זיך בײַ צײַטנס און קערט זיך אום צו זײַן אייגן קול, צו זײַן אייגענעם וועג. און אָט דער וועג פירט אים אָפּט צוריק צו דעם נעכטן, צו דעם איבערגעלעבטן אין יענע יאָרן, צו דעם נסיון.

איך רוף נישט מײַנע יאָרן אָפּ צוריק —
כ׳בין מיט גלויביקע געזאַנגען
דורך פײַערן געגאַנגען,
נישט נאָר פאַר אייגן גליק.

וועגן אַלץ וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, וועגן דעם גורל פון זײַנע נאָענטע, וועגן דעם פּײַן פון ייִדישן פאָלק, שעפּטשעט דוד ספאַרד שטילע שורות אין זײַן ליד „אויף אייביקן דויער":

כ׳וועל נישט זאָגן מײַן קדיש בציבור,
כ׳וועל ביחידות טרויערן,
עס זאָל נישט מײַן וויטיק אין טומל אַריבער,
נאָר דויערן און דויערן.

אָט דעם אומעט פילט מען אַפילו אין די חדווהדיקסטע שטימונגען, אַפילו אין די לידער וועגן ארץ־ישׂראל, וואָס פאַרנעמען, אַגבֿ, אַ חשובֿ אָרט אין דעם באַנד. עס קומען דאָרטן צום אויסדרוק זײַנע געפילן און זײַנע באַגערן און אַלץ אויף אַ מקורדיקן, אייגענעם אופן.

זײַנע ישׂראל־לידער זענען בעיקר לידער וועגן ירושלים. אָט די לידער זענען אינטערעסאַנט ניט בלויז מיט זייערע וויזיעס און מיט זייער אייגנ־דיקער שטימונג, נאָר אויך מיט זייער פּייזאַזש, דער ירושלימער פּייזאַזש.

ווען אַפילו עס גלימערט גאָר אָפט אין זיי דער עלנט פון אַ יידישן פּאָעט, איז אָבער פאָרט מנצח די העלקייט פון ירושלים, דער ליכטיקער ירושלימער הימל, די אייביקייט פון דער שטאָט וואָס פילט אָן מיט גלויבן און בטחון, ווי למשל אין ליד „סייפא וספרא", ווו דער פּאָעט ווענדט זיך צו זײַן זון:

מײַן קינד,
מיר האָבן שוין אַצינד
אַ ברעקל הימל,
וואָס צו אונדז געהערט,
און אַ ברעקל ערד,
וואָס באַוויליקט אונדזער טראָט.

כדאַי צו באַמערקן אַז אין די ישׂראל־מאָטיוון איז די שפּראַך אָפענער, פּשוטער, און די לידער אָטעמען מיט אַ היפשער מאָס מונטערקייט. כאָטש אויך דאָ איז קענטיק דער פיבערדיקער אומרו, ווי מיר לייענען אין דעם ליד „הײם":

אויף אַלע דײַנע לויכטנדיקע וועגן,
אויף יעדן באַרג, אין יעדן טאָל,
האָסט מיט ליבשאַפט מיך באַגעגנט
מיט אַלע חנען פון אַ מאָל.

דעם לויטערן תּנכישן באַגינען
פון מײַנע פרילינגדיקע יאָר
האָב איך בײַ דיר איצט אָפּגעפונען
אויף דער וואָר.

די גאַנצע לידער־זאַמלונג און בפרט די ישׂראל־לידער טראָגן אין זיך הײַנטצײַטיקע וואָר. מיר פילן דאָ אָפּ דעם שאַפערישן גאַנג און דעם מהותדיקן געראַנגל פונעם דיכטער.

נחמן ראַפּפּ — „בײַם פײַער־טויער"

ס'איז אַ גוטער און געראָטענער אויפטו, ווען אַ דיכטער קלײַבט אָפּ און נעמט צונויף זײַנע לידער פון איין מאָטיוו, פון איין טעמע און גיט זיי אַרויס אין אַ בוך. אמת, אַזאַ אויסגאַבע איז צו מאָל אויסגעשטעלט אויף עטלעכע סכנות וואָס לויערן, דהײַנו: איבערחזרונגען, אײנטאָניקייט, באַשרענקטקייט, צימצומדיקער קאָלאָריט. — — אָבער די באַשיידענע זאַמלונג, וואָס נחמן ראַפּפּ האָט אַנומלט אַרויסגעגעבן אונטערן טיטל „בײַם פײַער־טויער" אַנטפּלעקט פאַר אונדז דווקא דעם דראַמאַטישסטן שטח פון אונדזער גאַנג, פון אונדזער לעבן במשך דעם לעצטן דור.

די זאַמלונג האָט אַפילו נישט קיין (געדרוקטע) אינהאַלט־פאַרצייכענונג. איך נעם אָן, אַז דער מחבר האָט עס געטאָן בכוונה. געוואָלט משמעות אויך מיט דעם מאַניפעסטירן, אַז כאָטש בצוותא, צוזאַמען מיט די גרעסערע פּאָעמעס, געפינען זיך אינעם בוך קורצע לידער וואָס טראָגן אַזעלכע נעמען ווי „אויף דער וואַך", „אויף די בערג", „יונגער גענעראַל", „צו דער מאַמען" — אָבער אַלע צוזאַמען בילדן זיי אַ בונטע מאָזאַיִק, זיי זענען ווי פאַרגלידערט און אויסגעקייטלט, די לידער און פּאָעמעס, און קומען זיך צונויף ווי אַ שטיל פאַרטײַעטע, בונטאַרע, מאַגנענדיקע מחנה בײַ אַט דעם טויער, בײַ דעם פײַער־טויער. ס'איז דער פײַער־טויער פון ייִדישן נסיון, דער פײַער־טויער וואָס האָט געגליט און געגלימערט מיט פאָלקישער איבערלעבונג אין אונדזער קאַמף און געראַנגל סײַ אין דעם הערויִשן דאָ, סײַ אין דעם טראַגישן דאָרט...

די זאַמלונג איז טאַקע אײַנגעטיילט אין ציקלען וואָס טראָגן נישט קיין נעמען, נאָר גרײַלעך ציפערן — ציפערן וואָס דערמאָנען, ציפערן וואָס סימבאָליזירן — דאָס זענען די יאָרן: 1943, 1948, 1956, 1967, און אין עטלעכע שורות אויפן שער פון דער זאַמלונג זאָגט נחמן ראַפּפּ:

„אין יאָר 1943 האָט זיך פאַרענדיקט די טבילה אין ליידן, דעמאָלט איז דאָס פאָלק אויפגעשטאַנען צו טבילה אין פײַער. געטאָ־אויפשטאַנד, קאַמף אויף שלאַכטפעלדער, באַפרײַונגס־קאַמף פאַר איגענער היים, מבצע־סיני, ששת־ימי־הוונדער, יום־כיפור־קרבן".

דאָס זענען די טעמעס פון זײַן ליד. ס'איז איין מאָטיוו, ס'איז דער ניגון

פון קאַמף, פון אויפוואַכונג און גבורה, ווי ער איז אויפגעקומען אין דער תקופה פון טיפסטן פאָלקס־נסיון.

קיין שום פאָלק און אומה איז נישט דורכגעגאַנגען דאָס וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען פאַר אַט דעם דור. ווער ווייס, אפשר זענען מיר עס נאָך גאָרנישט מסוגל צו באַנעמען? אָבער אַט די שאַפונגען — דיכטערישע, דערציילערישע, קינסטלערישע טראָגן ביי — נישט נאָר פאַר אונדזער איצט, נאָר פאַר דער היסטאָריאָזאָפיע פון אַט דער תקופה, פאַר דער צוקונפט. זיי וועלן, אָן ספק, דינען ווי די געטריַיסטע און באַגלייבטסטע עדות.

אַט ווי דער דיכטער זאָגט עס:

צי דאַרף נאָך דער צאָרן אויך באַזיניקן אַ ראיה,
און צי נייטיקט זיך דער האַס אין לאַגישן פאַרענטפער?
אַז אין פאַרברענטע ספרים רויכערט זיך דער שם־הויה,
און ס׳גייט אום ווי אין אַ וואַלד אַ בייזע חיה,
דער שונא איבער געגנטן געשענדטע.

נחמן ראַפּפּ ברענגט גראָד מער פון דער שטילער, פאַרטיַיעטער געוואַגט־אָנגעשטאַלטער גבורה פונעם פשוטן ייִדישן מענטש און מיַידט אויס, ווי וויַיט מעגלעך, די פאַרלענדטע „געשענדטע געגנטן", גרייַלעך אַפילו דאָ איז ער דאַנקבאַר די שעה פון „ווען די ביקס קאָן שוויַיגן"... אַט ווי אין זיַין ליד „אויף דער וואַך", איינס פון די גרעאָטנסטע — לפי דעתי — געדאַנקפול געפורעמטע לידער:

די נאַכט ליגט פאַרשפונען אין זילבער־געוועב,
ס׳איז אָפן מיַין אויג און וואַך איז מיַין אויער,
אויף יענער זיַיט באַרג הענגט אַ טונקעלער קרעפ
און עמעצנס בליק אויף מיַין לעבן דאָ לויערט:

איך דריק צו מיַין גוף די שטאָלענע ביקס,
אַ גרייטע צום רעדן מיט לשון פון פיַיער,

זײַ מוחל קלײנער דערנער־געוויקס,
איך טרעט אויף דײַן גוף, נאָר דאָך ביסט מיר טײַער.

איך לעג מײַן געווער אויף דײַן דערנער־געפלעכט,
מיט פּנים צו יענע טונקעלע פלעקן,
ס'איז הײַנט דאָ די נאַכט נישט ווי אַנדערע נעכט,
זי דאַרף דאָ מײַן גוף און מײַן לויער פאַרדעקן.

נאָר פּלוצלינג צעשרײַט זיך אַ פויגל אין רוים,
אַ צווייטער רופט אָפּ זיך פון צווישן די צווײַגן,
די זון צינדט דעם קרוין אויפן אײנציקן בוים,
אַ דאַנק דיר מײַן ביקס פאַר אַ גאַנצע נאַכט שווײַגן...

פאַראַן אין דעם ליד ייִדישער זין און שטייגעריש־ישׂראלדיקער באַנעם. נישט אָנגריף נאָר פאַרטיידיקונג, נישט איבערפאַל נאָר זעלבשוץ... און אַ „דאַנק דיר מײַן ביקס פאַר אַ גאַנצע נאַכט שווײַגן" איז סימבאָליש און כאַראַקטעריסטיש אין דעם מאָטיוו „בײַם פײַער־טויער".

הגם די פּאָעמעס אינעם בוך זענען געשריבן מיט פאַרנעם און אַפילו מיט דיכטערישן שווונג, זענען אָבער, דאַכט זיך, די קורצע לידער פּאָעטיש אויסדריקלעכער און ס'הויכט פון זיי מיט עכטקייט און קינסטלערישן אָטעם. זיי זענען גאַנצער אין זייער פורעמונג און נאַטירלעכער אין זייער געבוי און שפּראַכלעכן ריטעם. ער האָט אַ שפּעדיקע דיכטערישע שפּראַך נחמן ראַפּפּ. אָט שאַפט ער אויף אַזעלכע בילדערישע שורות:

בלײַב שטיין אויף אַ ווײַל, צום אָרט צוגעשמידט,
דו ווערסט באַלד דערפילן אין מידבר אַ ליד.

אָדער:

צעוועקסל דײַן לעבן אויף קליינגעלט, אויף מינץ,
ס'איז פאַרט דיר באַשערט ווען צו ווערן אַ פּרינץ.

און דאָס לעצטע ליד „צו דער מאַמען״ הייבט ער אָן אַזוי:

דער מאַמען דערצייל איך דעם גילדענעם חלום.
געזען כ׳האָב דעם באַרג פון לויטער קריסטאַלן,
אויף אים ווערן שטראַלן און קוואַלן צערונען,
און זינגען אַ שירה פאַר בלומען וואָס קומען.

איך האָב ביי אַן אַנדער געלעגנהייט געשריבן אַז אין נחמן ראַפּפּס לידער פילט מען אָפּ זיין קענטשאַפט. ער איז אַן אייגענער אין די מקורות. זיין לעבעדיקער שורשדיקער לשון איז אַלע מאָל אָנגעמאָסטן צו דער ספּעציפיק פון זיין ליד און עס דינט סיי צו אָנטפּלעקן דעם „גילדערנעם חלום״, סיי צו שילדערן און אויסדריקן דעם איצט און צו באַגרייפן די נצחיות, דעם דויער און די אייביקייט.

משה וואַלדמאַנס „פון אַלע ווײַטן"

שוין אין דעם נאָמען פונעם בוך משה וואַלדמאַנס — „פון אַלע ווײַטן" — פילן מיר אַפֿ דעם זין און כאַראַקטער פון דער היקפּדיקער לידער־זאַמלונג. דער נאָמען דריקט אויס נישט נאָר זײַנע וואַנדערונגען, דעם ביטערן נע ונד, די שווערע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן: וואַרשע, מאָסקווע, בוכאַראַ, אוזבעקיסטאַן, און לאָדזש און וואַרשע נאָכן אומקום, און פראַנקרײַך פון נאָכן קריג, און ארץ־ישׂראל, וווּ ער און זײַן פרוי — די דערציילערין מנוחה ראַם — האָבן דאָ געפונען זייער אָנהאַלט, — אין „פון אַלע ווײַטן" פילן מיר אַפֿ די דיכטערישע שטימונגען, רעאַגירונגען און די נסיונות פון די אַלע פיזישע און גײַסטיקע פאַרלויפענישן, די שפּירונג אין טעג פון געדריקטקייט, און דער ווײ וואָס די צײַט און דער אַרום איז גורם, אָבער איבער אַלעם גייט דאָך אויף און באַזינגט וואַלדמאַנס גלויבן און בטחון. ———

„פון אַלע ווײַטן" איז אַ מאָזאַיִק פון מענטשלעכע און יידישע דער־פאַרונגען מיט וועלכע דער דיכטער איז געפּרווּוט געוואָרן, וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען אין אונדזער דראַמאַטישער צײַט.

זײַן ערשטער בוך „פאַרטונקלטע פרימאָרגנס" איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1938. ס'הייסט: מיט 47 יאָר צוריק, און ביז אַט דעם איצטיקן „פון אַלע ווײַטן" האָט וואַלדמאַן קיין בוך נישט אַרויסגעגעבן, כאָטש לידער האָט ער געדרוקט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. שוין דאָס אַליין האָט זײַן באַזונדערן באַטײַט. אפשר קומט עס פון דעם יִראת־הכּבוד צו שאַפונג, און אפשר קומט עס פון דעם ציטער און אַחריות, וואָס ער פילט צו זײַן ליד, און אפשר האַלט ער פון דעם „כּלל", וועלכן זעלטענע זענען מקיים, אַז אַ דיכטער דאַרף אַרויסגעבן בלויז 3—4 ביכער — וועט דורך דעם די פּאָעזיע זײַן טיפער, לויטערער, ווערטיקער. ווער ווייס?

„פון אַלע ווײַטן" אַנטהאַלט 11 אָפּטיילן און צווישן זיי די לידער וואָס זענען געדרוקט געווען אין זײַן ערשטן בוך „פאַרטונקלטע פרימאָרגנס". אויך פון די קומט אויף דער אומעט פון יענער צײַט, דאָס פיבערדיקע פון דער געזעלשאַפטלעכער וואָר — ערב די מלחמה־יאָרן — און דער נשמה־געראַנגל פון יונגן דיכטער. זאָגט ער דאָרט אינעם ערשטן ליד:

אונדזערע טעג רינען אָפּ — אין צער —
נאָך פּאַר פאַרגאַנג.
אין אבילות איז געהילט אונדזער זײַן
הײַנטיקע נאַכט — ווער וועט קומען פון אַ שוואַרצן העק? —
און ווער וועט בלײַבן?

אַז מען לייענט דאָס בוך אַזוי ליד נאָך ליד, כאָטש זיי זענען נישט געבראַכט לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר, איז ווי דו וואָלסט געלייענט די פאַר־לויפענישן פון אונדזער הײַנטצײַטיקייט, וואָס זענען ווי פּרקים פון הײַנט־וואָריקער געשיכטע, און כאָטש דאָס זענען די איבערלעבענישן, די שפּירונגען, דער געמיטצושטאַנד מיט אַלע זײַנע זיגזאַגן און פּלאָנטערנישן — אייגנדיק אַליין און אויסשליסלעך פונעם דיכטער — קלינגט עס אָבער אויף ווי דער אויסדרוק נישט נאָר פונעם יחיד, נאָר בפירוש פונעם כּלל. דאָס איז אַ גרויסע מעלה. אין דעם בוך „פון אַלע ווײַטן" שפּירסטו גרײַלעך ווי עס קומט אויף דאָס בילד, לאַנדשאַפט און טיפּאַזש אויפן אָקס פון אונדזער צײַט, מיט די באַדרענגעניש, האָפענונגען, אַנטוישונגען און דערגרייכונגען פון אונדזער תקופה...

פאַראַן אין אַ סך פון זײַנע לידער, שוין אָפּגערעדט פון די לידער באַווירקטע פון די חורבן־יאָרן, ווי אין די ציקלען „פאַרפרוירענע שטערן", „פאַריתומטע מצבות" — אַ סך נאַטירלעכער, מענטשלעכער טרויער. ווי דען אַנדערש איז מעגלעך בײַ אַ דיכטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען? אָבער — ווי געזאָגט — עס איז גובר און עס באַזיגט זײַן אינערלעכער גלויבן, זײַן שאַפערישער אָפּטימיזם און זײַן אמונה אַז די וועלט וועט ווערן בעסער און שענער, כאָטש איצט, צו מאָל, „שווערט אויף דיר":

שווערט אויף דיר אַ שטיין
כאָטש ווערג זיך מיט געוויין.
ווערסטו ווי אַ שטיין און קוילערסט זיך אַליין —
אַ שטיין אַריבער שטיין — און לאָזט זיך ווײַטער גיין.

אַט דער און „לאָזט זיך ווײַטער גיין", טראָגן אַלע שוועריקייטן, געראַנגלעניש און ווידעראַנאַנדן איז אַ דינער אָבער אויסדריקלעכער מאָטיוו אין וואַלדמאַנס דיכטערישן שאַפן, דאָס איז אַ כּעין גײַסטיקע, אינטעלעקטועל־געזעלשאַפטלעכע מסקנה, נאָך אַלע דראַמאַטישע וואַנדערונגען, וואָס דער ייִדישער מענטש האָט דורכגעמאַכט. — שוין אין יאָר 1942, זײַענדיק אַ פּליט אין בוכאַראַ, בײַ די טרויעריקע באַדינגונגען פון אַ וויסטן „בעזשעניעץ", זינגט עס אין אים:

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, מיט נײַ־באַשאַפענעם תּפילה־געזאַנג,
מיט אבל־געזאַנג, מיט יתום־געזאַנג, לאָמיר גיין
איבערבעטן די פאַרטריבענע געטער — אין היילן —
און בעטן אויף גאולה.

וואַלדמאַנס לידער זענען באַהויכט מיט העל־טויִקן ליריזם, און אויב עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָלט איך זיך אײַנגעשטעלט צו זאָגן: מיט מאָדערנעם ליריזם, מחמת די קאָמפּאָזיציע פון זײַן ליד, זײַן נוסח און געבוי איז אַן אויסדריקלעך נײַער, אַ מאָדערנער, ווי דער קלימאַט פון צײַט וואָלט אויסגעווירקט נישט נאָר זײַן אינהאַלט, נאָר אויך זײַן אויסערלעכן לבוש, וואָלט גרײַלעך דיקטירט די עקספּרעסיע פון שפּראַך און דיכטערישן סטיל. אַפילו דאָס רעטאָרישע, דאָס זאָגערישע, וואָס איז דאָ און דאָרט בנימצא אין זײַן ליד, ווערט ווי אָבסאָרבירט, ווי אַקלימאַטיזירט אין דער אייגנדיק טאָניקער קאָמפּאָזיציע, ווו דאָס לשון איז געראָטן אויסגעבונדן מיטן תּוכן און ווירקט אויך אויס די דיכטערישע פאָרעם.

„פון אַלע ווײַטן" איז נישט נאָר אַ בוך מיט פאַרשידנאַרטיקן מאָטיוו. ער אַנטהאַלט אַ ריי דיכטערישע נײַקייטן, פּאָעטישע אויפטוען און פאַרמאָגט צו מאָל נאָוואַטאָרישן טאָן און בילד. אַוודאי, פאַראַן צווישן די עטלעכע הונדערט לידער, וואָס קומען אַרײַן אינעם בוך, גרונטיקע אונטערשיידן אין דער מדרגה און קוואַליטעט. דאָס איז נאַטירלעך פאַר אַ צונויפזאַמל, וואָס נעמט אַרײַן שאַפונגען פון פאַרשיידענע צײַטן, וועלכע זענען אויפגעקומען בײַ כּלערליי באַדינגונגען און אומשטענדן.

אָבער די לידער־ציקלען פֿאַרשאַפֿן בפירוש גײַסטיקן געגוס מיט דער פֿרישקייט פֿון וואָרט, מיט דער אַנדערשדיקער — איך וואָלט געזאָגט — קאָנטערוועיסאַלער ניגונדיקייט, וואָס עס גייט אויף פֿון זיי.

די פֿרומע ייִדעס וואַלדמאַנס האָבן געחלומט פֿון ארץ־ישׂראל, געשטרעבט און געבענקט צו ירושלים. און ער, דאָס אייניקל מיטן גרויען קאָפּ — אָבער מיט תמידיקער יוגנטלעכקייט און מיט אײַפֿעריקער פֿרישקייט — האָט עס זוכה געווען מקיים געווען. און ער האָט אויפֿגעשריבן אַ שיינעם ציקל ארץ־ישׂראל־לידער אונטערן נאָמען: „ציינד אָן אַ ליכטיקן פֿאַקל". זינגט ער דאָרט אין איינעם אַ ליד, צו כּל־נדרי תשל"ד:

אַזוי פֿיל נע ונדן איך האָב געגנע־ונדעט
אַזוי פֿיל קרומע וועגן געמוזט אויסמײַדן,
זענען ווונדן געבליבן פֿאַרפֿרעגגטע אין לײַב,
ביז כ'האָב דעם נס דערלעבט — קומען צו דײַן הייכקייט,
מײַן ברכה צו פֿאַרפֿלעכטן אין דער שעה פֿון קדושה.

„פֿון אַלע ווײַטן" איז אַ בוך וואָס דערמאָנט אין אַ היימישן, אַלטפֿאָלקישן מחזור, נאָר מיט נײַע הײַנטצײַטיקע פּיוטים.

קלמן סעגאַלס לעצט בוך

קלמן סעגאַל האָט געשריבן הן לידער, הן דערציילונגען. און די זאַמלונג לידער „געזעגענונג" איז דאָס פינפטע און לעצטע בוך, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן אין לאַנד. און כאָטש ער האָט געשאַפן אין ייִדיש, זענען דרײַ פון די פיר ביכער דערציילונגען אַרויס צו ערשט אין העברעיִש. איך ווייס ניט צי דאָס איז בכוונה. איך ווייס אָבער אַז ער ווערט גוט אויפגענומען פון העברעיִשן לייענער און אַז די העברעיִשע קריטיק האָט זיך גוט אָפּגערופן וועגן זײַנע שאַפונגען. אפשר דערפאַר ווײַל זײַנע דערציילונגען טראָגן אַלע מאָל ניט נאָר אַ טעמאַטישע נײַקייט, נאָר זיי זענען אויך נײַ און פריש אין זייער קאָמפּאָזיציע און נוסח. און עפּעס הויכט צו מאָל פון זיי אַזאַ שטילע, פאַרבאָרגענע פאַנטאַסטיק.

קלמן סעגאַל איז אָן ספק אַ שרײַבער מיט אַן אייגן פּנים, מיט אַן אייגן קול, און מיט אַן אייגנאַרטיקן באַנעם פון זאַכן און געשעענישן. און זײַן שאַפונג איז מאָדערן סײַ אין סטיל, סײַ אין איר שרײַבערישער מאָזאַיִק. איך מיין מאָדערן אין בעסטן זין. ער פאַרמאָגט אַ קאָלירפולע שפּראַך, אַ מעלאָדישן ריטעם, און אַפילו דאָס נעפּלדיקע, וואָס איז פאַראַן — גאָר אָפט — אין זײַנע דערציילונגען, האָט עפּעס אַן אייגענע לאָגיק און מאַכט נאָך מער טשיקאַווע און נאַראַטיוו זײַן פּראָזעסטיל.

אָט די לידער־זאַמלונג „געזעגענונג" איז אַן צווייפל פון די גרעסטנסטע און אינטערעסאַנטסטע לידערביכער, וואָס איז אַרויס פאַר דער לעצטער צײַט.

פאַראַן עטלעכע מאָטיוון אין דעם לידערבוך. פאַראַן דער מאָטיוו פון בענקשאַפט נאָך דער נעכטיקער ייִדישער היים, בענקשאַפט צו דעם פּייזאַזש און סביבה פון זײַנע יוגנט־יאָרן, פאַראַן דער עכאָ פון אונדזער הײַנטיקייט, און דער מאָטיוו פון מענטשלעכער איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט אין אונ־דזער צעדריוולטער וועלט. אָבער איבער אַלעם לויכט אַרויס אַזאַ שטילער, קלוגער, לויטערער אומעט, וואָס באַהויכט די לידער ווי אַ געבענטשטע טויִקייט, וואָס באַנערט די קאָלירפולע פעלדבלומען. און די קאָנסעקווענטע דיכטערישע מעדיטאַציע פון לידערישן תכלית. אין יאָר 1946 שרײַבט ער אַ ליד:

כ'האָב ווידער געזען מײַן אַלטע היים
מיט ווילדן ווײַן באַוואַקסן,
מיט זון באַשײַנט.
אין אַלע פענצטער זענען גאַנץ די שויבן
און אַלע שינדלען זענען דאָ אין דאַך,
ס'בליען געל און רויט די רויזן,
ס'וואַרקען ערגעץ מײַנע טויבן,
מײַנע טויבן אויפן דאַך,
נאָר ס'איז די שטוב פאַרמאַכט.

פשוטע, איינפאַכע שורות וואָס דעפינירן אין פלוג בלויז אַ זעונגס-געפיל, און דאָך גייט אויף פון דעם אַן אייגנטימלעך בילד. אָט איז די אַמאָליקע היים געבליבן גאַנץ, די זעלבע זון, די זעלבע פענצטער און שויבן און רויזן, נאָר די שטוב, די יידישע שטוב איז פאַרמאַכט. און ער פאַרענדיקט דאָס בילד מיט די פון מעמקים פאַראומערטע שורות:

און אין דעם פענצטער שטייט אַ ליך
און לאַכט פון מיר און פון מײַן טרויער.

פאַראַן אַ סך לידער אין דער זאַמלונג וואָס אָטעמען מיט טיף מענטשלעכן טרויער, און דאָך גייט אויף פון זיי אַזאַ חיותדיק-וויטאַלער לעבנס-באַגער. קלמן סעגאַל — ווי אַנדערע דיכטערס וואָס זענען דורכגעגאַנגען דעם וואָגל- און פּײַן-וועג אין די יאָרן פון אונדזער אומקום-דראַמע איז סענסיטיוו, פילבאַר פאַר די עוולות פון הײַנט, פאַר די צעקרימטקייטן און וויסטע פאַר-לויפעניש אין אונדזער צײַט. און מיר פילן עס אָפּ אין זײַן ליד, מיר פילן עס אָפּ אינעם געמיט פונעם ליד. ווי כאַראַקטעריסטיש עס זענען די צוויי שורות:

געמיינט אַז זיי גיבן מיר ברויט
און דאָס איז געווען אַ שטיין.

אַ באַזונדערן אײַנדרוק מאַכן זײַנע שטיל פּאָרטראַכטע, לירישע לידער. ס'איז, אַגב, מערקווירדיק: קלמן סעגאַל קלײַבט ניט צו קיין באַזונדערן לידער־לשון. אַלע ווערטער, אַלע אויסדרוקן זענען גוט און פּאַסיק. למען־האמת, אין דער קאָמפּאָזיציע פון זײַן ליד באַקומען זיי דיכטערישן אויסדרוק, און לירישן טעם און זיי ווערן אויסגעבונדן ווי אַ פּילפּאַרביקע מאָזאַיִק.

אַוודאי ווייס ער — ווי אַלע אויסגעפּרווטע ווייסן עס, אַז אַלץ איז שוין געווען און פאַרגאַנגען, אויך דאָס וואָרט און דאָס ליד איז געווען און געווען. און הגם דער אַלטער, שאַרפער הבל־הבלים־געפיל, וואָס איז אַזוי שכיח בײַ דענקענדיקע מענטשן — לאָזט ניט אָפּ. דאָך גלימערט אויף דער נאַטירלעכער לעבנס־כּוח, דער נאַטירלעכער שאַפונגס־ווילן. זאָגט ער אין זײַן ליד „די פּען":

וואָס באַך קאָן אויסטראַכטן די פּען\
אין דיכטערס ציטערנדיקע פינגער,\
ווען אַלץ איז שוין געווען, געווען\
און אַלץ באַוווינט און אַלץ איז שוין באַזונגען.\
אין ווערטער אויסגעדראָשענע און טרוקענע ווי היי\
איז יעדער אויפגאַנג פון דער זון און יעדע שקיעה,\
אַ יעדער בת־קול פון אַ דונער, יעדער ווייגעשריי\
און ליגנט וועגן אייביקייט און וועגן בליִונג.

אַוודאי זענען פאַראַן אַזעלכע שטימונגען בײַ יעדן מענטש, בפרט בײַ דיכטערס, בײַ קינסטלערס. אָבער נישקשה, אויך קלמן סעגאַל איז גובר אָט די געפילן, און זײַן פּען „טראַכט אויס", און ער שאַפט אויף נײַע טענער און שאַפט אויף נײַע לידער. און גרײַלעך פּאָעטישע, אינהאַלטספולע, שטי־מונגספולע לידער, ווי זיי זענען אויך דאָ אין אָט דער זאַמלונג „געזעגענונג".

1979

משה שקליאַרס לידער

„אין צווישן גרין״ הייסט דאָס לידערבוך פון משה שקליאַר, וואָס איז די אַכטע לידער־זאַמלונג פונעם דיכטער. פינף פון זיי זענען דערשינען אין פוילן נאָך דער באַפרייונג, ווו שקליאַר איז שרייבעריש געווען זייער טעטיק, און דריי זענען אַרויס אין ישׂראל, צווישן זיי אַ באַנד „שירים״ אין העברעיִשער איבערזעצונג פון חיים ראַבינזאָן.

זעט אויס, אַז עס איז אמת, ווי עס האָט ווער אַנומלט געזאָגט, אַז אַ ייִד פון פוילן בלייבט שטענדיק אַ ייִד פון פוילן, כאָטש לעבן קאָן ער שוין יאָר־צענדליקער אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַן אַנדער וואָר, ביי אַנדערע באַדינגונ־גען. איך וועל מיך חלילה ניט פּרווון דינגען אַז עס וועט ווער באַשטיין — און זאָגן — אַז דאָס זעלבע איז מן־הסתּם אויך חל אויף אָפּשטאַמיקע פון דער ליטע, פון אוקראַיִנע, פון גאַליציע אָדער פון רומעניע. דאָס אָרט און סביבה פון געבוירן, פון אויפגיין, פון די יוגנט־יאָרן, ווירקן משמעות אויס זייער איינפלוס און באַשטימונג.

כאָטש מיר ווייסן ווויל, וואָס פוילן איז אַלע יאָרן געווען, און עס וועט קיין מאָל נישט פאַרזינקען אין אונדזער געדעכעניש די דורותדיקע שׂינאה, וואָס עס האָט געגלימערט צום ייִד אין פּוילישן פאָלקס־באַוווסטזיין, און די אַנטי־ייִדישע מעשׂים וואָס די פּאָליאַקן האָבן אין אַלע צייטן אָנגעווענדט לגבי דעם ייִדישן ציבור, האָבן זיך אָבער איינגעקאַרבט, זיך אָפּגעזעצט, נישט צו פאַרווישן, די שפּורן וואָס ייִדיש־פוילן האָט אין אונדז איבערגעלאָזט: די קרעפטיקייט, די גייסטיקע חיותדיקייט, די וויטאַליטעט, וואָס אָפּשטאַמיקע פון דאָרט האָבן אין זיך איינגעזאַפּט און וואָס האָט דורותדיק גענערט, הגם די ווירקלעכקייט איז געווען אַ ביטערע. — אָט דאָס געפיל האָב איך געהאַט ביים לייענען די לידער פון משה שקליאַר „אין צווישן גרין״.

שקליאַר איז שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן אַ תּושב אין מדינת־קאַליפאָרניע, אין לאָס־אַנדזשעלעס. האָט ער דאָך שוין — לכל־הדעות — געדאַרפט ווייט אַוועק, געדאַרפט דיכטעריש אָפּטרעטן פון דער טעמע פוילן און זיך אַריינ־לעבן אין דער נייער ווירקלעכקייט, דערזען און אָפּפילן די סביבה און דעם פּייזאַזש פון איצט, אָפּטרעטן פון די מאָטיוון מיט וועלכע עס זענען פול זיינע

פרזערדיקע ביכער, די בילדער און שטימונגען, די מאָטיוון פון „רויִנען און רושטאַוואַניעס", „פאַרשפּעטיקטער פרילינג", „אין דמיון פאַרזיגלט". האָב איך אויפגעמאַכט דאָס איצטיקע בוך — „אין צווישן גרין" — און געלייענט אַזוי ליד נאָך ליד, און באַלד אויף די ערשטע זײַטן אָנגעטראָפן אַזעלכע פערזן, ווי בפירוש אָנגערעגטע פון קאַליפאָרניער לאַנדשאַפט, אַ שטייגער:

אַ ביימער מעכטיקע —
גיגאַנטן
מיט קרוינען פּראַכטיקע
ווי האַנט אין האַנט
פאַרפלאָכטענע
צום הימל אויסגעשטרעקטע טרעפ
איך שטיי פאַר אײַך —
אַ שרעטעלע
געקומען דאָ צו קלעטערן
פון ווײַטער הייל
מײַן שטאָט.

אָדער אַזאַ ליד ווי „אייגנס", אַ ליד פון פּנימיותדיקן פילן, באַגלייט פון אַ צעשפּליטערטן חשבון־הנפש. זאָגט ער:

איך אורטייל איצט נישט קיינעמען
נאָר זיך אַליין, אַליין,
ווײַל כ'האָב געלאָזט זיך אײַננעמען
דורך פרעמדע טראָפנס שײַן.

ווײַל כ'האָב געלאָזט זיך אײַנוויגן
פון פרעמדן ליד און קלאַנג,
און געטראָפן מיך דער ליגן
האָט ווי גאָטס געשאַנק.

פאַרגיב די בלינדקייט, טויבעניש,
און לאָז מיך נישט אַליין,
איך וויל איצט כאָטש אַ שטויבעלע —
נאָר אייגנס זאָל עס זיין.

טאַקע לייענענדיק ווייטער אַ קענטיקע צאָל, צו מאָל שטימונגפולע לידער, לידער פון נאַטור, פון אָרטיקער לאַנדשאַפט, — בין איך גוטה געווען צו מיינען אַז נאָך דעם ווי דער דיכטער איז דורכגעגאַנגען דעם פיינוועג פון די מלחמה־יאָרן, דעם יסורימדיקן נע ונד איבער די ווייטע שליאַכן פון ראַטן־פאַרבאַנד און שפּעטער די דערפאַרונגען ווען ער איז צוריקגעקומען אין באַפרייטן פוילן, מיט דער אויפגעוואַכטער האָפענונג, וואָס ער און אַנדערע זיינס גלייכן האָבן געכאָועט אין זיך — בויען אַ באַנייט יידיש־לעבן אויף דער מיט בלוט און אימה אָנגעזאַפּטער פוילישער ערד — און די האַרבע וואָר האָט זיי נישט נאָר גרויליק געטראָפן, נאָר די נייע מאַכט האָט זיי ממש פאַריאָגט, פאַרטריבן. ——— איז געווען צו גלייבן, אַז ער האָט זיך באַפרייט פון דעם דערדריקנדיקן קאָשמאַר, פון דעם בייזן חלום, וואָס האָט אים גרייצלעך באַגלייט, אַז די סביבה, דער טיפאַזש און פייזאַזש פון נייעם לאַנד, וועלן אים כולו באַווירקן, וועלן האָבן די איבערהאַנט.

אָבער ניין, פוילן לעבט אין אים אויך איצט, קומט אומאויפהערלעך צום אויסדרוק אין זיין שאַפן — אַט דער מאָטיוו איז בעצם ביז היינט אַן עיקר־אַקס אַרום וועלכער עס וויקלט זיך זיין טראַכטן, זיין שפּירונג, זיין זען און זיין פילן. דער עָבר, דער דראַמאַטיש־אַנגעלאָדענער נעכטן לאָזט קוים צו צו באַנעמען עטלעכע העלע שטראַלן־שפּליטערס פונעם היינט. אַזוי איז עס ניכּר אין אַ ריי לידער, ווי:

שוין לאַנג האָט דער שניי נישט געסקריפּעט מיר אונטער די טריט,
דעם אָטעם פון פראָסטיקן ווינט כ׳האָב לאַנג שוין פאַרגעסן,
פאַר וואָס זשע מיר דאַכט, אַז דער שניי אַלץ אַן אויפהער נאָך שיט,
אַזוי ווי אַ זייגער פון זאַמד, וואָס מעסט די מעת־לעתן?

פאַר וואָס זשע מיר דאַכט, אַז דער שניי מאַכט מיך ווײַס ווי אַ מת,
און עמעצער ווישט מיר פון שטערן די אַנגסטיקע טראָפּנס,
און מיך אַרט און איך וואַרט אומגעדולדיק, אַז עפּעס אַ נס
זאָל פאַרטרײַבן דעם מלאך דעם פאַלשן פון מײַן צוקאָפּנס.

איך וויס — ס׳איז אַ חלום, אַ חלום אַ בייזער, נישט מער,
נאָר איך קאָן זיך פון אים די אײַנזאַמע נעכט נישט באַפרײַען,
און יעדעס מאָל דאַכט מיר אויף ס׳נײַ, אַז איך פיל, אַז איך הער,
ווי דער שניי פאַלט און פאַלט און ער פּרוווט מיך פאַרשנייען.

ס׳איז באַדײַטונגפול די געדאַכטע, די אויסגעדאַכטע שליטה פונעם שניי וועלכן שקליאַר פילט אַזוי אונטער די בלוי־זוניקע הימלען פון קאַליפאָרניע.

משה שקליאַר שרײַבט קלאָרע, ריטמישע לידער, ער האָט אַ געפורעמטע דיכטערישע שפּראַך, אַפילו די וואָכעדיקע ווערטער, די טאָג־טעגלעכע פּשוטע אויסדרוקן ווערן ווי אויסגעבונדן און פאַרפלאָכטן אין אַ פּאָעטישן געוועב. אמת, דאָ און דאָרט קומען אויף, קלינגען אויף שורות ווי אַפישירנדיקע פאָרמולירונגען, כאָטש אויך זיי זענען ריטמיש און זיי גיסן זיך צונויף אין אַ געאָרדנטער לידערישער מאָזאַיִק.

מיר פילן אָפּ אין זײַן ליד אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר אינערלעכער מעלאָדישקייט. אַזוי וויס ער אויך ווי אָנצוכאַפּן אַ שטריך, אַ שטילן געפלאַטער, און ער וויס ווי צוצונייגן דאָס אויער און אָנצוצילן זײַן בליק אויף די אין פלוג קליינע פאַרלויפּענישן, אויף אַזעלכע קוים באַמערקיקע טראַפּן, וואָס הויערן אין אונדזער אַרום.

עס איז טשיקאַווע — און איך זאָג עס לשבח — און אינטערעסאַנט אָפּצופילן ווי נישט נאָר זײַן ליד איז באַלאַנסירט נאָר אויך זײַן געמיט, זײַן מחשבה, ווי זײַן שפּירונג איז קאָנטראָלירט און באַלאַנסירט. עפּעס ווי עס וואָלט פאַר אים שטענדיק געגאָלטן דאָס געבעט, ווי ער זאָגט עס אין זײַן קורץ ליד „אַ תפילה״:

לאָז מיך נישט פאַלן צו טיף
און לאָז מיך נישט שטײַגן צו הויך.
אויב זינקען איך װעל װי אַ שיף,
װאַרף מיר כאָטש צו בלויז אַ שטרוי.

און אויב איך װעל שטײַגן צו הויך,
פאַרהאַלט מיך אין מיטן געיעג,
גיב מיר דעם מוט און דעם כּוח
צו גיין מיט מײַן אײנזאַמען װעג,

צו בלײַבן אַזאַ װי איך בין,
נישט מער און נישט װיניקער װערט;
אַ בלום און אַ צװײַגעלע גרין
אויף מײַן פּיצל אײגענער ערד.

נאָך אַ מעלה האָבן שקליאַרס לידער. נישט נאָר רעדן זיי צו אונדז מיט ערלעכער, עכטער דורכגעלעבטקייט, נאָר מיר פילן אין זיי דעם קלאָרן אמת. אמת, פון דעם װאָס ער איז. אַ שטילער, אַ בעל־נסיון, אין װעמען עס גורטע־װעט דער אומעט פון דורכגעגאַנגענעם טרויעריקן נעכטן און דער אומרו פון אונדזער הײַנט.

אינעם בוך קומען אַרײַן עטלעכע װיזועל־װאַריקע ישׂראל־לידער: „די שטיינער פון קרית־שאול"; „די שטיינער די װײַסע פון קרית שאול אין חלום קומען מיר אַנטקעגן", און „אויפן װעג קיין בת־ים", און „מצדה" און עס שליסט דאָס לידערבוך „אין צװישן גרין" די פּאָעמע װאָס פאַרנעמט 37 זײַטן: „אַזוי זענען ייִדן געגאַנגען פון פּוילן", אַ פּאָעמע פון ייִדישן פּײַן, פון גבורה און מאַרטירערשאַפט. ייִדן זענען געגאַנגען פון פּוילן. ס'איז װאָר װי ער זאָגט: „זיי זענען נאָך אַלץ ביז צו זיך נישט דערגאַנגען". דאַכט זיך אַז אויך משה שקליאַר איז נאָך צו זיך נישט דערגאַנגען. אָבער דאָס לידערבוך „אין צװישן גרין" ברענגט פאַר אונדז אַ געטרײַען אָפּשפּיגל פון די שטימונגען, געדאַנקען און געפילן פון אַ באַגאַבטן הײַנטצײַטיקן דיכטער.

תהילים־געזאַנגען

יהושע לאַצמאַנס „תהילים־געזאַנגען" זענען געשריבן אין פאַרשידענע יאָרן. דאָס בוך איז אויסערלעך גאָר טעמיק און שיין אַרויסגעגעבן. נאָר פאַר וואָס דאָס בוך הייסט „תהילים־געזאַנגען" הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. אפשר איז דער דיכטער בלויז אויסן געווען צו אַקצענטירן דאָס וואָרט „תהילה" — דערהויבונג, פּראַכט און לויב? נו, דיכטונג אַליין איז דערהויבונג. און ער האָט עכטע און האַרציקע לידער יהושע לאַצמאַן. אויף די מאַרגינעסן פון דער הילע צו דעם בוך ווערט דערציילט וועגן אים אַזוי: „יהושע לאַצמאַנס נאָמען, ווי אַ נאָמען פון אַ יידישן דיכטער, איז אויפגעקומען אין יאָר 1929, ווען עס זענען אין דער קאָוונער צייטונג ,אידישע שטימע' אָפּגעדרוקט געוואָרן זיינע ערשטע סאָנעטן ,ווייסע יריעות'".

לאַצמאַן איז צווישןביידע וועלט־מלחמות געווען איינער פון די דיכטע־רישע ראָשי־המדברים אין די ליטעראַרישע אַלמאַנאַכן, וואָס זענען דערשינען אין קאָוונע. און מיט זיינע לידער און פּאָעמעס זענען געעפנט געוואָרן אַ סך העפטן פון די ליטעראַרישע שריפטן „שליאַכן", „בריקן", „בלעטער", „נייע בלעטער" און אַנדערע. אין 1940 איז דערשינען זיין ערשט לידערבוך — „לידער און פּאָעמעס". דער סימן־מובהק פון זיין יעדן ליד איז שטימונג, ראָמאַנטיק, פּאַרקאַפּטקייט פון עפּעס, עמאָציע, וואָס זוכט נישט קיין אָנהאַלט אין געדאַנק און וואָס ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין פאַרביטערטקייט און תוכחה.

אין די מלחמה־יאָרן איז לאַצמאַן געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין קאַזאַכ־סטאַן. אַ צייט איז ער געווען אין דער רויטער אַרמיי און געקעמפט אויפן פראָנט. צוריקגעקומען אַ קראַנקער און געלעבט עטלעכע יאָר אין אַלמאַ־אַטאַ. ביז צו זיין קומען אין ישראל האָט לאַצמאַן פון צייט צו צייט זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". עד־כאן די אינפאָרמאַציע וועגן אים.

דאָס בוך אַנטהאַלט דריי אָפּטיילן: „אַ ליד צום לעבן", „מיט אַ פאַר־טרויערט האַרץ" און „פּאָעמעס", ווו עס קומען אַריין לענגערע דיכטערישע שאַפונגען, ווי זיין גרעסערע פּאָעמע „זאַמעט", וואָס וועגן אירע שטעטלעך זאָגט ער:

אַ שטעטל אַזאַ אין דער ליטע, איז ליב מיר אַזוי ווי די מאַמע,
כאָטש זי איז שוין אַלט און דערציילט מיר פון אָדם־הראשון.

דאָס איז אַ דיכטעריש־עפּישע שילדערונג פון דעם אָפּגעמעקטן, דורות־דיקן ייִדישן שטעטל און עס גייט דאָ אויף אַ גאַלעריע פון טיפּן און מיר פילן אָפּ שטעטלשע פּאַרלויפּעניש, שטעטלשע וואָר און היים און מאַרק און ייִדן־הענדלערס, באַלמעלאָכעס און קרעמערס:

פון זיבן מלאָכות האָט איינע אין שטעטל חיונה געגעבן
און רעמע דער בויער האָט פריילעך געלעבט, זאַט, געזונט און צופרידן,
אַ סטאָליער געווען איז אַ ייִדישער פאַך, געמאַכט האָט אַ בלעכער אַ לעבן,
אַ גאָלדשמיד געווען איז די אידלסטע אַרבעט בכבודיק שיין פאַר אַ ייִדן.

געווען, געווען. אויסטערליש און טראַגיש איז אונדזער ייִדישע דאָליע. אַזוי און אַזאַ קומט זי אויך צום אויסדרוק אין די לידער און פּאָעמעס פון אָט דער לידער־זאַמלונג.

לאַצמאַן, ווי אַנדערע דיכטערס, מיט אַ שאַרפער און בולטער נטיה צו פאַרפיקסירן אין ליד דאָס ייִדיש־שטייגערישע, דאָס ייִדיש־פאַרגאַנגענע, פירט עס אַלע מאָל אַרויס, באַגלייט עס אַלע מאָל אין אַ נאַטירלעכן מי־נאָרן טאָן. כאָטש די פאָרעם פון זײַן ליד איז צו מאָל הײַטער און חדווהדיק. עס איז עפּעס עלעהיי אַ חסיד אַ דלפון אין זיבן פּאָלעס, מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע און צעקרימטע שטיוול, טאַנצט בימי־חג מיט אייפער און התלהבות אין רבינס קלויז. ——

דעם אומעט־טאָן פילט מען אָפּ בעיקר אין דער סעריע לידער מיט אַ „פאַרטרויערט האַרץ”. שוין אָפּגערעדט פון די לידער וואָס קומען אויף פון די טראַגישע, יסורימדיקע יאָרן, פון די נע ונד־יאָרן אין מלחמה־געווירבל, נאָר אַפילו פון די אַנדערע, פון די הימיש־שטייגערישע, ווייעט אָן מיט אַ טיפן עלנט און אומעט.

דעם פישער אין שיפל איז פינצטער און שווער
דער ים איז אין גאַנצן איין איינציקע טרער...

פון אַן אַנדער כאַראַקטער און שטימונג זענען די לידער פון דער ערשטער גרופּע, „אַ ליד צום לעבן", דאָ איז לאַצמאַן פריִער, קאָלירפולער און צו מאָל מעלאָדישער. כאָטש אויך דאָ איז ער נישט באַפרײַט אין גאַנצן פון אַ זאָגע־רישן נוסח, וואָס איז אַזוי בולט אין אַ צאָל פון זײַנע לידער און פּאָעמעס. די דאָזיקע זאָגערישקייט איז אפשר נישט קיין שטער אין דער אַנטוויקלונג און אַפילו אין דער גאַנצקייט פון ליד. זי רופט נאָר אַרויס בײַם לייענען אַ פאַרוווּנדערונג, ווען מען פּרוּווט פאַרגלײַכן צווישן ליד און ליד.

זײַנע לידער — און דאָס רוב זענען עס קורצע לידער — הייבן נישט אַרויס קיין בילדער און שאַפן נישט אויף קיין אימאַזשן, דערפאַר אָבער צייכענען זיי זיך אויס מיט גוט געפורעמטע שורות, מיט אַ גערעטענער, קערנדיקער שפּראַך, מיט אַ פײַנעם ריטעם און מיט אַ לידערישער אייגנ־דיקייט, וואָס זייער מקור איז די לאַנדשאַפט און דער טיפּאַזש פון אַמאָליקער ליטע. פון דאַנעט אויס טרעפן מיר אָן צו מאָל אַזעלכע צעהעלטע און צעזונגענע שורות, אַ שטייגער:

אַזאַ שׂימחה אויף די פעלדער, אַזאַ שמייכל אינעם קאָרן,
בנאמנות, כ'האָב פאַרגעסן הײַנט צו ציילן מײַנע יאָרן.
ס'האָט אַ האַרץ מיט העלן יום־טוב, דוכט, די גאַנצע וועלט באַצויגן,
קושט דער ווינט מיט הייסע ליפּן מיר דאָס פּנים און די אויגן.
שאָקלען זיך די צאַרטע בלעטער אַזוי ליב און אַזוי האַרציק,
נאָר נישט טראַכטן, נאָר נישט קלערן, אַז עס טרעפן צײַטן שוואַרצע.

אָט דער אוממיטלדיקער צעשטראַלטער טאָן דערמאָנט אַ ביסל אין דער נאַיִוו־פאָלקסטימלעכער שאַפונג פון אונדזערע ראשונים־דיכטערס. נאָר נישט קשה, אַפילו אַזוי, איז די לידער־זאַמלונג פון יהושע לאַצמאַן אינהאַלטספול און אינטערעסאַנט.

רחל בוימוואָלס „דריי העפטן"

„דרײַ העפטן", אַזוי הייסט טאַקע די לידער־זאַמלונג. אין פלוג אַ פשוטער אָבער אויך אַנלאָקנדיקער נאָמען פאַר אַ בוך.

בוימוואָל איז אונדז אָפּט מהנה מיט אירע לידערביכער, אָבער דאָס איצטיקע בוך איז טאַקע גאָר פּלאַי־פּלאַים. דרײַ לידערהעפטן, וואָס טעמאַטיש שפּרייטן זיי זיך איבער די שטחים אויף וועלכע די דיכטערין האָט געלעבט אין רוסלאַנד, און איצט אין דער נצחיותדיקער ירושלים, און זיי קומען סײַ פון אירע רײַפע דיכטערישע יאָרן, סײַ אויך פון יעמאָלט ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, ווען זי איז געווען אַ זעקס־יעריק מיידעלע און פאַרשריבן אירע לידלעך — ממש אַ וווּנדערקינד — אויף צעשאָטענע זײַטלעך פּאַפּיר, און איר האַרציקע מאַמע האָט זיי צונויפגענומען און פאַרהעפט און צוגעגעבן צו זיי דעם טיטל „ראָכעלעס לידער".

ווען מיר טאַקע צו ערשט אויף טשיקאַוועס הערן וואָס און ווי, אַ שטייגער, האָט „ראָכעלע", אָט די איצטיקע פּאָעטין רחל בוימוואָל, געדיכטעט מיט אַ קאַרגע זעכציק יאָר צוריק, אָט איז אַ ליד באַצירט מיט דרײַ שטערנדלעך און עס לייענט זיך אַזוי:

אין דער פרי איך כאַפּ זיך אויף
פול מיט פרישקייט, פול מיט כוח
און צום ערשטן זאָג גוט־מאָרגן!
קיינער דאַרף ניט טראַכטן, זאָרגן,
אַז מ'זעט ווי איך באַגיי זיך,
איך אַליין אַפילו פריי זיך!

משמעות, אַז רחל בוימוואָל באַציט זיך צו אָט די לידעלעך — מער ווי צו אַ קינדערישן אויפטו, אַניט וואָלט זי דאָך ניט אַרײַנגענומען און פאַראייביקט אָט דעם העפט מיט די 27 לידער — דערצו אין אַ פאַטאָסטאַטירטער פאָרעם — מיט דעם קינדערישן כתב, ווי ס'איז געשריבן, און מיט די אילוסטראַציע־פאַרצייכענונגען צו די לידער, וואָס זי האָט מיט איר קינדער־

רישער פֿאַנטאַזיע אויפֿגעמאָלן. קען זײַן אַז זי איז טאַקע גערעכט. ווער ווייס? אפֿשר זענען אָט די לידער וואָס זי האָט געשריבן אין עלטער פֿון 6 ביז 13 יאָר אַ שליסל — ווי זאָגט מען עס — אַ שליסל צו דער דערקענטעניש פֿון דעם שאַפֿערישן וועג און די רײַפֿע דיכטונגען? אין פֿלוג זעט עס טאַקע אויס פּרעטענציעז־גדלותדיק, אָבער ערגעץ ווו, דאַכט זיך מיר, האָט עס דאָך אַ תּוכיקן זין. שוין מיט דעם אַליין וואָס ביז הײַנט, זײַענדיק אַ קרעפּטיקע, שלימותדיקע — אַפֿילו אין איר שאַפֿערישן אומרו שלימותדיקע דיכטערין — שרײַבט זי און ברענגט אַרויס בעיקר אירע פֿערזענלעכע שפּירונגען, פֿילן מיר אין איר ליד דעם צאַפּל פֿון אירע שטימונגען און דאָס יחידיש־אינטימע אין דעם הויך פֿון אַרום — אַזוי איר טראַכטן, איר רעאַגירן, און אַזוי אויך איר אויפֿנעמען דעם ווירוואַר פֿון צײַט און סביבה. און איבער אַלץ הויערט די דיכטערישע באַשטימונג:

מײַנע מאָרגנדיקע לידער
האַלטן הײַנט מיך אויף בײַם לעבן,
מאָנען נאָך אַ מאָל און ווידער
איך זאָל זיך ניט אונטערגעבן,
נעמען פֿאַלן אויף מיר שטיינער —
נאָר עס טרעפֿט אין מיר קיין איינער!

אַגבֿ, מיט אַ ליד פֿון אָט דער ספֿערע עפֿנט זיך דאָס בוך. און כאָטש איך בין ניט קיין אָנהענגער פֿון די לידער וואָס זייער תּוכן איז וועגן לידער, וועגן פּאָעזיע און וועגן דיכטערישן „רוח־הקודש", וויל איך דאָס ליד דווקא ציטירן, ווײַל עס איז געדאַנקלעך און טעמיק און שיין:

פֿון זיצן און שטייַן,
פֿון ליגן און גייַן
קאָן מען דאָך ווערן מיד!
זיץ איך און שרײַב אַ ליד,
גיי איך און שרײַב אַ ליד.

ליג איך און שרײַב אַ ליד.
און די אָנגעשריבענע לידער
גיבן מיר כּוח ווידער
צו זיצן און שטיין,
צו ליגן און גיין
און צו טאָן די אַלע זאַכן,
וואָס מיר ווילט זיך זיי ניט מאַכן...

איך וויס ניט צי רחל בוימוואָל שרײַבט מיט לײַכטקייט אירע לידער, אָדער ווי זי זאָגט וועגן אַ דיכטער: „ער שלײַפט טאָג־טעגלעך פון באַגינען". ווי עס זאָל ניט זײַן, לייענען זיך אירע לידער מיט גוט־טאָניקער צעוויגטקייט, מיט איידעלער ריטמישקייט, און מיט אינערלעכער מעלאָדישקייט. אמת, זי איז ניט קיין באַרג־קלעטערין און קיין פעלדזן־רײַסערין, איר ליד פאַרמאָגט אָבער געדאַנקלעכקייט און גוטן בילדערישן אויסדרוק. כאָטש קיין אויסנעמלעך דיכטערישע בילדער שאַפט זי ניט, לאָזט איר ליד גרײַלעך אַלע מאָל עפּעס נאָכצופּילן, ווי זי וואָלט פאַרזייט אַ קערן וואָס מען דאַרף אים פּילעווען און אויפהיטן. מעגלעך אַז דאָס קומט אויך פון איר באַזונדערן אייגנדיקן נוסח. ס'איז נוסח־ליד, וואָס אַנטהאַלט אַ סך עפּיגראַמישעס און צו מאָל, דאָ און דאָרט, אַפאָריסטישן זאָג (שרײַבט זי דאָך טאַקע רחל בוימוואָל פאָלקסטימלעך־בריהדיקע עפּיגראַמען און אַפאָריזמען).

אַ סך פון די לידער אין די „דרײַ העפטן" האָבן דעם בײַטאָן און בײַקלאַנג פון משלים, נאָר אָן דער צוגעשפּיצטקייט צום מוסר־השׂכּל און אָן דער פּוענטע פונעם טראַדיציאָנעלן דיכטערישן משל, נאָר אַ פּיקחותדיקייט און ראַפינירטקייט און אַ שפּראַכלעכע געשליפנקייט שײַנט דאָ אויף מיט מענטשלעכן און פּרוויזשן חן און מיט באַדאַכטער וואַרײַרטער מחשבה.

איך האָב דערמאָנט אַז רחל בוימוואָל שרײַבט אויך עפּיגראַמען, אַפאָריזמען, וויל איך דאָ ברענגען כאָטש עטלעכע פון זיי:

„זאָרגן וועגן דער מענטשהייט — זאָגט זי — הייסט נאָך ניט זאָרגן וועגן אַ מענטשן."

„אַ קלוגער ווייסט ווי עס דאַרף זײַן, און אַ חכם ווייסט ווי עס פּאַסירט."

„דער מענטש געדענקט גוט, וואָס ער דאַרף פאַרגעסן."

„איר זאָלט דער דינער הויט ניט גלויבן. ס'קאָן טרעפן אַז זי איז בלויז אויבן; און אונטן, מיאוס ווי דער טויט, קאָן דווקא זײַן אַ גראָבע הויט."

„אָן מבינים עקזיסטירן ניט קיין ווערטן."

די איצטיקע לידער־זאַמלונג רחל בוימוואָלס, „דרײַ העפטן", איז טאַקע אַ ווערטיקער בײַטראָג צו איר לידערישן, דיכטערישן באַשטאַנד.

לידער פון אַ דיכטער אין באר־שבע

פול איז אונדזער ייִדיש־לשון און ייִדיש־שאַפן מיט נסים. אַ שטייגער, ווער פון אונדז דאָ, האָט מיט יאָרן צוריק, ווען ס'איז אַזוי האַרב געווען די מערכה פון ייִדיש אין ארץ־ישראל — געקאָנט חלומען, אַז אין דער שטאָט האַרט בײַם מידבר — אין באר־שבע — וועלן זיך ישראלדיקע קינדער לערנען ייִדיש. און עטלעכע ייִדישע שרײַבערס וועלן — ווי זאָגט מען עס — אויפשלאָגן דאָרט זייער געצעלט? הײַנט הערן מיר ווי אַ גרופּע געטרײַע, איבערגעגעבענע טוערס אין באר־שבע האָבן זיך געראַנגלט און זיך דערשלאָגן אַז אין עטלעכע דאָרטיקע שולן זענען פאַראַן קלאַסן פאַרן ייִדיש־לימוד און פון באר־שבע דערגייט אַ בולעטין געדרוקט אין ייִדיש־לשון, און אַ שהחיינו דאַרף מען איצט מאַכן איבער אַ בוך, וועמענס מחבר לעבט און שאַפט טאָקע דאָרט, אין דער שטאָט פון די „זיבן ברינעמער". ———

זלמן האַלצבערג איז אַ תושב אין באר־שבע פון זינט ער איז געקומען אין לאַנד מיט אַכט יאָר צוריק. דאָ, אין דער לעבעדיקער הויפּטשטאָט פון נגב, געפינט ער אַפילו וועגן, וואָס פירן אים צו מאָל צוריק צו זײַן געבוירן־שטאָט אין דער ליטע, און בײַזאַמען פון דעם הייסן צעהיצטן טאָג דאָ און פון דעם פאַרטליעטן, גרוי־פאַרכמורעטן הימל פון דאָרט שאַפט ער אויף זײַן ליד. איצט האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן ערשט לידערבוך „טראָפּנס פון מײַנע שויבן". דאַכט זיך, אַז אין נאָמען פונעם בוך ליגט מער די מהותדיקע אַקצענטירונג אויפן דאָרט, מחמת ווי קומען דווקא טראָפּנס אויף זײַנע שויבן אין דעם טרוקענעם און הייס־ווינטיקן קלימאַט פון באר־שבע? אָבער, זעט אויס, האַלצבערג איז דאָ משמעות אויסן די טראָפּנס פון זײַנע אינערלעכע שויבן. די שויבן דורך וועלכע ער זעט און וועלכע רעגן אים אָן צו שרײַבן לידער.

אָט האָט ער דאָך אין יאָר 1957, זייענדיק נאָך אין ווילנע, געשריבן אין זײַן ליד „יזכור" מיט דעם וויטיק און פּײַן אויף דעם אומקום פון זײַנע נאָענטע:

נאָר דער ווינט פון נאָענטן מיזרח
האָט געבראַכט געגרוסן מיר,

אַז מײַן אַלטע גוטע הײם הײַנט
האָט געעפֿנט ברײט איר טיר,
אירע זונען, אירע שטראַלן,
אירע צאַרטע, מילדע רײד,
אירע פֿעלדער העל צעבליטע
אין אַ װײַסן חופּה־קלײד —
דאָס איז מײַנע, דאָס איז מײַנע,
כאָטש ס'איז הײַנט נאָך װײַט אַזױ.

װאָס אַן אמת, דערמאָנען די שורות אַ ביסל די „הימאָטס־קלאַנגען" פֿון לײב יאָפֿע אָדער גאָר די ציון־לידער פֿון אליקום צונזער. איז אָבער גאָר קײן ספֿק ניט אַז די זענען אַן אױסדרוק פֿון עכטער איבערלעבונג — אַן אָנבליק פֿון אַ צעחורבטער װעלט.

די זאַמלונג „טראָפּנס פֿון מײַנע שױבן" עפֿנט זיך מיט אַ ציקל נגבֿ־מאָטיװן, געשריבענע שױן דאָ אין לאַנד. אַכט לידער װאָס אָטעמען מיט דעם קלימאַט און אַטמאָספֿער פֿון די װײַט־נאָענטע פֿלײנען פֿון נגבֿ. דאָ איז שױן דער פֿערז פֿאַרביקער און אַפֿילו פֿאַרטיפֿטער. געװיס האָט דער צוזאַמענטרעף און די אידענטיפֿיקאַציע מיטן באָדן, מיט דעם פּײזאַזש און סבֿיבֿה געהאַט זײַן השפּעה, זײַן אױסװירקונג. איז טאַקע דאָס ליד אָן אַן ערך רײַפֿער און פֿאַרטראַכטער, און הגם אױך דאָ זענען די שורות לײַכט, זענען זײ אָבער בילדעריש און עכט:

אָנגעטאָן אין שמאַטעס
דרײען זיך די װאָלקנס
איבערן מאַרק,
װײַבלעך פֿאַרקױפֿן
ציבעלעס און קנאָבל, נענה
און בלומען אױך;
די געלט אין זײערע הענט,
װי אַלטע ירושות,

וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט צו קומען,
די טאַטעס — מיט פּנימער פון מלכים
באַטן אַן מאַראַנצן, הינער און שפּעסן,
און וואָלקנס — אַנגעטאָנענע אין שמאַטעס,
וואָס דרייען זיך איבערן אַלטן מאַרק.

אויף די ראַנדן פון דער הילע צום בוך ווערט בקיצור איבערגעגעבן די ביאָגראַפיע פון זלמן האַלצבערג. דערוויסן מיר זיך פון איר אַז האַלצבערג איז געווען אין קאָוונער געטאָ, איז טעטיק געווען אין גרינדן די אַנטיהיטלער־ריסטישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, געווען אַ פּאַרטיזאַן און נאָך דער באַפרײַונג פון ווילנע אַוועק פרײַוויליק אין דער אַרמיי און געקעמפט ביז ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. נאָך דער מלחמה האָט ער געלעבט אין ווילנע און פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין דאָרטיקן אוניווער־סיטעט. וואָס נאָך דערוויסן מיר זיך? — אַז „ער האָט געדרוקט לידער נאָך אין די גימנאַזיסטישע יאָרן". אַ ווערדיקע ביאָגראַפיע פון אַ מענטש. און שרײַבן לידער אין די גימנאַזיסטישע יאָרן איז אַוודאי נישט קיין חטא. נישט מער, מען דאַרף זיך אויסהיטן (בכל־האופנים), עס זאָלן זיך ניט אַרײַנ־רײַסן קיין גימנאַזיסטישע לידער אין די רײַפע יאָרן. דאָ און דאָרט קומען זיי יאָ און שפּילן זיך און פאַרשפּילן זיך ווי שרעטעלעך אין האַלצבערגס „טראַפּנס פון מײַנע שויבן". ניחא, מיר ווילן עס אים אַלע מוחל זײַן, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין דער זאַמלונג זענען פאַראַן געראָטענע לידער, גוטע און עכט דיכטערישע סטראָפעס, אַ שטייגער:

אַרום אַזוי פיל מענטשן...
אין טאָג־טעגלעכקייט פאַרזונקענע,
דערטרונקענע,
זיי זעען ניט דעם דורשטיקן אַרום,
די שקיעה פונעם הימל,
פון דער ערד, פון זיך אַליין.

אָדער:

איך קוק אין דײַנע אויגן, קינד,
און אויפֿן האַרצן איז מיר שווער,
ווײַל ריין און קינדיש, ווי בײַ דיר,
וועלן ניט זײַן שוין מײַנע מער,

אָדער, אַ שטייגער:
עס לויפֿט די צײַט,
און פֿליִען אַוועק די יאָרן
פֿון מײַן פּנים און הענט,
ווי טראָפּנס פֿון מײַנע שויבן.

פֿאַראַן אין האַלצבערגס לידער אינטערעסאַנטע, טשיקאַווע אויפֿבליצן, אַפֿאָריסטישע שורות וואָס פֿאַרמאָגן דעם חן פֿון נאַיִוויטעט, און זיי געפֿעלן מיט זייער שטימונגפֿולער פֿרישקייט, עלעהיי אַ פֿאַרטאָגענער, אַ פֿאַרהאָרע־וועטער מענטש פֿון שטאָט דערזעט אַ מאָל אין פֿעלד אַ זונאויפֿגאַנג.

1980

✶

זלמן האָלצבערגן, דעם ערשטן ייִדישן דיכטער אין באר־שבע, איז ניט באַשערט געווען צו באַזינגען די ווײַט־נאָענטע פֿליינען פֿונעם נגב, ער איז געשטאָרבן קורץ נאָכן אַרויסגעבן זײַן ערשטן בוך.

„אין שטענדיקן צאַפּל" פון חנה שאַליט

חנה שאַליט איז אַ ווייניק באַקאַנטער נאָמען אין דער יידישער דיכטונג, כאָטש פון צייַט צו צייַט דרוקן זיך אירע לידער אין צייַטונגען און זשורנאַלן. איצט איז דערשינען איר ערשטלינגבוך (ס'איז עפּעס אַזוי אויסטערליש און רייצנדיק־טעמיק, צו זאָגן הייַנט ערשטלינגבוך, ווו נעמט מען די שרייַבערס, וואָס טראָגן נאָך ערשט אויס דעם ערשטלינג?).

דאָס בוך הייסט „אין שטענדיקן צאַפּל", און ווי זאָגט מען עס אויפן אָנגענומענעם לשון — כשמו כן הוא, אָדער איך וואָלט נאָך צוגעגעבן כשמו, — כן היא. ווי „אין שטענדיקן צאַפּל" זענען ניט נאָר אירע לידער, נאָר אויך זי אַליין, די דיכטערין. איך האָב זי געטראָפן, חנה שאַליטן, עטלעכע מאָל, און יעדעס מאָל איז זי געווען ווי אין געפלאַטער. אַן אומרו:קע, אַ באַרוישטע, אין צאַפּל פון שטימונג און געפיל, אין צאַפּל פון וואָרט און אויסדרוק. אַפילו אין איר וואָרעמער היים האָט זי געפיבערט מיט אומרו און צווייפל.

צווייפל בייַ אַ דיכטער איז אָן ספק אַ גוטע, קאָנסטרוקטיווע מידה, בפרט אין די אָנהייבן, ווען עס פאַרמירט זיך די ערשטע דיכטערישע מי.

די אַרויסגעבערס פון דער לידער־זאַמלונג (פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"), שרייַבן אין דער קורצער הקדמה: „די לידער פון אָט דער זאַמלונג וואָס זענען שאַרשנדיק־שטיל ווי אַ תּפילה, און בלוי־גרוי ווי אַן ערב־טאָג, טראָגן דעם חותם סייַ פון איר אָרעמער קינדשאַפט און מורדישער יוגנטצייַט אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן, סייַ פון דער אָקופּאַציע־ און דעפּאָרטאַציע־תּקופה אין פראַנקרייַך און סייַ פון דעם צוריקאויפקום פון אַ יידיש־לעבן אין אייראָפּע, איינצייַטיק מיטן נס פונעם אויפקום פון דער יידישער זעלבשטענדיקער מדינה". ס'איז וואָר — אָט די מאָטיוון און לידער אויף די טעמעס פון דער אַמאָליקער היים, פייַנפולע נסיונות און ווידער־אויפקום, און צעפיבערטע געזאַנגען צו ישׂראל זענען דער אַקס אויף וועלכער עס קומען אויף און וויברירן אירע שטימונגען, אירע טראַכטעניש און געפילן. אַ מאָל איז עס אַרויסגעבראַכט מיט דיכטערישער פולאָטעמדיקייט, און אַ מאָל — זאָל אַזוי ניט טרעפן ווי עס טרעפט — צעטראַמפּלט זיך ערגעץ ווו דער טאָן און

די ווערטער צעפליסן זיך, — צעפליען זיך ווי טויבן פון שטײַג. נו, קיין חידוש ניט, חנה שאַליט איז דאָך „אין שטענדיקן צאַפּל", איז איר משמעות שווער זיך אַן עצה צו געבן מיט דער אינערלעכער פאָרמאַציע און קאָנסטרוקציע פון ליד, און מיט דעם וואָס הייסט פּאָעטישע געאָרדנטקייט. נאָר ווער ווייס? אפשר גראָד אַזוי, אָט מיט דער, צו מאָל שרײַבערישער אומבאַהאָלפנקייט, ווירקן זיך אויס אירע לידער מיט זייער אוממיטלדיקער איבערלעבונג, מיט ריזלדיקער שטימונג, און דורך דעם אייגנטימלעך ניט־געזיפּטן וואָרט פילן מיר גרײַלעך אָפּ די אינערלעכע רעפלעקסן — ווי אָפּבליצן פון רויזן־ערשטפעלד. אַפילו די מאָס פון תמימות, וואָס עס איז פאַראַן אין אירע לידער — און די פוצן זיך אָפּט און צירן זיך אָפּט אין אומגייטיקן ראַפּינירטן לבוש — טראָגן אַ באַזונדערן חן פון אַנהייבערישן דיכטערישן גאָב. נאָר זי ווייס שוין, חנה שאַליט, אַז:

ס'קאָן זײַן אַז מײַן חלום האָט מער נישט קיין זין,
וואָרעם אַזוי פיל וויזיעס שוין געפּלאַצט,
ווי טײַכן אויסגערונען.
זענען מיר בלויז געבליבן די הימלען אַזעלכע בלאָע.
ווײַל דעם סוד פון זייער אָנהייב
האָט נאָך קיינער נישט געפונען.

איך האָב מיט אַ כּיוון געבראַכט אָט די שורות, ווײַל זיי זענען אָן ספק גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר חנה שאַליטס באַנעם. מיר פילן סײַ די אַנטוישונג און געטראָפנקייט, וואָס דאָס לעבן האָט איר צוגעשטעלט, אַזוי „אַז איר חלום האָט מער ניט קיין זין", וואָרעם די וויזיעס האָבן געפּלאַצט. אָבער דאָך האַלט זי אויף די האָפענונג און פלעגט דעם אינערלעכן גלויבן, מחמת די הימלען זענען דאָך אַזעלכע בלאָע. אָט די זיגזאַגישע שטימונגען קענטיקן זיך אויס אין אַ צאָל לידער פון „אין שטענדיקן צאַפּל" (אַגב, דאַכט זיך, אַז געראָטענער וואָלט געווען אָנצורופן ציטער אַנשטאָט „צאַפּל"). זי איז דורכגעגאַנגען זינט איר קינדהייט שווערע, פּײַנפולע מאָמענטן, וואָס האָבן זיך אויסגעווירקט אויף איר געמיט און גורם געווען צו דעם תּמידיקן ציטער

און נשמה־פּלאָטער. שוין אין איר ערשטן ליד, וואָס מאַכט אויף דאָס בוך, זאָגט זי: „אין שײַער פון מײַן לעבן ליגן פון שינאה צעביסענע מעת־לעתן" און זי רעכנט אויס אין דעם ליד אַל דאָס בײז וואָס זי האָט צוגעזען אין אירע יוגנט־יאָרן, בעת צעיושעטע מיליטערישע באַנדעס זענען באַפאַלן ייִדן. צוויי צענדליק יאָר שפּעטער קומען ווידער ביטערע איבערלעבענישן, פינצטערע מלחמה־יאָרן, רדיפות, פאַרשיקונג, נויט און הונגער און אימה און קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אין פראַנקרײַך. נאָך דער באַפרײַונג האָבן זיך אָט די איבער־לעבונגען ווי אָפּגעזעצט אין איר, זיך אײַנגעקריצט און באַגלייטן זי אָן אויפהער, באַגלייטן איר טראַכטן און פילן:

דורך מײַנע מוח־שויבן
איך קוק מיט אַנגסט און באַדויער
ווי גורל —
שטייט אַן עלנטער אין טויער.
דערנאָך —
אויף וויגע־פּלייצעס עס פאַרטראָגט אים,
אויף פעלדזן־שאַרפן,
אין מידבר־היכן
אַראָפּ און אַרויף.

„אַראָפּ און אַרויף", אַזעלכע זענען אויך אירע פּלאָטערנדיקע, אומרויִקע פערזן וואָס טראָגן דעם יאָך פון צײַט, וואָס איז פאַרלאָפן, און פונעם הײַנט מיט זײַנע ווידעראַנאַנדן און האָפענונגען.

אינעם בוך קומען אויך אַרײַן עטלעכע ישׂראל־לידער וואָס זענען פון אַ באַזונדערער עמאָציאָנעלער אָנשטימונג, און אין „לחיים דיר, ירושלים" דערפילן מיר דעם הייס־אָטעמדיקן וואָרט פון בענקשאַפט און באַגער:

ירושלים,
מײַן מאַמע האָט איר חלום אין מיר פאַרזייט,

צעבליט ער זיך איצט ווײַט אַריבער מיר,
מיט דיר, שטאָט מײַנע,
מיט די נײַן מאָס שיינקייט דײַנע,
איך אײַל, איך שפּאַציר.

איבער די צענדליקער לידער פונעם בוך הערן מיר אַרויס דעם טראָט איבער אַלערליי וועגן און שטעגן. איז גוט צו פילן איר גאַנג צו ירושלים.

1980

שמעון קאַנץ — „פּח פון אות"

וואָלט אונדזער יידישע ליטעראַטור און קולטור־מערכה געווען אַן אַנ־דערע, ההיינו, טאַקע אַ בעסערע, און וואָלט דער יידיש־לייענער געווען מער פאַרבונדן און געהאַט מער אינטערעס פאַר דעם שאַפערישן צווייג פון עסייִס־טיק און ליטעראַטור־קריטיק, וואָלט דאָס בוך פון שמעון קאַנץ „פּח פון אות" געהאַט ניט נאָר אַ ברייטן אָפּקלאַנג, ווי אַט דאָס בוך פאַרדינט, נאָר דער יידישער לייענער וואָלט אַ סך געוואָסן פון אים, געלערנט סוגיות פון ליטע־ראַטור־אויסטייטש און דערקענט צו מאָל פרישע שליאַכן אויף די פעלדער פון וואָרטשאַפונג — —

ביי 70 גרעסערע און קלענערע אַרבעטן קומען אַריין אינעם בוך. אָבער ס'איז כדאי צו באַמערקן אַז אַפילו די אָפּהאַנדלונגען וואָס אַנטהאַלטן בלויז איין־צוויי זייטן האָבן אַן אינערלעכן שווונג און עסייִסטישע פאָרעם, און בעיקר קריטישע געדאַנקלעכקייט, אַז זיי שטייען מיט גאָרניט אָפּ פון די גרעסערע אַרבעטן. פאַרקערט, זייער קאָנדענסירטקייט און סטיליסטישע גע־פורעמטקייט איז גאָר גורם אַז זיי קאָרבן זיך איין און ווערן ווי פאַרפרעגט אין לייענערישן זכרון.

אַגב, איך נעם אָן אַז שמעון קאַנץ, וואָס געהער צו די שרייבער־עסייִסטן פון היינט, האָט בכוונהדיק און באַוווסטזיניק צוגעקליבן דאָס צימצומדיקע גערעם. ניט נאָר דערפאַר ווייל אין אַ קלענערער רעם קומט אויף בולטער און מאַניפעסטירנדיקער דאָס תוכיקע בילד, נאָר אויך דערפאַר ווייל ער פילט געוויס אָפּ און ער ווייס אַז אויך דער ליטעראַטור־קריטישער און עסייִסטישער נוסח דאַרף אויפנעמען און געדיינען די פאָרמען פון אונדזער צייט, גריילען דעם גייסטיקן קלימאַט פון אונדזער צייט, דאָס גוטע וואָס די היינטצייטיקע, מאָדערנע ליטעראַטור און וואָרטשעפערישקייט טיגלט אויס אין דעם ווירוואַר און אין דעם אומרו פון אונדזער תקופה — —

זיינע עסייען אָטעמען טאַקע מיט היינטצייטיקייט ניט נאָר אין זייער אויסטייטש און קריטישן פירוש, זיי זענען מאָדערן אין זייער קאָמפּאָזיציע און שרייבערישן ריטעם.

לכאורה זעט אויס די זאַמלונג עסייען אַ ביסל קשהדיק, שייך דעם צונויפשטעל, כאָטש די אַרבעטן זענען איינגעטיילט אין באַזונדערע גרופּעס: פּאָעזיע, פּראָזע, העברעיִשע ליטעראַטור און „פון דער איראָפּעיִשער ליטעראַטור״, דאָך בלייבט אַ סימן־שאלה: ווי זשע שיקט זיך עס, וואָס אָט קומט אַ גוט פאַרטראַכטער, קאָנדעסירטער עסיי וועגן יהודה הלוי, באַלד נאָך דעם וועגן רמב״ם, און אַ פּאָר זייטן פריִער, עטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן העברעיִשע שרייבערס, וואָס ראַנגלען זיך נאָך נעבעך פאַר אַ שמץ אָנזען און פאַר אַ כזית פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור.

אָבער נישקשה. קאָן זיין אַז שמעון קאַנץ איז גערעכט. פאַר וואָס ניט? וואָס איז דאָ דער חטא אַז בשכנות מיטן רמב״ם און יהודה הלוי זאָל אויך קומען אַן אָפּשאַצונג וועגן אַ דערציילער וואָס איז נושא־חן ביי אים? אַגב, דאָס זעלבע טרעפן מיר אויך וואָס שייך דער ייִדישער ליטעראַטור. צווייטנס, און דאָס איז, דאַכט זיך מיר, די עיקר־סיבה, — קאַנץ, ווי אַלע אַנדערע מחברים, האָט געוואָלט אַריינגעמען אין בוך אַלץ אָדער כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן במשך יאָרן. איז עס ניט נאָר לעגיטים, נאָר אויך פאַרשטענדלעך, ווען מיר נעמען נאָך אין אַכט מיט וויפל מי און שוועריקייטן ס׳איז פאַרבונדן דאָס אַרויסגעבן היינט אַ בוך.

פאַראַן אין דער זאַמלונג אַ ריי פאַרנעמיקע, יסודותדיקע אָפּהאַנדלונגען, ווו קאַנץ ברענגט אַרויס און באַהאַנדלט סיי דעם תּוכיק־פּאָעטישן עלעמענט, דעם היסטאָרישן, דעם סאָציאַלן און דעם עסטעטישן, אַזוי וועגן דעם שאַפן פון אַברהם סוצקעווער, איציק מאַנגער, הירש אָשעראָוויטש, יצחק יאַנאַסאָוויטש, יעקב פרידמאַן און אַ ריי אַנדערע דיכטערס, וועלכע ער האָט באַגלייט מיט זיין וואָרט און מפרש געווען זייערע ווערק. און ער פאַרענדיקט דעם אָפּטייל וועגן פּאָעטן און פּאָעזיע מיט אַ קורצער פאַרצייכענונג וועגן היינטיקע הײנע. זאָגט ער דאָרט צום סוף: „זעלבסטפּייניקונג, ווייטיק און חוזק, באַוווסטזיניקע איראָניע און פּרווו צו קאָנסטרויִרן די האַרמאָניע פון זיין אייגענער וועלט — דאָס איז געווען היינעס גרויסע לעבנס־ליביע. אַלץ וואָס איז דורך אים אויסגעזונגען און אויסגעוויטיקט געוואָרן האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון דער דערשיטערנדיק־טראַגישער אינטימיטעט, איז אויך היינט פריש און צאַפּלדיק, לעבט, ווירקט און לערנט...״

ס'איז טרעפלעך און שיין געזאָגט. שמעון קאַנץ שרײַבט בכלל אין אַ שיינעם, געהויבענעם לשון, דערצו איז ער בפירוש מײַסטעריש אין דער פאָרמאַציע פון זײַן פליסיקן, וויברירנדיקן לשון און גלײַכמעסיקן עסייִסטישן סטיל. נו, מיט אַ ביסל מליצה זינדיקן מיר דאָך אַלע, ס'איז עלעהיי דאָס דריבנע ביסל צוקער צו דעם מאכל, וואָס הייסט ליטעראַרישער נוסח. — — קאַנץ אידעאַליזירט אָפט מאָל זײַנע אייגענע פאָרמולירונגען ניט דערפאַר ווײַל ער קען ניט די גײַסטיקעווירקלעכקייט, ער קען זי, נאָר משמעות ווײַל ער באַגערט עס אַזוי און שטרעבט עס אַזוי צו זען ווי עס „לעבט, ווירקט און לערנט" — אמת, אָן אַ ביסל רעאַלן, צי אויסגעחלומטן גלויבן בײַם שאַפערישן מענטש, וואָלט דאָך שוין באמת געווען גאָר סומנע, גאָר טרויעריק. עס וואָלט דאָך שוין געווען עק וועלט. — — —

אַ ריי אינטערעסאַנטע אַרבעטן האָט שמעון קאַנץ געבראַכט אין דעם אָפּטייל „פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור", באַזונדערס אין דעם ציקל „ביאָגראַפיעס פון גאונים", ווי זיי קומען בעיקר אין די אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען. דאָ באַהאַנדלט ער אַ צאָל ווערק, וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן מאַרק טוועין, וועגן דעם מאָלער זשאַן רענואַר, וועגן סאָמערסעט מאָהאַם, וועגן אַנדרע מאַלראָ, וועגן סימאָן דע באָוואַר און סאַרטער און וועגן עטלעכע אַנדערע גדולים אין דער ליטעראַטור און קונסט. קאַנץ ווײַזט דאָ אַרויס ניט נאָר אַ ראַיעלע קענטשאַפט אין דעם לעבנסוועג און אין דער שאַפערישער אַקטיוויטעט פון דער מאָנאָגראַפירטער געשטאַלט, נאָר עס קענטיקט זיך אויס זײַן סאָלידע ערודיציע אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור אויף אירע שטחים און ווענדונגען, אירע איבערבראָכן, זיגזאַגן, קאָנפליקטן און אַנ־טוויקלונגען.

מיט רעכט רופט אָן קאַנץ זײַנע אָפּשאַצונגען און ליטעראַרישע עקס־קורסיעס — עסייען. מחמת אין די אַלע באַטראַכטונגען און קריטישע אַרבעטן וועבט ער אַרײַן אייגנדיקע מחשבות. גאָר אָפט זעט עס אויס ווי דאָס באַ־האַנדלטע ווערק אָדער דער שאַפער איז בלויז ווי אַ מיטל, אַ הילף צו דער „פראָדוקציע" פון שרײַבערישער געדאַנקלעכקייט.

איך האָב מיך באַזונדערס באַאײַנדרוקט פון זײַנע אָפּהאַנדלונגען איבער די ווערק וועגן גאַנדי (אַגב: גאַנדי באַדאַרף מען שרײַבן מיט אַ ה' —

גאַנדהי, אַזוי האָט עס אַ מאָל פאַרלאַנגט ער אַליין, דער אינדישער מנהיג), וועגן מאַרק טווען, זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן מאַרטין בובער, וועגן ייִדן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ייִדן אין גאָרקיס ווערק, הגם מיט אַ ריי מיי־נונגען קען מען, פאַרשטייט זיך, מחולק זײַן (אַ שטייגער, זײַן געפּלעפּטקייט פון דעם דעמאָנישן דואַליזם בײַ מאַרק טווען, אַ זאַך, וואָס אַלע ווייסן שוין, אַז דאָס איז ניט זעלטן בנימצא בײַ גאונישע נאַטורן), איז דאָס אַ בוך, וואָס לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס.

שמעון קאַנץ האָט טאַקע מיטן „כּח פון אות" אויפגעשאַפן אַ וואָגיקן ליטעראַטור־קריטישן יש...

הערץ גראָסבאַרד

נאָך יאָרצענדליקער וואַנדערן איבער אַל די ייִדישע ייִשובים איז ער געקומען לעבן דעם לעבן פון ישׂראל. קיין ספק ניט, במשך די יאָרן פון זײַן דאָ־זײַן האָט ער בפירוש רײַכער און פאַרביקער געמאַכט די קולטור־מערכה אין לאַנד.

ס׳איז אַלע מאָל גוט אָפּצופילן ווי אָט דער איינציקאַרטיקער מײַסטער הייבט אויף אויף די פליגלען פון זײַן אָריגינעלער בינעקונסט דאָס ייִדישע וואָרט, דאָס ייִדישע ליד, די מעשׂה און לעגענדע צו הייכן פון נײַ־פּירזאָרגע־רישער אומנות, צו קינסטלערישן אויסדרוק, וואָס נאָר ער איז עס ביכולת.

פאַראַן עפּעס תּפילהדיקס אין זײַן רעציטאַציע־נוסח, ווי ער וואָלט ניט פאַרגעלייענט, ניט רעציטירט פאַר הונדערטער און הונדערטער צוהערערס, נאָר ווי ער וואָלט, פון זיך אַרויס, גערעדט צו אַ יחיד, זיך געוואָנדן צום יחיד, צו זײַן געמיט און נשמה. ווי דען אַנדערש קאָן זײַן אַזאַ אויסוווירקונג ? אַזאַ דבקות און אוממיטלדיקע אָנשטימונג ?

ווי יעדע מקורותדיקע, עכטע קונסט פון וועלכער עס קאָנען געניסן מאַסן, איז די קונסט פון הערץ גראָסבאַרד, זײַן רעציטאַציע־שטייגער — די קונסט וואָס רעדט אויף די אינטימסטע און לויטערסטע טענער. מיט מעלאָדישער צעשטראַלונג, מיט דער קרעפטיקייט פון טאָנירן און באַקליידן דאָס וואָרט, אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז בילד און מיין, געשטאַלט און וויזיע, וויקלט ער אויף די יריעות פון דער ייִדישער דיכטונג און פּראָזע.

אין אַ שמועס האָט מיר אַנומלט הערץ גראָסבאַרד געפּרוווט אויפקלערן — אויף וויפל עס לאָזט זיך דערקלערן — זײַן באַנעם, זײַן אויפפאַס פון פירברענגען ליטעראַטור. ער האָט געזאָגט : קען דען נאָך זײַן פּרעציזער געשריבן, ווי עס זענען פאַרטיטורעס פון אַ מוזיקאַלישער שאַפונג ? און דאָך, וויפל אַ דיריגענט איז מסוגל אַרײַנטײַטשן, מפרש זײַן צווישן און אין די שורות בײַם אויפפירן און אינטערפּרעטירן אַ קאָמפּאָזיציע. אָדער נעמט, אַ שטייגער, דרײַ מאָלערס, אַלע דרײַ מאָלן איין און דעם זעלבן פּייזאַזש, נו, איז קיין איינס פון די בילדער ניט גלײַך איינער צום אַנדערן. פאַר וואָס ?

ווײַל יעדער קינסטלער פּילט אַ אויף זײַן אופן דאָס געזעענע, באַנעמט אַנדערש, טײַטשט אויס אַנדערש. — —

אין גראָסבאַרדס רעציטאַציעס פּילסטו אַ ניט נאָר זײַן ליבע צו ליטע־ראַטור, נאָר ווי ער וואָלט געוואָרן אַ מיטשותּף צו דער שאַפונג. מחמת אַ דערהויבענע עבודה זעט ער אין זײַן פירברענגען ליטעראַטור. עלעהיי, ווי אַ שליחות איז אים פאַרטרויט געוואָרן די קונסט פון וואָרט פאַרן ייִדישן מענטש. אים האָבן געהערט — און הערן אויך הײַנט — צו מאָל אַזעלכע, צו וועמען דאָס ייִדישע ליד איז פריִער קוים דערגאַנגען. גראָסבאַרד האָט זיי דערנענטערט, זיי מקרב געווען צו פּרקים ייִדישע ליטעראַטור. זיי האָבן מיט אַ מאָל דערשפּירט, דערפילט אַ נײַעם קלאַנג, דערזען די פאַרביקע שיינקייט און דעם פאַרנעם פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

י.ל. פּרץ און קולבאַק, ה. לייוויק און משה נאַדיר, משה לייב האַלפּערן און מאַנגער, יהואש און שלום־עליכם האָבן באַרײַכערט, האָבן שפּעדיק גע־מאַכט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, אויסגעברייטערט די פּאָעטישע ראַם און דאָס נאַראַטיווע פון דער ייִדישער פּראָזעקונסט.

הערץ גראָסבאַרד האָט מיט זעלטענער שוישפּילערישער קראַפט אַרויס־געבראַכט די מאָטיוון און די גענעזע פון ייִדישער דיכטונג, דעם ניגון פון פאָלקישער פרייד און איר מענטשלעכע עצבות, די חדווה פון דערגרייכונג און דעם אומעט, דעם אומעט וואָס פאַרטיפט און מאַכט צו מאָל שעפעריש. —

ס'איז דאַכט זיך שווער צו קאָנקרעטיזירן און אָנווײַזן אין וואָס און ווו ליגט דאָס באַזונדערע פון גראָסבאַרדס רעציטאַציע־קונסט? צי אין זײַן געצוימטן, אײַנגעהאַלטענעם באַוועג, אין זײַן אינערלעכן ריטעם? אין דער שטים־מאָדולירונג? אין דער קלאָרער, לויטערער דיקציע? אין דער אייגנ־דיקער מעלאָדישקייט? ס'איז אַלץ.

יעדער ליד וואָס ער ברענגט פאַר אונדז, יעדע מעשה און משל, וואָס ער לייענט, איז ווי אַן אָפּשפּליטער פון אַ דראַמע. אַ דראַמע וואָס ער אַליין שפּילט מיט פּנימיותדיקן פלאַטער, מיט אייגנטימלעכער וואַרעמקייט און צאַרטקייט.

אַלע די וואָס האָבן במשך פון יאָרן געהערט גראָסבאַרדן, דערמאָנען זיך געוויס — צו מאָל נאָך פון זײַנע ערשטע אויפטריטן — די ווונדערלעכע

אויספירונגען פון לוצקיס „אַ חתונה״, פּרצעס „מאָניש״, שלום־עליכמס „דער נס פון הושענא רבה״, אליעזר שטיינבאַרגס „דער חלף און די זעג״, ווי עס זענען אויפגעגאַנגען דורך גראָסבאַרדן די געשטאַלטן און פיזיאַזשן, די שטי־מונגען און באַגערן, דער פאַרטײַטער, פערלדיקער הומאָר און די האַרציקע אַלטפאָלקישע תמימות. — —

דער באַרימטער אַקטיאָר און טעאַטראַל אַברהם מאָרעווסקי האָט אַ מאָל געזאָגט וועגן גראָסבאַרדן: „ער איז אין דער גליקלעכער לאַגע צו קענען מעלדן: טעאַטער דאָס בין איך״.

גראָסבאַרד האָט אונדז ניט נאָר געוויזן און ווײַזט אונדז ריינעם, דער־הויבענעם טעאַטער, נאָר ער האָט מיט זײַנע שעפערישע אויפטריטן, מער ווי ווער, געלערנט אויך אויפצובורענען דרך־ארץ און ליבשאַפט צו ליטע־ראַטור, צום קינסטלערישן וואָרט, פאַרערונג פאַר אונדזער יידישן קולטור־גוטס. — —

אליעזר שטיינבאַרג, דער וווּנדערלעכער דיכטער און משלים־שרײַבער, וועמענס משלים ער האָט דער ערשטער מקורותדיק אויסגעטײַטשט און געבראַכט אויף דער בינע — האָט געזאָגט וועגן גראָסבאַרדן:

די קראַפט, וואָס אין יידישן וואָרט איז פאַרזיגלט —
דעם חן, וואָס אין יידישן פערז איז פאַרריגלט,
די טרער וואָס אין יידישן שמייכל זיך שפּיגלט,
באַקומסטו אַרויס מיטן שם וואָס באַפליגלט.

אַזאַ איז ער געווען הערץ גראָסבאַרד, ווען ער האָט זיך באַוויזן מיט העכער אַ יובל יאָרן אויף דער יידישער בינע, און אַזאַ איז ער, מיט צוגאָב פון גלײַכער אַנלאָדונג, פון שײנעם עלטער און שאַפערישן נסיון, און מיט דער באַרײַכערונג פון זײַן גאַנג אין ישראל — אויך הײַנט.

*

ס׳איז איצט געוואָרן פערציק יאָר ווי עס איז אַוועק משה נאַדיר. מען דערמאָנט אים קוים. און געווען איז ער אַ גרויס שטראַלנדיק ליכט אין

דער הײנטצײטיקער שאַפונג. אַ חסד של אמת האָט געטאָן אין זײַן זכר דער מײַסטער־רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד וואָס האָט געבראַכט אויך משה נאַדירס אַפאָריזמען, פּאַראַדאָקסן, שאַפונגען פאַר טויזנטער און טויזנטער ייִדישע מענטשן בכל תפוצות־ישׂראל. ער האָט צו דער דרײַסיקסטער יאָרצײַט אונדז מהנה געווען מיט אַן אײנציקאַרטיק בוך: „נאַדיריזמען". אַן אויסערסט געראָטענער אָפּקלײַב פון משה נאַדירס אַפאָריזמען, פּאַראַדאָקסן, ווערטער־שפּיל און פּאָעטישער פּראָזע.

ער איז אוועק אַזוי פלוצעמדיק משה נאַדיר, אַלט זײַענדיק קוים 58 יאָר. טריב און טרויעריק איז אים דעמאָלט געווען. און די וועלט איז דעמאָלט אַזאַ געווען. אַלע שײנע פייזאַשן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין וויסטע, ווילדע דזשונגלען.

נאַדיר איז געשטאָרבן ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די איוב־בשׂורות פון דאָרט. פון די דורותדיקע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, אויך פון דעם, וואָס עס איז געשען מיט זײַן גאַליצישן שטעטל נאַראַיעוו.

אַ בר־מיצווה־ייִנגל איז ער געווען ווען דער טאַטע האָט אים אַריבערגע־בראַכט מיט די אַנדערע בני־בית קיין ניו־יאָרק. האָט ער אַלע יאָרן געלעבט און געשאַפן און זיך געראַנגלט אין אַמעריקע. אָבער נאַראַיעוו, זײַן געבוירן־שטעטל נאַראַיעוו, איז געבליבן אין זײַן האַרץ, האָט אים באַגלייט אויף אַלע זײַנע גרויסשטאָטישע שליאַכן. — —

ער איז געווען פון די אָריגינעלסטע און אינטערעסאַנטסטע שרײַבערס, און געשריבן האָט ער אין אַלע פאָרמען און אין אַלע זשאַנערס. געשריבן לידער און דראַמעס, דערציילונגען און אַרטיקלען, הומאָרעסקעס און טעאַטער־רעצענזיעס. אַ בריהדיקער שרײַבער. האָט זײַן פּיקחותדיק, געשליפן וואָרט, ווי די מײַסטערשאַפט פון זײַן סטיל, אַזוי וווּנדערלעך געווירקט און גערייצט, באַווירקט אַפילו די וואָס האָבן קוים פאַרטראָגן זײַן באַשטענדיקע ווידער־אַנאַנדיקייט, זײַן גערזאַגטקייט און פאַררעסענעם גאַנג.

אַזוי טאַקע, מיט זײַן אויסנעמלעכער פּיקחות, מיט זײַן שאַרף אָנגע־שפּיצטער פעדער האָט ער לרוב געטראָפן אין פּינטל אַרײַן. אָט, אַ שטייגער, ווי ער ענטפערט אַן אָנפאַנגער־ליטעראַט:

„איר זאָגט, אַז דאָס וואָס איר באַשרײַבט אין אײַער עסקיז האָט מיט

איך אַליין פֿאַסירט? אויב אַזוי, מײַן ליבער פֿרײַנד, האָט מיט אײַך פֿאַסירט אַ ליגן!" און משה נאַדיר האָט ווי יעדער אמתער, עכטער קינסטלער אַ לעבן אַרומגעזוכט דעם אמת און זיך געראַנגלט — פֿאַר זײַן אמת. ניט וויניק אומפֿרײַנד האָט ער זיך דעריבער אײַנגעשאַפֿט...

הערץ גראָסבאַרדס קענטשאַפֿט, זײַן געשמאַק, זײַן געפֿיל און קינסט־לערישע אינטויציע זענען דאָ געגאַנגען בײַנאַנד, סײַ אין דעם אויסוואַל, סײַ אין דעם צונויפֿשטעל און אויסשטעל פֿון די ציקלען, ווי ער האָט זיי גרופּירט: „טינט און פֿעדער", „פֿון מענטש צו מענטש", „אין ווילדן ווערטער־וואַלד", „פֿון נעכטן ביז מאָרגן", „קרוינשטאָט פֿון מײַן לעבן" און „ממעמקים".

שוין די טעמעס פֿון די ציקלען זאָגן אָן זייער אינהאַלט, זייער געמיט און מהות, אין וועלכע משה נאַדירס גאָר אָפֿטע טראַציקע מחשבות און פּאַראַדאָקסאַלע אמתן בינדן זיך אויס מיט זײַן אייגנטימלעכן האַרציקן לשון, ווי זײַן דיכטערישע רוקייט רופֿט זיך איבער מיט זײַן דרײַסטן, קעמפֿערישן אַרויסרוף, און זײַן צעפֿלאַטערט וואָרט איז געפֿורעמט אַזוי ריטמיש און ניגונדיק.

1984

דער מוזיקער שאָול בערעזאָווסקי

עס איז געוואָרן פינף יאָר ווי ס'איז אַוועק פון אונדז איינער וואָס האָט בײַגעטראָגן און באַרײַכערט אונדזער קולטור־שעפערישקייט, אונדזער קולטור־אוצר, דער מוזיקער שאָול בערעזאָווסקי. צווישן דער באַדײַטנדיקער צאָל קאָמפּאָזיטאָרן וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק געשאַפן אין פאַרשידענע לענדער, ווי העגעך קאָן אין פוילן, שפּעטער אין פּאַריז און אין ניו־יאָרק, און נאָך פריִער יוסף רומשינסקי און שלום סעקונדע אין אַמעריקע, און יאַמפּאָלסקי אין רוסלאַנד, און אַ ריי אַנדערע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרן וואָס האָבן געשאַפן פאַרביקע, וואַרעמע מעלאָדיעס פאַר דער יידישער בינע, האָט דער אין יענער צײַט יונגער שאָול בערעזאָווסקי פאַרכאַפּט דאָס געמיט מיט זײַן שיינער, פאָלקסטימלעכער מעלאָדישקייט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַלע מאָל גוטע, עכטע טראַדיציאָנעלע טענער, בײַנאַנד מיט נײַע, הײַנטצײַטיקע אויפקלאַנגען און ריטמען. — עס איז געווען ווי אַ געראָטענער מיזוג פון נעכטיקן, אַלטפאָלקישן, מיט הײַנטצײַטיקן, פרישן און מאָדערנעם.

ער איז געווען נישט נאָר אַ באַגאַבטער מוזיקער, שאָול בערעזאָווסקי, וואָס האָט בשמהדיק זיך אײַנגעלעבט אינעם טעקסט צו וועלכן ער האָט געשאַפן מוזיק, נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערלעכן חוש און ראַפינירטן געשמאַק און פאַרשטאַנען און באַנומען שורות ליד, שורות פּאָעזיע. זענען אים נאָנט געווען די לידער פון פרצן און פון מאַנגערן און פון בראָדערזאָנען און פון אַ ריי דיכטערס וואָס לעבן אין ישראל.

דער ישׂראלדיקער פייזאַזש און קלימאַט, דער ישׂראלדיקער אַרום האָט אים באַאײַנפלוסט, באַווירקט און אָנגערעגט. עס האָט אויפגעקלונגען אין זײַן ליד מיט דער העלקייט פון ישׂראלדיקן פרילינג, מיט דעם עכאָ פון נאַציאָנאַלן אויפקום און מיט דעם פאַרמעסט פון בוי און פון שאַפונג.

שאָול בערעזאָווסקי האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס געזאַנג און מוזיק איז געווען איר לעבנסוועג. זײַן טאַטע איז געווען אַ ייד אַ מנגן, געווען דיריגענט אין דער גראָדנער שטאָטשול. אין דעם לידערבוך, וואָס איז דערשינען אין אָנדענק פון שאָול בערעזאָווסקי צו דער ערשטער יאָרצײַט,

און ווי עס קומט אַרײַן אַ גרויסע צאָל פון זײַנע וואָקאַלישע שאַפונגען, דערציילט אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש אין דעם אַרײַנפּיר עטלעכע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם אויפגײי פונעם יונגן שאָול בערעזאָווסקי.

און זײַן אָנהייב איז געווען אַזוי: „דער כאָר־דיריגענט פון דער גראָדנער שטאָטשול רב שרגא־פײַוול בערעזאָווסקי האָט זיך איין מאָל דערפילט זייער שלעכט נאָך דער תּפֿילה פון קבלת־שבת. ער איז קוים געקומען אַהיים. מען האָט גערופן דעם דאָקטער ליפּניק, וואָס איז געווען אַ מומחה אויף אַלע מחלות און ער האָט אָנגעזאָגט מיט האַרבן וואָרט דעם חולה צו ליגן אין בעט. — — פון גרויס פאַרצווייפלונג האָט פײַוול בערעזאָווסקי באַשלאָסן, אַז זײַן מיזיניק שאָול — שאָלקע, ווי מען האָט אים גערופן אין דער היים — זאָל פירן דעם כאָר. — —

דער צען־יאָריקער שאָלקע האָט טאַקע געקענט אויף אויסנווייניק אַלע קאָמפּאָזיציעס, אָבער צו דיריזשירן איז עס נאָך געווען ווײַט. פון דעסטוועגן האָט דער כאָר זיך אונטערגעגעבן שאָלקעס צײַטווײַליקער הערשאַפט און אַלץ איז געגאַנגען כּשורה. אָבער עפּעס אַ מכשול איז דאָך אונטערגעקומען, אינעם רויש פון די דאַוונערס האָט ער נישט דערהערט דעם וויבריר פון קאַמערטאָן און נישט געקאָנט געבן דעם ריכטיקן טאָן די גרופּעס כאָריסטן. אָבער דער צען־יאָריקער דיריזשאָר האָט זיך נישט פאַרלוירן און געפונען די ריכטיקע תּחבולות, און אַרויפגעפירט דעם כאָר אויפן גלײַכן וועג.״

דער סוף איז געווען אַזאַ, אַז נאָכן דאַוונען האָט אים צוגערופן דער חזן הערשמאַן און געזאָגט: „דו קליינער ווערוריק, אַז דו האָסט זיך נישט פאַר־לוירן אין אַזאַ רגע, וועסטו שוין נעבעך בלײַבן בײַ דער פּרנסה״.

קלינגט עס צו מאָל ווי אַ מעשׂהלע. אָבער עס איז וואָר. דאָס איז געווען דער דעביוט פון שאָול בערעזאָווסקי ווי אַ דיריגענט, ווי אַ מוזיקער.

איבער פופציק יאָר האָט ער געשפּילט, דיריגירט, אָרגאַניזירט כאָרן און געשאַפן מוזיק. מיט אייפער און מיט דער איבערגעגעבנקייט פון אַן עכטן קינסטלערישן מענטש האָט ער געלעבט און געאָטעמט מיט מוזיק, מיט געזאַנג. אויך ער האָט גרײַלעך געמיינט, אַז נגינה וועט פאַרמירן, וועט אויסשטאַלטיקן אַ בעסערע, אַ שענערע וועלט.

בערעזאָווסקי איז אָבער דורכגעגאַנגען ניט־ווייניק פּײַן און צער אין די

יאָרן פֿון צוויטן וועלטקריג. כאָטש אין דער ערשטער צײַט איז ער דאָך געווען באַשעפֿטיקט בײַם טעאַטער און געשאַפֿן אַ גרויסע צאָל מעלאָדיעס צו לידער און אויך גרעסערע קאָמפּאָזיציעס.

נאָך דער מלחמה, נאָך דער באַפֿרײַונג איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן און ער האָט, ווי אַלע רעפּאַטריאַנטן און שארית־הפּליטה־ייִדן, דערזען די חורבֿות, דערזען די פֿאַרטיליקונג פֿון אַ דורותדיקן ייִדישן לעבן. כאָטש זיי האָבן עס שוין פֿון פֿריִער געוווּסט און אָפּגעפֿילט, איז דער צונויפֿטרעף מיט דער טראַגישער וואָר געווען דער טיפֿסטער אויפֿטרייסל.

עטלעכע יאָר איז ער געווען טעטיק אין פּוילן, ווידער אָנגעפֿירט מיט כאָרן, דיריזשירט און אָנגעפֿירט מיט געזאַנג־אַנסאַמבלען. דער אומרו האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. אין יאָר 1957 פֿאַרלאָזט ער פּוילן און איז עולה קיין ישׂראל צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי. און כאָטש ווי בײַ יעדער גײַסטיק־שעפֿערישן מענטש איז דאָס אַקלימאַטיזירן זיך נישט אָנגעקומען לײַכט, האָט ער אָבער דערפֿילט אייגנס, דערפֿילט אַז דאָס זענען זײַנע ייִדן און זײַן סבֿיבֿה.

ער איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק 67 יאָר.

גאָר קיין ספֿק נישט, זײַנע מוזיקאַלישע שאַפֿונגען, זײַנע מעלאָדיעס וועלן בלײַבן אין אונדזער גײַסטיקן פֿאַרמעג, אָט די שאַפֿונגען פֿונעם געראַטענעם מוזיקער און פֿײַנעם אידעלן מענטש — שאול בערעזאָווסקי.

1981

געשפּילט אַ לעבן

אינעם „דאַנקוואָרט" פון פּסחקע בורשטיין צום שלוס פון בוך, נאָך דעם ווי ער דאַנקט אָפּ אַ ריי פּערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס, און דעם קאָמיטעט וואָס האָט געהאָלפן אַרויסגעבן דעם בוך, די משפּחה־מיטגלידער, זײַנע קינדער און זײַן פרוי ליליאַן לוקס — וואָס איר טראָגט ער צו דעם האַרציקסטן דאַנק, מחמת — „אָן וועמענס אינספּיראַציע און הילף עס וואָלט אין גאַנצן קיין בוך נישט געווען", זאָגט ער: „און אַחרון, אַחרון מײַן געטרײַ פּובליקום, מײַנע פאַרערערס במשך 65 יאָר".

הער אַ מעשה. איך האָב געלייענט דאָס בוך פון אָנהייב ביזן סוף, נאָכגעגאַנגען פּסחקע בורשטיינס אַל די נסיונות און וואַנדערונגען, ערשט ווי דאָ וואָלט איך מיר געכאַפּט — אַז עס רעדט זיך וועגן אַ טעאַטער־עקסקורסיע פון גאַנצע 65 יאָר, כּמעט צווי דורות יידיש טעאַטער־לעבן.

און געווען זענען עס דאָך אויך יאָרן פון אויפגיי, ווען אין יידישן טעאַטער האָבן געשטראָמט מאַסן פון אַלע שיכטן און קלאַסן, ווען יידיש־טעאַטער האָט געלעבט און זיך אַנטוויקלט איבער אַלע לענדער און ישובים. דעמאָלט האָבן יידישע אַקטיאָרן געגרייכט און אויפגעשטעלט טעאַטער־געצעלטן, ווו נאָר ס'האָט געדײַעט אַ קיבוץ יידן. בינע־מײַסטערס, שויִ־שפּילערס, טעאַטער־מענטשן האָבן אין יענער צײַט „געבערענט אַ וועלט". ס'האָט דאַן געלעבט אַ פאַרביקע, אַ רײַכע גאַלעריע פון אַקטיאָרן, שוישפּילערס פון כלערליי שטופעס און פון אַלערליי זשאַנערס. פּסחקע בורשטיין האָט דאָ געהאַט זײַן פּלאַץ און פּאָזיציע, ווי אײנער פון די סטאַרן, וואָס האָבן מיט חנעוודיקער פאָלקסטימלעכקייט אויפגעפירט פּיעסעס, אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס און געשפּילט אין זיי די הויפּטראָלעס. ווי דען אַנדערש? אַז די בינע איז דאָס חיות פון זײַנע יונגלשע יאָרן אָן. און ער איז געבענטשט מיט אַקטיאָרישער קראַפט, ער איז זינגעוודיק און טאַנצעוודיק, ער קען די בינע — און וואָס אַרום דער בינע — און דעם עולם קען ער ווי זײַנע אייגענע רירעוודיקע פינגער. ער איז אַ מאַדים צוצוטרעפן ווען עס איז אים סומנע, דעם פּובליקום זײַנעם, און ווען מ'דאַרף אים אַזוי אַ טרייסל טאָן, ער זאָל לאַכן און לאַכן מיטן פולן האַרץ. — —

יאָרצענדליקער איז פּסחקע בורשטיין איינער פון די פּאָפּולערסטע שוי־שפּילערס. יאָרצענדליקער איז ער איינער פון די איסגערופנסטע אַקטיאָרן, וואָס האָט אַמוזירט דעם עולם מיט אַלע זײַנע אָנגעשפּיצטע טעאַטראַלע באַגאַבונגען.

פון אַלעם דעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, איבערגעלעבט, געחלומט און געוויטיקט, געטרוימט און רעאַליזירט, דערציילט ער אין זײַן בוך וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען אונטערן נאָמען: „געשפּילט אַ לעבן".

ס'איז אַן אַקטיוו און שאַפעריש לעבן. פּסחקע בורשטיין איז בפועל־ממש אויסגעפאָרן אַ וועלט און אומעטום געבראַכט טעאַטער, אָרגאַניזירט אַנ־סאַמבלען, געבויט, געבאַנט וועגן... און אַז עס האָט זיך צעפאַלן — איז ער ניט געפאַלן בײַ זיך, נאָר האָט אָנגעהויבן פון דאָס נײַ. זעט אויס, אַז אַזוי און אַזאַ איז די מערכה פון אַ צענטראַלן טעאַטער־מענטש, אַט איז ער אויפן סאַמע שפּיץ פון דער דערפאָלג־פּיראַמידע, דער עולם פאַרערט אים, וואַרט אויף זײַנע פאַרשטעלונגען. עס שטראַלט מיט הצלחה, ס'איז אַ הצלחה אַ מאַראַלישע און אַ פינאַנסיעלע, נאָר גאָר אַזוי פּלוצעם פאַלט אײַן דער בנין.

פּסחקע בורשטיין שילדערט עס און דערציילט וועגן דעם הן מיט זײַן אייגנטימלעכן טעמפּעראַמענט, הן מיט דער רויִקייט פון איינעם, וואָס ווייס אַז אַנדערש קאָן עס גאָרניט זײַן. אָבער נישקשה, פּסחקע בורשטיין האָט אַלע מאָל געוווּסט ווי אײַנצושפּאַנען זײַן בטחון, און ער איז טאַקע לרוב געווען אַ דערפאָלג. אַ געמאַכטער מענטש...

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ קאַפּיטל וואָס הייסט „מײַן יִחוס". ס'הייסט זײַן משפחה־יִחוס אין וואַרשע, ווו ער איז געבוירן. אין ערשטן קאַפּיטל איז באַשריבן מיט חיותדיקן הומאָר אַלץ וואָס ער געדענקט בעת ער איז אַלט געווען 6 יאָר. אַגב, אַט די ערשטע קאַפּיטלעך, ווי „מײַן שטעטעלע בערדיאַנסק", „איך פאַרלאָז מײַן היים", „מיר שטופּן דעם וואָגן", „דער טאַטע מיט די זיבן טעכטער" זענען שרײַבעריש גאָר געראָטן. עס אָטעמט פון זיי מיט וואַרעמער דערציילערישקייט, מיט הײַטערקייט און עס שיילן זיך פון זיי אויס גוט געשילדערטע טיפּן און קאָלירפולע פּייזאַזשן, ווי דאָ, אין די ערשטע קאַ־פּיטלעך, וואָלט דער מחבר געווען רויִקער, געדולדיקער, געמיטפולער, און גאָר ווײַט פון די טראַנסן, אין וועלכע ער איז שפּעטער אַרײַן און געשפּאַנט

אַ לעבן לאַנג — — — ובכן, מיט די דערמאָנונגען טאַקע, ביז די גבורות־יאָרן, וועלכע פּסחקע בורשטיין האָט אָקערשט אָפּגעצייכנט, איז ניט נאָר „געשפּילט אַ לעבן", ס'איז געפּיבערט, געשטורעמט אַ לעבן.

עס איז צו באַוווּנדערן ווי אַזוי פּסחקע בורשטיין האָט אויפגעהיט, פאַר־געדענקט אַלע דאַטעס, פּרטים און דעטאַלן, וועלכע קומען אינעם בוך. ניט נאָר די טעטיקייטס־דאַטעס, ראָלעס, פאַרשטעלונגען, שטעט און לענדער, נאָר די מינדסטע באַקאַנטשאַפטן, באַגעגענישן און שמועסן, שוין אָפּגערעדט פון זײַנע פּילמאָליקע רײַזעס איבער גאָר די יידישע יישובים — אַליין און צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיאָרן — און מיט זײַן לעבנס־באַגלייטערין, דער שוישפּילערין ליליאַן לוקס, וועגן וועמען ער שרײַבט — אַ פאַרליבטער ביז הײַנט. — — — אויף מײַן פראַגע טאַקע אַנומלט, ווי אַזוי האָט ער עס אַלץ אַזוי אויפגעהיט? האָט ער מיר געענטפערט, פּסחקע בורשטיין, אַז קודם־כל האָט ער טאַקע אַ שאַרפן זכרון, והשנית האָט ער זײַן לעבנסבוך שוין אָנגעהויבן פאַרצייכענען מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, נו, איז עס אַ פאַר־לאָזלעכער מעמואַרן־בוך.

עס ווילט זיך מיר ציטירן עטלעכע שורות, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם געלויפּיקן נוסח פונעם בוך. נו, האָב איך אַ מיש געטאָן און אָפּגעפונען איינע פון די סאַמע דורכשניטלעכסטע פּאַסירונגען. גייט עס אַזוי: „פּרײַמאַן האָט אָנגעהויבן שרײַבן אַ נײַע פּיעסע פאַר מיר, געבויט אויף דער טעמע פון ,דעם יידישן שגץ', ווי איך האָב פאַרלאַנגט. די נײַע פּיעסע האָט געהייסן ,דער קאָמעדיאַנט'. דאָס איז טאַקע די פּיעסע מיט וועלכער איך האָב באַ־דאַרפט אָנהייבן אין בוענאָס־אײַרעס. פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך געוואָנדן די דירעקציע פון האָפּקינסאָן־טעאַטער, אַז איך זאָל אַרײַנקומען שפּילן אויף פּסח. די האָבן געגעבן גרויסע אַנאָנסן, אַז ,פּסחקע קומט אויף פּסח'. איך האָב געהייסן פּרײַמאַנען פאַרגרעסערן ליליאַנס ראָלע אין דער פּיעסע, שלום סעקונדאַ האָט פאַר איר געשריבן אַ ליד, און מיר האָבן אָנגעהויבן גרייטן די נײַע פּיעסע.

לואיס ווײַס האָט געמאַכט סקאַנדאַלן אין דער יוניאָן, הלמאַי איך נעם צו פון קלינטאָן־טעאַטער זײַן פּרימאַדאָנע, אָבער ס'האָט אים גאָרנישט גע־האָלפן, ליליאַן איז פון דאָרט אַרויס (שפּעטער פלעגט ער זיך באַרימען אַז

דאָס איז ער געווען אונדזער שדכן). איך האָב אויך אַנגאַזשירט פאַר דער פּיעסע דעם 70־יאָריקן כאַראַקטער־קאָמיקער סעם קעסטין. קעסטין האָט מיך דאַן געבענטשט, ווײַל יוסף רומשינסקי האָט אים געמאַכט אַ ,רעקלאַמע׳, אַז ער איז שוין צו אַלט צו שפּילן. בײַ מיר אין דער פּיעסע, ווי דער פעטער איטשע־מאיר, האָט ער געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. מיר האָבן דאַן אַפילו געפּראַוועט זײַן 70סטן געבורטסטאָג — אַרויפגעטראָגן אים אַ טאָרט אויף דער בינע״.

קלאָר, פאַראַן אינעם בוך שטאַרקערע און אינטערעסאַנטערע פאַרלוי־פענישן און פאַסירונגען, אין די הונדערטער, און זיי שנירלען זיך צוזאַמען ווי אין אַן אומאויפהערלעכער לענטע —— אַ שאָד נאָר וואָס בײַ טייל געשעענישן פעלט זייער געזעלשאַפטלעכער אויסטײַטש, פעלט זייער מאָטי־וואַציע־אָנשפּאַר. דאָס וואָלט אָן ספק פאַרטיפטער און ווערטיקער געמאַכט די זכרונות־באַשרײַבונגען. אָט למשל: פאַר וואָס האָבן שוין אין די פערציקער יאָרן געשפּילט בלויז 2—3 יידישע טעאַטערס, ווען ערשט אַנומלט האָבן אין זעלבן ניו־יאָרק עקסיסטירט 12 טעאַטערס, ווי ער דערציילט. די און אַנדערע גרונטיקע פראַגעס האָט פסחקע בורשטיין געקענט אויפקלערן, און ניט פאַרבײַגיין בלויז מיט אַ בלאַסער אינפאָרמאַטיווער פעסטשטעלונג.

נאָר זעט אויס, אַז זײַן כוונה איז געווען דערציילן, דערציילן וועגן זיך און אַרום זיך, און דאָס איז אים גאָר געראָטן.

משה רון — „דרפי בממלכה השביעית"

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אויך משה רון, דער טעמפּעראַמענט־פולער און איבער דער גאַנצער יידישער וועלט באַקאַנטער צייטונגסמענטש, אַז אויך ער וועט נישט ביישטייך דעם נסיון און אַרויסגעבן אַ בוך? און מ'מוז זאָגן, ס'איז אַן אויסגאַבע לתפארת.

שרייבט טאַקע אפרים תלמי אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו דעם ספר, וואָס הייסט „דרכי בממלכה השביעית" („מיין וועג אין דער זיבעטער מאַכט"):
„אַלזאָ, אויך משה רון איז נישט בייגעקומען זיין באַגער. —— אָבער מען קאָן אויסגעפינען אַ זכות אויף דעם. דאָס בוך פון משה רון איז נישט פון דעם אַרט ביכער, צו וועלכע מיר זענען געוווינט. ס'איז אַ בוך פון אַ באַזונדערן מין און כאַראַקטער".

ובכן, וואָס איז טאַקע דאָס באַזונדערע אינעם בוך?

קודם־כל איז עס אי אַ בוך, אי אַן אַלבאָם, אי אַ זאַמלונג פון פאָטאָ־בילדער און געשריבענע בילדלעך, וואָס פאַרפיקסירן פּרקים נאַציאָנאַלע געשיכטע, און עס קומען דאָ רעפּאָרטאַזשן און אָפּשאַצונגען וועגן מענטשן און געשעענישן, און קאַפּיטלעך זכרונות און נאָטיצן געשריבן אין זשור־נאַליסטישן געציילן, און רייזע־איינדרוקן, און באַטראַכטונגען וועגן מענטש און סביבה... און דערפאַר לייענט זיך דאָס בוך מיט שפּאַנונג און עס גייען אויף פאַר אונדז נישט נאָר פראַגמענטן פון משה רונס לעבנסוועג, נאָר בפירוש וואַריקע, בילדערישע שפּליטערס פון אונדזער דראַמאַטישער תקופה, וואָס ציט זיך אַזוי אַ יובל יאָרן — פונעם אַמאָליקן דאָרט — ביז אונדזער לעצטער צייט דאָ.

גאָר פרי איז משה דאַנציגערקראַן געוואָרן אַ מקורב צו דער יידישער פּרעסע אין פּוילן. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ יינגל אויף דער לער, מיט טאָן אַלץ אַרום דער צייטונג, מיט שרייבן קורצע באַריכטן וועגן פאַרזאַמלונגען, בעיקר ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. נאָר די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען האָבן אים אַפילו נישט צוגעלאָזט זיך אונטערצושרייבן מיט ראשי־תיבות אונטער אָט די נאָטיצן. וואַרשע איז דעמאָלט געווען אַן אימפּעריע פון יידישן

וואָרט און דער סאַמע קאַפּיקער צענטער פון נאַציאָנאַלער, ציוניסטישער פּאָליטיק. עס האָבן געוועלטיקט יידישע טוערס, און צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, האָט אַ באַזונדערע ראָלע געשפּילט יצחק גרינבוים, הן ווי אַ סיים־דעפּוטאַט, הן ווי אַ ציוניסטישער פירער.

יצחק גרינבוים האָט דערנענטערט דעם יונגן טוער פון מאַקאָטאָוו (די וואַרשעווער פאַרשטאָט, וווּ עס האָט דעמאָלט געוווינט משה רון און וווּ ער איז געווען דער מנהיג פון דער ציוניסטישער יוגנט־גרופּע) — אויף וויפל גרינבוים איז בכלל מסוגל געווען צו דערנענטערן. ווי עס זאָל נישט זײַן, משה רון איז נישט נאָר געוואָרן גרינבוימס געטרײַער חסיד, נאָר אויך זײַן באַגלייטער אויף אַלע זײַנע רײַזעס און בײַ אַלע זײַנע אויפטריטן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. — — און ער האָט געשריבן די „באַריכטן", געשריבן — ווי עס האָט אַ מאָל געהייסן „אויף פּאַפּירענע כוואַליעס" — און אַזוי־אַ צווישן אַט די אַלע „פּאַפּירענע כוואַליעס" איז משה רון געשטיגן און געוואָרן אַן אָנגעזעענער מיטאַרבעטער פון צײַטונגען און אַ צענטראַלע פיגור אין יידישן און שפּעטער אין העברעיִשן צײַטונגסוועזן.

אַ סך שליחותן האָט משה רון דורכגעפירט. ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן געבאַנט דעם וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון הײַנט אײַנפלוס־רײַכן זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל, ער איז געווען פון די איניציאַטאָרן און בויערס פון בית־סוקולוב, וווּ ער איז אַקטיוו־שעפעריש ביז הײַנט. רון איז געווען איינער פון די גרונטלייגערס פונעם אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן. צו זײַנע אינערלעכע אַקטיוויטעטן און פּראָגראַמען, וואָס ער האָט אויפגעשאַפן און דורכגעפירט געהערט דער „עתון העתונאים", די לעבעדיקע צײַטונג פון די צײַטונגלײַט, וואָס פלעגט פאַרקומען יעדן פרײַטיק־צו־נאַכטס אונטער דער אָנפירונג און רעדאַקציע פון דעם אויס־געצייכנטן שרײַבער און פּובליציסט יוסף העפטמאַן. אָט דער אויפטו זײַנער, דער „עתון־העתונאים", איז געווען נישט נאָר אַ ווירקנדיקער פאָרום, נאָר אויך אַ פאַקטאָר אין געראַנגל מיט דער מאַנדאַטמאַכט אין לאַנד.

דאָס בוך ברענגט אַרויס צענדליקער עפּיזאָדן, קוריאָזן, קאָנפליקטן, באַ־געגענישן און דערהויבנדיקע מעשׂים פון די מיט וועלכע משה רון איז געקומען אין באַרירונג. און ס'איז געשריבן מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן,

לאַקאָנישן, היציק־הײַטערן לשון. אָבער גראָד אַזוי באַקומט זיך עס פּאַרביק און בילדעריש און קאָנקרעט. רון דערציילט וועגן אַן עולם־ומלואו פון זײַן יוגנט אין פּוילן, זײַנע רײַזעס איבער יידישע תפוצות, זײַן באַזוך אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, וואָס טראָגן אין זיך די שילדערונגען פון חרוב־געוואָרענעם לעבן, באַגלייט מיט דעם ציטער, וואָס פלאַטערט אין האַרץ און געמיט.

משה רון האָט מיט זײַן אַמט וואָס ער פאַרנעמט, און מיט זײַן פּאָזיציע וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט פירנדיקע מענטשן אין דער וועלט; פּאָליטיקערס און גײַסטמענטשן, קינסטלערס, כּלל־טוערס, און אויך מיט נישט ווייניק פערזענלעכקייטן פון דער נישט־יידישער סביבה. אינעם בוך — און איך בין געווען אַ בעלן אויפצוציילן דעם אינדעקס צום סוף פונעם בוך, ווערן דערמאָנט 722 נעמען, פערזענלעכקײַטן מיט וועלכע משה רון האָט זיך געטראָפן, געהאַט מיט זיי אַ מגע־ומשׂא.

אין קורצע שטריכן שילדערט ער מענטשן און געשעענישן, ווי זיי קומען אויף אויפן פלאַך פון די פאַרלויפענישן. אַ שאָד נאָר, וואָס הגם די פּראַגמענטאַרישקייט און די אימפּעטיקייט — גיבן צו אַ באַזונדערן רייץ אָט די באַשרײַבונגען — וואָלט דאָך דאָס בוך געווונען ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי פיל איבערחזרונגען, אַ שטייגער: אַז אין באַרימטן „הזמיר”־כאָר אין וואַרשע איז אים געלונגען אַראָפּצוּוואַרפן די בונדישע ליטונג און אויסקלויבן אַ ציוניסטישע. ווי טשיקאַווע און „סענסאַציאָנעל” די מעשׂה זאָל נישט האָבן געווען — איז 4 מאָל עס איבערצודערציילן אַ ביסל צו פיל. אָדער, ווי ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם גרויסן חזן משה קוסעוויצקי קיין תל־אָביב, אָדער ווי ער האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ פענצטער־פאָרהאַנג, בכדי צו באַשרײַבן שפּעטער אַ געהיימע ציוניסטישע אַסיפה, צו וועלכער מ׳האָט אים ניט צוגעלאָזט. דאָס ווערט דערציילט בלויז 3 מאָל...

אין סך־הכּל איז עס אַן אינטערעסאַנט און קאָלירפול בוך, געשריבן אין אַ פאָלקסטימלעכן טאָן. און ס׳איז גאָר קיין ספק נישט — אַ געראָטענער בײַטראָג נישט נאָר צו דער דערקענטעניש פון דעם דינאַמישן זשורנאַליסט משה רון און זײַן וועג צו דער זיבעטער מלוכה, נאָר אויך וואָס די זיבעטע „גרויסמאַכט” שטעלט מיט זיך פאָר.

דאָס יידישע פאָלקסליד *

א

שווער געגוי צו זאָגן ווי אַלט ס׳איז דאָס ייִדישע פאָלקסליד. אָבער עס וועט ניט זײַן קיין גוזמא ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז דאָס ייִדישע פאָלקסליד וואָרצלט און איז שוין בנימצא אין די אויפגאַנגען פון ייִדישן פאָלקסלעבן אין מיזרח־אייראָפּע: אין רוסלאַנד, אין פּוילן, אין ליטע און אוקראַינע, אין גאַליציע און ווײַסרוסלאַנד און אַפילו שוין אין די אָנהייבן פון מקורותדיקן שטאָם פון נוסח־אשכנז אין אַמאָליקן, אין פּאַרצײַטיקן דײַטשלאַנד.

דאָס פאָלקסליד איז געווען דער באַגלייטער און אויסדריקער פון ייִדישן לעבן, פון זײַן שטייגער און פון זײַנע ווידעראַנגאַנגען. דער אויסדריקער און שילדערער פון דער גרויער וואָך מיט אירע זאָרגן, און דער אויסדריקער פון דער חדווה פון יום־טוב. דאָס פאָלקסליד האָט אײַנגעזאַפּט דעם אומעט פון ייִדישן מענטש און די פרייד פון ייִדישער פֿײַערלעכקייט און האָט עס אַרויסגעבראַכט אין וואָרט און ניגון. ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דאָס פאָלקסליד איז געווען דער באַראָמעטער, דער אָפּפילער פון יחידישן און כּללישן ייִדישן לעבן אין זײַן אומעטומיקייט. ער האָט אויסגעדריקט די ייִדישע פאָלקס־נשמה און האָט אויסגעדריקט דעם מהות פון פאָלק און זײַן גאַנג דורך דורות און צײַטן.

און דאָס פאָלקסליד האָט ניט נאָר בײַגעטראָגן פאַר אונדזער קולטור־פאַרמעג, נאָר איז געווען — און געבליבן — אַן אוצר פאַר אַ סך צווײַגן און שטחים פון ייִדישער דערקענטעניש: היסטאָרישער, געזעלשאַפטלעכער, סאָציאַלער, עקאָנאָמישער און געוויס אונדזער נאַציאָנאַלער פאָלקיש־שאַפע־רישער דערקענטעניש. דאָס פאָלקסליד איז געווען דער מעדיום און אויס־שטראַלער פון געמיט־צושטאַנד פון יחיד, פון זײַנע נשמה־איבערלעבונגען. אין פאָלקסליד זענען געקומען צום אויסדרוק זײַנע אינטימסטע און צו מאָל פאַרבאָרגנסטע באַגערן, בענקשאַפטן, זײַן הײַטערקייט און זײַנע טרויעריקע דערפאַרונגען, זײַן חלום און זײַן וואָר ———

* פון אַ רעפעראַט.

וואָס איז דאָס באַזונדערע און אײגנטימלעכע פונעם פאָלקסליד בכלל?

דאָס באַזונדערע און אײגנדיקע איז, קודם־כל, דער כּח פון זײַן המשך און דויער. ווײַל ווי אַ תּפילה גײט איבער דאָס ליד פון דור צו דור. עס זינגען אים באָבעס און אײניקלעך, עס זינגען אים דורות און תּקופות. ——

און כאָטש אין פלוג קאָן עס אונדז הײַנט אויסזען אַזוי ווײַט און פרעמד, אָט די טעמאַטיק פון די לידער, צו מאָל ווי פון אַן אַנדער וועלט וואָלטן זיי געקומען, אַ שטײגער די לידער וואָס שילדערן אַ שׂריפה אין שטעטל, אַן עפּידעמיע, צי די רעקרוטן־ און סאָלדאַטן־לידער, צי גאָר די התפּעלות פאַר דער באַן, פאַר דער אײַזנבאַן, ווי אליקום צונזער באַזינגט עס אין יאָר 1882:

באַטראַכט די נײַע וועלט, דער שׂכל און דער זינען,
באַטראַכט דעם נײַעם קונץ פון די אײַזערנע מאַשינען!
עס דרייען זיך די רעדער
גרינג ווי אַ פעדער,
עס שווינדלט פאַר די אויגן
ווי אַ פײַל פון בויגן.

דאָך ווערן אונדז אָט די מאָטיוון נאָענט, און ניט נאָר נאָענט, אַן עכט פאָלקסליד פאַרמאָגט אין זיך אַ חיותדיקע, אַ דויערנדיקע פרישקייט, אַפילו ווען דער טעקסט פירט אונדז אַריבער צו אַן אַנדער שטײגער, צו אַן אַנדער נוסח און שטימונג, פירט אונדז אַריבער צו אַן אַנדער ווירקלעכקייט.

און נאָך עפּעס: אַ פאָלקסליד וואָס איז אויפגעקומען אין באַסאַראַביע, צי אין רומעניע, למשל, געפינט אויך זײַן וועג צו אַנדערע ישובֿים. מען זינגט אים אין ליטע, מען זינגט אים אין גאַליציע און אין פוילן, ווען ער ווערט אַפילו דיאַלעקטיש איבערגעמאַכט, איבערוואַריִרט און ווערט צוגעפּאַסט צו דעם געגעבענעם געאָגראַפישן שטח, ווערט צוגעפּאַסט צו זײַן טיפּאַזש און פּייזאַזש, צו זײַן סבֿיבֿה און אַטמאָספער.

אַזאַ ליד ווי „רעבע לעבן, איך בין געקומען אײַך אַ שאלה פרעגן" האָט מען אין פּוילישע שטעטלעך געזונגען מיט דעם עכט פּוילישן, ניגונדיקן דיאַלעקט:

רעבע לעיבן, רעבע לעיבן
איך בין דאָך געקימען אין אַ רעיטצל פרעיגן
וועס פליט אונע פליגל?
וועס איז גיפלאַסטער אונע ציגל?

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זעלביקע ליד — און דאָס ליד איז געווען בשעתו זייער פּאָפּולער — האָט מען אין אוקראַינע אַרויסגעזאָגט אַנדערש און אין ליטע אַנדערש, אַנדערע אַקצענטירונגען און אַן אַנדער אויסשפּראַכיקייט. אָבער ס'איז געווען אַ וווּנדערלעכע געבונדנקייט. דאָס ליד האָט ווי צונויפגעהעפט יישוב מיט יישוב. אין יידישע תפוצה האָט זיך איבערגערופן מיט אַ צווייטער און אויפגעגאַנגען אין צוזאַמענגעזאַנג פון ליד.

יאָ, אויך פאָלקסלידער האָבן געהאָלפן שמידן די נאָענטשאַפט פון קהילה צו קהילה, פון שטאָט צום שטעטל און פאַרקערט.

אָבער דער כח און די וויטאַליטעט פונעם פאָלקסליד איז ניט נאָר אין זיין וואָרטלעכן באַטײַט, ליגט ניט נאָר אין דעם טעקסט פונעם ליד, כאָטש אויך דער טעקסט — מיט זיין תמימות און אוממיטלדיקייט, מיט זיין אָפנקייט און פאָלקישער אינטימיטעט האָט אַ קאָלאָסאַלן שילדערישן, נאַראַטיוון ווערט און ברענגט אונדז אַזאַ וואַרעמען גרוס — פון אַ ווייטלעכן נעכטן. דאָך, די הויפטקראַפט פונעם פאָלקסליד ליגט אין דעם, וואָס ער איז ווי אויפגעשאַפן געוואָרן און צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט זיין מעלאָדיע. אַ פאָלקסליד מוז מען זינגען. לייענסטו דעם טעקסט בלויז, ווערט עס בלאַסער, פאַרלירט עס פון זיין אייגנטימלעכקייט, פאַרלירט עס פון זיין קראַפט, ווערט דאָס ליד אַנעמיש, בלוטלאָז.

דער גילגול פון אַ ניגון, ווי י. ל. פּרץ דריקט זיך אויס — איז איינס פון די ווירקנדיקסטע עלעמענטן. דער ניגון, די מעלאָדיע, גיט דעם פאָלקסליד רוח־החיים.

יעדער פון אונדז ווייסט עס: פּרוּווט מען זינגען פאַר זיך, צי אויפזינגען אַ ליד פון אַ מאָל, אַ ליד פון דער קינדהייט, אַ ליד פון די יוגנט־יאָרן, און שוין גייט אויף פאַר אונדז דער נעכטן, טאַקע מיט אַלע זײַנע ביט־איצטיקע, אַמאָליקע — שפּירונגען. אַפילו די ריחות קומען אויף, די שטימונג פון אַ מאָל,

עס גייט אויף דער גאַנצער אַרום, מען פילט אַפילו אַז דעם רייציקן גערוך פונעם וואַלד, צי פון פעלד, ווו מען פלעגט שפּאַצירנדיק זינגען אָדער געהערט זינגען. דאָס אויפגעזונגענע ליד פון אַ מאָל פירט אונדז גרינגלעך אַריבער צו יענער סיטואַציע, צו יענעם פיזישן און גײַסטיקן מעמד.

דאָס איז דער כּח, דער וויטאַלער כּח פון געזונגענעם ליד.

ב

אַז מיר האָבן שוין באַרירט און אַרויסגעהויבן דעם באַטײַט און ווערט פונעם פאָלקסליד, איז דאָך מער ווי רעכט, מיר זאָלן פּרוּוון באַטראַכטן און אָנווײַזן ווער איז דער שאַפער פונעם פאָלקסליד? ווער זענען געווען די מחברים פון די פאָלקסלידער?

פאַראַן שוין אַ רײַכע ליטעראַטור וועגן אָט דער סוגיא, סײַ בײַ די אומות־העולם, סײַ בײַ אונדז, הן וואָס שייך דעם צווײַג פאָלקלאָר בכלל, און הן וועגן אָפּשטאַם און אַנטוויקלונג, בפרט פון דעם זין, מחמת די טעמע האָט אַלע מאָל אינטערעסירט פאָרשערס, דיאַלעקטאָלאָגן און פאָלקלאָריסטן.

פאָרשערס, מוזיקאָלאָגן, פאָלקסקאָבינעטן פאַר פאָלקלאָר און שפּראַך־פאָרשונג (אין קיִעוו בשעתו), האָבן אויף דעם שטח במשך יאָרן אויפגעטאָן אַ סך, אי מיט צונויפזאַמלען פאָלקלאָר־אוצרות, אי מיט זייער פאָרשונגס־אַרבעט. לאָמיר אויך דערמאָנען דעם „ידע־עם" אין ארץ־ישראל, וואָס האָט ניט ווייניק בײַגעטראָגן פאַר דער דערקענטעניש פון פאָלקסשאַפן. אָבער עס וואָלט געווען אַן עוולה ניט צו דערמאָנען די זעלטענע, אייפעריקע זאַמלערס און פאָרשערס, ווי נח פּרילוצקי און שמואל לעהמאַן, י. ל. כּהן און ד"ר מאַקס גרונוואַלד (וואָס איז געווען רב אין האַמבורג און ווין). זיי זענען געווען ניט נאָר פאָרשערס און אויסטײַטשערס פון יידישן פאָלקסליד, נאָר זיי האָבן זיך קונה־שם געווען ווי פאָלקלאָר־טעאָרעטיקערס. עס קומען נאָך צו די וואָס האָבן געווידמעט זייער לעבן דעם פאָלקלאָר און דער צונויפ־זאַמלונג פון יידישן פאָלקסליד, די ראשונים מאַרעק און גינזבורג, ש. אַנסקי, מנחם־מענדל קיפּניס, נחמה עפּשטיין, חיים כאַיעס, ש. באַסטאָמסקי און די צענדליקער אַנדערע אין יידישע שטעט און שטעטלעך.

שוין מיט העכער אַכציק יאָר צוריק, אין יאָר 1901, איז, ווי באַקאַנט,

אָנגעגאַנגען אַ פּאָלעמיק צווישן שלום־עליכמען און דעם קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־קריטיקער יולי (יואל) ענגעל. שרײַבט שלום־עליכם:

„בײַ אונדז ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען פֿאָלקסלידער אַלע לידער וואָס ווערן געשריבן אין דער פּראָסטער, ייִדישער פֿאָלקסשפּראַך און וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פֿאַרן פֿאָלק. נישט מער ס'איז אַ טעות הדפוס, וואָס איז אָנגעקומען געוואָרן פֿון כּמה יאָרן: אַנשטאָט לידער פֿאַר דעם פֿאָלק, שרײַבט מען פֿאָלקסלידער."

אָט דער צוגאַנג שלום־עליכמס איז אַ ליטעראַרישער, אַ שרײַבערישער, אָבער בשום־אופֿן ניט קיין פֿאָלקלאָריסטישער. אַ ריכטיקע דעפֿיניציע גיט דעריבער דער מוזיק־קריטיקער יולי ענגעל, וואָס זאָגט:

„פֿאָלקסלידער זענען געוויס אַזעלכע לידער, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צום פֿאָלק פֿון אומבאַקאַנטע מחברים, פֿון אַלטע, לאַנג פֿאַרגעסענע צײַטן, אָדער זיי זענען געשריבן טאַקע איצט, כּמעט פֿאַר אונדזערע אויגן, נאָר זיי האָבן זיך ווײַט פֿאַרברייטערט צווישן פֿאָלק צוליב זייער פֿאָלקס־כאַראַקטער."

במשך יאָרן איז צווישן פֿאָרשערס, מוזיקאָלאָגן, פֿאָלקלאָריסטן, דיאַלעקטאָלאָגן אָנגעגאַנגען אַ וויכּוח „וואָס קען און דאַרף באַטראַכט ווערן ווי דאָס עכטע און אמתע פֿאָלקסליד?" אָט האָב איך בכּוונה געבראַכט די קורצע דעפֿיניציעס פֿון צווײ גדולים, שלום־עליכם און יולי ענגעל. ענגעל זעט אויס נענטער, גערעכטער צום אמת. ער רעדט וועגן „אומבאַקאַנטע מחברים", ווײַל ווען ס'זענען זענען אַרײַן אינעם פֿאָלק. ווער זענען עס געווען די אומבאַקאַנטע מחברים? זיי זענען לרובֿ געווען פֿאָלקסזינגערס אָדער צו מאָל פּשוטע פֿאָלקסמענטשן, וואָס פֿאַרמאָגן אַ פֿלאַטערדיק געמיט און קענען וועזנטלעך באַווירקט ווערן פֿון געשעענישן און שטימונגען. זיי זענען ניט געשטאַנען קיין סך העכער פֿון דורכשניטלעכן פֿאָלקסמענטש און זײַן סבֿיבֿה. געווען ייִדן באַלמעלאָכעס און שנײַדער־געזעלן, מאַרקהענדלערס און אויפֿקויפֿערס, זיי האָבן ניט געהאַט קיין מער בילדונג, דערפֿאַרונג. די אידעעס און דער וועלטבאַנעם פֿון די העכערע שיכטן זענען פֿאַר זיי געווען לחלוטין פֿרעמד. דער קוק אויף דער וועלט איז געווען דער זעלבער ווי פֿון זייערע פֿאָלקס־חבֿרים.

אָבער אַ פֿאָלקסדיכטער האָט אַ נטיה אויסצוזינגען דעם פֿאָלקס צער און זײַן פֿרייד, באַזינגען די פּלאָגעניש און עס אַרויסשמייכלען מיט צופֿרידנקייט דורך געזאַנג. דער פֿאָלקסדיכטער שעפּט זײַנע געדאַנקען פֿון דעם אַרומיקן לעבן, פֿון זײַן אייגענעם קרײַז, פֿון דעם פֿאָלקסמויל און פֿון פֿאָלקס נשמה. ער איז אָבער — און בלײַבט — איינער פֿון דער מאַסע, איינער פֿון דעם המון — און דאָך אינערלעך אַנדערש. מחמת ער פֿאַרמאָגט אַ פּאָעטיש באַגאַבטע נאַטור. ער איז אַ פֿאָלקסמענטש אין וועמען עס הויערט אַ שמץ פֿון אומרו און אַ ווילן צו קומען צום וואָרט. אַ מאָל אויסדריקן פּראָטעסט און אַ מאָל שטימונג פֿון חדווה, אָדער טרויער און פֿרייד. די אַ פֿאַרפֿאַסערס האָבן אָפֿט געשאַפֿן ווערטער, געשאַפֿן טעקסטן צו פֿאַרטיקע ניגונים, צו מעלאָדיעס, אייגענע אָדער געהערטע, אָדער גאָר אַנטלײַענע מאַרשן און מעלאָדיעס פֿון אַנדערע פֿעלקער, מערסטנס פֿון די, מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט בשכנות.

האָט מען יאָרן באַטראַכט דעם מעדיום פֿון פֿאָלקסליד ווי דעם אויפּטו, ווי די שאַפֿונג פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר. פֿאָלקסלידער זענען טאַקע אַזוי אויפֿגעקומען בײַ אַלע פֿעלקער און אויך בײַ אונדז. פֿאַראַן אָבער אַ צווייטער טיפּ און אַרט פֿאָלקסליד. און טאַקע פֿון אַ ליטעראַריש־שרײַבערישער מדרגה. דאָס פֿאָלקסליד, וואָס איז געשאַפֿן פֿון באַקאַנטע מחברים. פֿון פֿאָלקספּאָעטן, זינגערס, שרײַבערס און בדחנים. איך מיין ניט פֿון די בדחנים, וואָס מיר האָבן זיי אויך הײַנט ניט־ווייניק — אויך דאָ אין ישראל — די „בדרנים", די פֿאַרווײַלערס, וועמענס לידלעך און פֿאַראַפֿראַזעס שטאַרבן מיטן טאָג. נאָר בדחנים־קינסטלערס, ווי אַ שטייגער — אין זײַן צײַט — אליקום צונזער, וועמענס לידער עס פֿאַרמאָגן אַזאַ פּערפֿעקטקייט און מעלאָדישקייט און ווערן נאָך ביז הײַנט געזונגען — — „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" — הערן מיר גערן ביז הײַנט.

ובכן, די באַקאַנטע פֿאָלקסדיכטערס וועלוול זבאַרזשער אין רומעניע, בערל בראָדער אין גאַליציע און שפּעטער אַברהם גאָלדפֿאַדען און מאַרק וואַרשאַווסקי, און נאָך שפּעטער שמעון פֿרוג און אַברהם רייזען און אַנ־סקי און אין דער לעצטער צײַט — דער איינציקאַרטיקער מרדכי געבירטיג — זיי און אַנדערע האָבן אויפֿגעשאַפֿן אַ רײַכטאָניקע מאָזאַיִק פֿון ייִדישע

פֿאָלקסלידער, וואָס רירן אונדז און וואָס באַווירקן אונדזער געמיט מיט זייער נאָגנדיקער שטימונג, מיטן אייגנאַרטיקן טעקסטועלן און מעלאָדישן קלימאַט.

ג

עס וואָלט נייטיק געווען אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן די לידער פֿון מרדכי געבירטיג, וועלכער איז געווען אייגנאַרטיק און איינציקאַרטיק אין זײַן שאַפֿן. אַ סטאָליער־אַרבעטער פֿון פֿאַך, האָט ער אַזוי, בײַ זײַן וואַרשטאַט, אויפֿגעשאַפֿן זײַנע שטייגערישע, עכטע פֿאָלקסטימלעכע טעקסטן און אויך די מעלאָדיעס צו זיי.

ברייט און ווײַט האָבן זיך פֿאַרשפּרייט זײַנע לידער און ווען אַקטיאָרן און זינגערס האָבן פֿירגעבראַכט זײַנע לידער און געשאַרט זשמעניעס געלט — איז ער ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַן סטאָליער־מלאָכה, און מען האָט אים צוגעוואָרפֿן פּרוטות —— אָבער זײַנע „הוליעט, הוליעט קינדערלעך" און די אַנדערע, אַלעמען באַקאַנטע לידער, ווי „מאַמעלע" און „רייזעלע" און „אַ מלאך ווערט געבוירן" און „קינדער־יאָרן", און זײַן סאַטיריש ליד „סלי־חות" האָבן זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך און האָבן אַרויסגע־זונגען מיט זייער נשמהדיקייט און פֿאָלקסטימלעכקייט, מיט זייער געמיט און מעלאָדישער שיינקייט.

ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין קראָקע אויף אַ שוידערלעך טראַגישן אופֿן דעם 9טן יוני 1942. ער האָט נאָך באַוויזן אָנצושרײַבן אַ צאָל לידער אין דעם ערשטן מלחמה־יאָר, אָבער „ס'ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט", וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט גראָד אין יאָר 1936, איז געוואָרן אַ הימען — אַ טראַגישער הימען פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס איז אַרײַן אין אונדזער נאַציאָנאַלן פֿאָנד, — דער שענסטער, דער דערהויבנסטער גײַסטיקער פֿאָנד פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד. אַ באַקאַנטער דיכטער האָט אַ מאָל געשריבן: „ווו מען זינגט, זעץ זיך רויִק אַנידער, שלעכטע מענטשן האָבן ניט קיין לידער"...

ס'איז אמת, ס'איז אַ ריכטיקער זאָג, אַפֿילו ווען ס'זענען פֿאַראַן אויס־נאָמען... „פֿאָלקסלידער זענען אויגן דורך וועלכע מען קוקט אַ פֿאָלק אין דער נשמה אַרײַן. כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, בענקשאַפֿט, באַגער און חלום רעפֿלעקטירן זיך אין פֿאָלקסליד, ווי אין אַ שפּיגל".

די ערשטע וואָס האָבן אויפגעשאַפן פאָלקסלידער ביי פעלקער, ניט־יידן, זענען געווען די וואָס זענען נאָענט געווען צו נאַטור, צו ערד, צום פּייזאַזש פון גאָטס ברכה — דאָס זענען געווען די ערד־אַרבעטערס, וואָס האָבן זיך באַגלייט מיט אַן אַליין געשאַפענעם ליד, בעת זיי האָבן געאַקערט אָדער געזייט. און נאָך מער דער פּאַסטעך. אָט אַזוי, מיט זיין פּייפל, האָט ער אויפגעכאַפּט דעם דינעם זיידענעם ציטער פון אַן אָונטווינט, דעם הייסן ליידנשאַפטלעכן טרעל פון נאַכטיגאַל און דעם זילבערנעם ריטעם פון די וואַלקנס, וואָס הענגען איבער זיין כאַטע, איבער זיינע בערג און איבער זיין סטעפּ. אויף זיין פּייפל האָט ער אויפגעשאַפן דעם ניגון פון זיין געמיט, דאָס וואָרט, אַ פּשוט, פּרימיטיוו וואָרט, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין טוונג, זיין שפּירונג און זיין שטימונג.

דאָס יידישע פאָלקסליד איז אויפגעשאַפן געוואָרן בעיקר — אין דער ערשטער צייט — פון באַלמעלאָכעס, געזעלן ביי שניידערס און שוסטערס, שטעפּערס און העגטשקע־מאַכערס. דאָס רוב האָבן זיי דאָך געאַרבעט אין זייערע היימען, אין דעם ענגן חדרל פון זייער היים. און אין אָט די לידער קומט צום אויסדרוק דער אָרום, ס׳הייסט זייער טוונג, זייער אַרבעט און צו מאָל זייער סביבה, משפּחה־לייט און פּרנסה־זאָרגן, און בעיקר דער פּראָטעסט און די טענה צו זייערע באַלעבאַטים. אַזוי האָט מען אין לעכעוויטש, ווילנער געגנט, געזונגען אַזאַ ליד:

ווען דער אָרעמער אַרבעטער טרינקט אויס אַ ביסל יש,\
רופט מען אים: „אַ שיכור אויפן גאַס".\
פּראָסטער בראָנפן איז ניט קיין ווין,\
אַ גילדענער בעכער איז ניט קיין כוס\
און אַן אָרעמער אַרבעטער איז ניט קיין באַלעבאָס,\
רבונו־של־עולם, פאַר וואָס?

אַגב, די ווענדונג צום איבערשטן איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר פריידענקערישע, אַפּיקורסישע מחברים פון די פאָלקסלידער. זיי זוכן אַן אָנשפּאַר פאַר זייער טענה קעגן עקספּלאָאַטאַציע און אויסניצערייַ, קעגן זייער אָרעם לעבן...

יאָ, דאָס לעבן אין די ייִדישע ייִשובים, ווו דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד איז אויפֿגעקומען, איז געווען עקאָנאָמיש געדריקט, ייִדן האָבן זיך געראַנגלט פֿאַר אויסקומעניש — ס'איז געווען אָבער אויך שבת־יום־טוב, ס'איז געווען חדווה און לויכטנדיקער גלויבן. און אמת, און גײַסטיקע שיינקייט האָט אַרויסגעבליצט אויך פֿון דער אָרעמקייט. און אינעם פֿאָלקסליד גייט אויף אַ וווּנדערלעכער ניגון פֿון פֿאָלק, פֿון זײַן נעכטן, פֿון זײַן עָבר און הײַנט, און די האָפֿענונג פֿאַר דער צוקונפֿט.

אַשר שטשוטשינסקיס דערציילונגען

„פון לאַנד צו לאַנד" איז אַ ביז גאָר טרעפלעכער נאָמען פאַר אָט דעם בוך דערציילונגען, וואָס אַשר שטשוטשינסקי האָט אַנומלט אַרויסגעגעבן (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אָביב, 270 זז׳), מחמת ער דערציילט טאַקע און שילדערט פון עטלעכע געאָגראַפישע שטחים. דאָס זענען די לענדער ווו ער האָט געלעבט, געהאָפט, געאַרבעט, און געטרוימט: דאָס איז די אַלטע היים, דאָס שטעטל בײַ ביאַליסטאָק, דאָס איז קובאַ, ווו ער האָט יונגערהייט אויסגעוואַנדערט, און זײַן איצטיקע היים — אַמעריקע, און איבער אַלעם הויערט אין אים דער אומרו פון אַ שאָפערישן מענטשן, שרײַבט ער אי לידער, אי דערציילונגען. שוין מיט יאָרן צוריק איז אַרויס — טאַקע אין דער אַמאָליקער שיינער שטאָט האַוואַנאַ — זײַנס אַ באַנד דערציילונגען. ער איז אַ געבוירענער שרײַבער־באַשרײַבער, און דערצו נאָך אַ זעלטענער, אינטערעסאַנטער פאָלקסטימלעכער מענטש.

אָט טאַקע אין אַ קערנדיק־פאָלקסטימלעכן טאָן, אין אַ וואַרעם־היימישן לשון זענען געשריבן די דערציילונגען. און ער דערציילט דאָס רוב פון זײַן אייגן לעבן, פון זײַנע דערפאַרונגען און דורכפאַלן, פון זײַנע דערגרייכונגען און באַגערן — דאָס זענען בלעטער פון אַ דורכגעגאַנגענער וואָר. און אויב ער שילדערט און ברענגט אַרויס אַ ריי געשטאַלטן, איז עס אויך צו מאָל די דערציילונג פון פּערזענלעכן גאַנג, פון אייגענעם דורכגעמאַכטן וועג. דאָס בוך אַנטהאַלט דרײַ אָפּטיילן: „היים און שטעטל", „קובאַנער דערציילונגען", „אַמעריקאַנער דערציילונגען" — צוזאַמען איז עס אַן עולם־ומלואו פון פאַרביקע טיפּן, כאַראַקטערן, פּייזאַזשן און מענטשלעכע ווידעראַנאַנדן. — — —

דער ערשטער טייל, „היים און שטעטל", ברענגט פאַר אונדז די דערמאָנונגען פון סביבה און יידישער לאַנדשאַפט וואָס איז נישטאָ מער, נישטאָ דאָס שטעטל און די וואַרעמע היימישע היים. עס זענען נישטאָ מער די פאָלקסטימלעכע יידן, מאַרקהענדלערס און קרעמערס, באַלמעלאָכעס און זײַדענע יונגע־לײַט, לומדים און האָרעפּאַשניקעס, דאָרפגייערס און אָרענדאַרס, נישטאָ מער די פאַרחלומטע מיידלעך און די יונגע־לײַט וואָס האָבן זיך געבונטעוועט און זיך געריסן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן. בלויז

זייער אָנדענק איז פאַרבליבן, אַט ווי אין זײַן דערציילונג „אַ בריוו״...

„דער איינציקער זכר! די עטלעכע פאַרגעלטע בריוו... ס׳ווערט מיר אַזוי קאַלט, אַזוי ענג אַז איך ריר אָן דעם שופלאָד. מיט עטלעכע טעג צוריק איז מיר אײַנגעפאַלן אויסצוזוכן מײַן חברס אַ ליד... איך האָב אַ ציִ געטאָן דעם שופלאָד, די צונויפגעקוועטשטע קאָנווערטן, די פאַרשריבענע בייגעלעך האָבן זיך אַ ריר געטאָן, אַ שורשע געטאָן, ווי ס׳וואָלטן זיך צערודערט די סודות פון לעבנס, אַ קעלט האָט אַרומגענומען מײַן גאַנץ לײַב. מײַן טאַטנס, מײַן מאַמעס זכר ליגט אין די קאָנווערטן... איך האָב האַסטיק פאַרמאַכט דעם שופלאָד און זיך אָפּגערוקט.״

זיך אָפּגערוקט, דאָס איז די שאַרפע, ספּאָנטאַנע רעאַגירונג אין דער באַרירונג מיט דעם אומגעבראַכטן נעכטן. אָבער דאָס איז בלויז אַן אויסער־לעכע רעאַגירונג. טיף אין געמיט הויערט אָן אויפהער דער ווײ און צער.

שטשוטשינסקי ברענגט עס אַרויס אומדירעקט, אין שטילע, געדעמפּטע, אָבער עכטע טענער. ס׳איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז דאָס עצם דערציילן פון דער אַלטער היים איז ווי אָנגערעגט געוואָרן פון אָט דער האַלוועשקע וואָס טליעט און פיבערט מיט דעם פײַנפולן געפיל פון געווען און נישטאָ מער — — דערפאַר שילדערט ער מיט אַזאַ איפער און ליבשאַפט די טיפן פון שטעטל, און לאַו־דווקא די למדנים און תורה־לערנערס, נאָר די וואָס האָבן זיך געפונען אויפן נידעריקסטן סאָציאַלן שטאַפּל, ווי איטשע שטומאַק דער וואַסער־פירער, יאַנקל פולס דער דאַרפגייער און אַנדערע.

שטשוטשינסקי באַווײַזט ניט קיין בריהשקייטן אין שילדערן פּייזאַזש און לאַנדשאַפט. אָבער אויף אַ געצוימטן אופן און אין אַ געפּאַסטער פאָרעם גיט ער איבער — און דאָס בפירוש מיט אַזאַ אינערלעכער פּיקחות — דעם סביבה־קלימאַט וואָס טראָגט אין זיך מענטשלעכן אומעט און פאַרבענקשאַפט. אַ שטייגער, „פון שניי האָבן אַרויסגעשטאַרט די הילצערנע שטאַכעטלעך, וואָס צאַמען אַרום דעם גרויסן שולבאַרג. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען די ווײַסע געמויערטע שול. נאָר די פענצטער האָבן שאַטנדיק געהויערט פון דער גאַנצער ווײַסקייט, האָבן אָפּגעשפּיגלט די אומעטיקע אינעווייניקסטע פוסטקייט פון וואָכיקע טעג, זיי וואַרטן אויף קבלת־שבת ווען די שולפענצטער צעלײַכטן זיך און פאַרשײַנען דעם גאַנצן אַרום״.

אַט אַזעלכע שילדערישע שטעלן זענען צעזייט איבערן בוך און זיי גיבן אַ סך צו צו דעם שטעטל־אימאַזש און צו דער אַטמאָספער וואָס די דערציילונגען טראָגן אין זיך.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען די קובאַנער דערציילונגען, וואָס וואַקסן אַרויס פון אַט דעם סובטראָפּישן באָדן, מיט דער אַנדערשקייט פון דעם אַרום, מיט דער אַנדערשקייט פונעם דאָרטיקן באַווינער, מיט זייערע פירונגען, טראַכטונגען, טוונגען און השׂגות. פאַראַן עפּעס אַ באַזונדערער רייץ אין אַט די דערציילונגען, ווי די דאָרטיקע הימלען, אַ שטייגער, און די ווײַטע פּליינען וואָלטן אויסגעפורעמט ניט נאָר דעם פאַרוואָרצלטן תּושב, נאָר געהאַט זייער אויסדריקלעכן אײַנפלוס אויף דעם נײַגעקומענעם, אויף דעם אימיגראַנט. דער רוב פון די קובאַנער דערציילונגען זענען טאַקע פון אימיגראַנטישן לעבן, זייער אַרײַנפּאַסן זיך אין דער נײַער וואָר, זייער פאַרלוירנקייט און בענקשאַפט, זייערע פּרוּװן זיך אַרויפצואַרבעטן און זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס רעכטס און ניט בלײַבן אַן אייביקער פּעדלער. גראָד פון אַט די דערציילונגען גייט אויף אַזאַ קערנדיקער סאָציאַלער טאָן. שטשוטשינסקי שילדערט דאָ די געטראָפענע און פאַריאָכטע, די באַעוולטע און עקספּלואַטירטע, וואָס פילן ניט צו מאָל ווי זיי ווערן אויסגענוצט. און אין דעם קאָנגלאָמעראַט פון די דערציילונגען ווירקן זיך באַזונדער אויס די שטילע לירישע מאָטיוון, ליבע צו קינדער, ליבע צו קאָלירטע יוגנטלעכע, און אַוודאי ליבע צווישן מאַן און פרוי. זעט אויס אַז די מהותדיקע ווײַטקייט דערנענטערט, די פרעמדקייט לאָקט און פאַרלאָקט — אַזוי איז דאָך געשען מיט עטלעכע יידישע יונגעלײַט, געקומענע פון דער אַלטער היים, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען מיט די דאָרטיקע געבוירענע מיידלעך, שפּאַניערינס און מולאַטינס — אַזאַ איז סאַילאַ, אַזאַ איז מאַריסאַל — נאָר אויף אַ דראַמאַטישן אופן פירט זיי דער מחבר צוריק צום שטאַם, צוריק צו יידישקייט.

די דרײַ אַמעריקאַנער דערציילונגען, כאָטש זיי זענען טשיקאַווע טעמאַטיש, — באַזונדערס די דערציילונג „אויסגעברענטע נומערן" — פעלט זיי אָבער, ווי מיר דאַכט, אַן אינערלעכע שרײַבערישע פּאַרטיפּטקייט, אין וועלכער אַט די טעמעס נייטיקן זיך, כאָטש אויך די דערציילונגען באַווירקן זיך מיט דער פּשטות פון דערציילן, זיך מיט דעם פאָלקסטימלעכן סטיל.

ל. לאַסאָווינס „אַ נאַכט אויפֿן ים כּנרת“

מיאַמי־ביטש איז פֿאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן אַן אימפּעטיק רוישיקע, קאָלירפֿולע גרויסשטאָט. אין דיווינטער־חדשים ציִען אַהין צענדליקער טויזנטער אַחינו בני־ישׂראל בכדי צו געניסן פֿון דער מחיהדיקער וואַרעמ־קייט (בעת איך בין געווען דאָרט אַנומלט אין חודש יאַנואַר האָב איך געחלומט — זאָל כאָטש זײַן ווי חודש אויגוסט אין תּל־אָביב, אַזאַ שרפֿעדיקע היץ האָט דאָרט געהויערט). אָבער שיין איז מיאַמי־ביטש און פֿאַרכאַפּניק איז דער פּייזאַזש פֿון פֿלאָרידע.

הקיצור, אין אָט דער רעזאָרט־שטאָט לעבט אַ באַשיידענע גרופּע ייִדישע שרײַבערס, עטלעכע וואָס זענען אַנטרינען פֿון ניו־יאָרק, אַ פּאָר ייִדן וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון קאַסטראָס קובאַ, אַ פּאָר געוועזענע לערערס, וואָס זינגדיקן מיט דער פּען, הכּלל, אַ חברותא ייִדישע פּענמענטשן.

איינער פֿון זיי איז דער דערציילער ל. לאַסאָווין. ער איז שוין אַן אַלטער תּושב און ער געדענקט נאָך די צײַט, ווען מיאַמי־ביטש האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין פּראַכטהאָטעלן, לוקסוסיעזע אַפּרופּלעצער און עטלעכע־און־דרײַסיק־שטאָקיקע בנינים מיט קאָנדאָמיניומס — ווי עס הייסט בײַ זיי — געפּוצט אין מירמלשטיין און טאַפּעטירט אין זײַד. ער געדענקט ווען ס׳איז געווען מעשׂה־בראשית — פּוסט און לער. דעמאָלט איז גרײַלעך געווען אָנגענעם, גוט און רויִק. לאַסאָווין האָט ליב צו דערציילן, וואָס עס איז אַלץ געווען אין מיאַמי מיט אַן ערך פֿיר צענדליק יאָר צוריק.

ערשט נישט לאַנג איז דערשינען זײַנס אַ בוך דערציילונגען אונטערן נאָמען „אַ נאַכט אויפֿן ים כּנרת“ (אַרויס איז דאָס טאַקע אין תּל־אָביב, — פֿאַרלאַג ניי־לעבן, 1980, 230 זז׳). נאָך איידער איך גיי עפּעס זאָגן וועגן אָט דעם בוך, וויל איך לאָזן וויסן, אַז דאָס איז שוין דאָס פֿינפֿטע פּראָזעבוך פֿון ל. לאַסאָווין. דאָס ערשטע בוך זײַנס, קינדער־דערציילונגען „צו דער זון“ איז אַרויס אין אַמאָליקן באַקאַנטן פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“, אין יענער האַר־פּערדיקער צײַט אין וואַרשע פֿון יאָר 1926. נאָך דעם זענען אַרויס „אַ חתונה אויפֿן באַרג לבנון“, „אויסגעוואָרצלטע מענטשן“ און „אין שטענדיקן

גראַנגל״. נאָך עפּעס איז כּדאַי צו וויסן: אַז לאַסאָווין איז געווים דער איינציקער יידישער שרײַבער, וואָס האָט באַקומען זײַן יוגנטלעכע דערציִונג אין... ביירוט. דאָרט האָט ער נישט נאָר געלערנט אין דער „אַליאַנס־שול״, נאָר דאָרט געגאַנגען אין חדר. געווען אַ מאָל אַ לעבעדיקע יידישע קהילה אין ביירוט שבלבנון. אין יאָר 1926, אַ צוואַנציק־יאָריקער בחור מיט דער־פאַרונגען פונעם „פּאַריז״ אין מיטעלן־מיזרח — ווי מ׳האָט אַ מאָל גערופן ביירוט — איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. — עד־כּאן. מחמת וועד ווייסט, ווו עס קאָן אונדז נאָך פאַרפירן, ווען מען נעמט אין אַכט אַז געאָגראַפיע האָט אַ גאָר נאָענטע שײַכות צו ביאָגראַפיע. ווען מיר באַטראַכטן די דער־ציילונגען פונעם איצטיקן בוך „אַ נאַכט אויפן ים כּנרת״.

לויטן טיטל קאָן זיך דאַכטן אַז דאָס זענען ארץ־ישראל־דערציילונגען. אָבער עס איז נישט אַזוי. בסך־הכּל איז דאָ איין דערציילונג, די ערשטע דערציילונג אינעם בוך, וואָס הייסט טאַקע „אַ נאַכט אויפן ים כּנרת״, אָבער אויך די האָט קוים אַ באַריר מיט באַטירלעכער, אָרגאַנישער ארץ־ישראל־טעמאַטיק. אַגב, אָנרופן עס מעשׂיות וואָלט, דאַכט זיך, געווען טרעפלעכער, מחמת זיי זענען מער אין דער מערכה פון מעשׂיות ווי דערציילונגען. חלילה, עס מיינערט נישט אויף אַ האָר.

ובכן, אַט די ערשטע מעשׂה „אַ נאַכט אויפן ים כּנרת״ איז לאו־דווקא ישׂראלדיק. ווײַל ראַשעל פעלדער, די אָפּגעראַטעוועטע פון היטלערס גיהנום, האָט געקענט זיך טרעפן מיט איר בלאָקעלטסטער, די סאַדיסטין הענריעטאַ שולץ, אין יעדער לאַנד אויף דער וועלט און אײַנלאַדן זי צו שיפלען זיך אויפן סען אָדער האָדסאָן אָדער אויף די וואַסערן פון מיאַמי־ביטש — און זיך נוקם זײַן אין איר נישט דווקא אויפן ים־כּנרת. אַוודאי קאָן מען מיט רעכט זאָגן: ראַשעל פעלדער, דער קרבן פון קאַצעט האָט זיך דאָך נישט צופעליק באַזעצט אין ישׂראל. איז עס אמת, און דאָך האָט עס מיט ישׂראל־דיקער ספּעציפישקייט קיין שום שײַכות נישט, מחמת עס פעלט אין דער דערציילונג אַ מינדסטע שילדערונג פון לאָקאַלן קאָלאָריט, פון פּייזאַזש, פון אייגנטימלעכער ישׂראל־שטימונג.

אַגב, שייך שילדערונג, אָדער אויפגעבראַכטע שטימונג, איז כּמעט נישט בנימצא אין די דערציילונגען. איך ווייס נישט צי דאָס איז אַ חסרון, אָבער

וואָלט עס געווען, וואָלטן די דערציילונגען געווען אַרויס פּאַרנעמיקער, קאָלירפולער, נאַראַטיווער.

די טעמעס פון די דערציילונגען זענען פאַרשידנאַרטיקע, אינעם רוב פאַרלויפן זיי זיך אויפן באָדן פון מיאַמי־ביטש. איך זאָג באָדן, כאָטש די מעשׂיות־דערציילונגען זענען לופטיק און וואַקסן נישט אַרויס פון דעם פּיי־זאַזש, פון דער אייגנאַרטיקער לאַנדשאַפט פון אָט דעם וווּנדערלאַנד. אָבער זיי קומען יאָ אויף פון דעם טיפּאַזש, פון דער דאָרטיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה.

גאָר קיין ספק נישט: די דערציילונגען זענען אָנלאָקנדיקע, באַוועגלעכע. דו פילסט דעם אָטעם פון לעבעדיקע מענטשן. אַ סך פון די מעשׂיות־דער־ציילונגען פאַרלויפן זיך אַרום די אייביקע זי־און ער־פּראָבלעמען, כאָטש שוין צו אָפט שיקט דער מחבר אַוועק זיינע מאַנספּאַרשוינען אויפן עולם־האמת, און די פאַראָבלעטע אַלמנות נעבעך, נאָכן אָפּטרויערן — ווער מער, ווער ווייניקער — לאָזן זיך אַוועק אויף אַלע גאָטס־באַראָטן. בעיקר אַריינ־צוקריגן אַ נייעם מאַן.

לאַסאָווין איז גאָר אַ מומחה אין די פאַרבאָרגענישן, אין די טראַכטענישן און טועכצן פון אַרום אָט די זי־ און ער־קאָנפליקטן, ווי בכלל פון משפחה־ווידעראַנאַנדן. און ער ברענגט אַרויס די זיגזאַגן, די ווירוואַרן פון פּרוי־און מאַן־צונויפקום, זייערע פריידן און דורכפאַלן, אַנטוישונגען און אייפער־זוכט, האָפענונגען און פאַרראַט — ווי, וויפל פאַררעטערישע מעשׂים עס גייען אַלץ אָן אין די דערציילונגען.

קלאָר ווי דער טאָג, דאָס זענען נישט קיין „אויסטראַכטענישן" פון מחבר. פאַרקערט, מען פילט בחוש אַז לאַסאָווין האָט דאָ, גאָר אָפט, צו מאָל שוין צו אָפט — גענומען פון זיין נאָענטער סביבה. דעריבער פילט מען גאָר אָפט אַזאַ כראָניקאַלן ביינקלאַנג. אַ שטייגער, ווי אין די דערציילונגען „דער שרייבער און זיין ווערק", „די טריאָ", „און די טיר האָט זיך נישט געעפנט", „ווען אַ יידישע ציטונג גייט אונטער", „אַ לערער דערציילט" און אַנדערע.

דאָס זענען כראָניקעס, טאָג־געשעענישן, אַרומגעהילט מיט דערציילע־רישער, מעשׂהדיקער פּראָזע. נישקשה, פאַראַן אויך אַזאַ בעלעטריסטיק. און

זי איז אָפט מאָל גאַנץ אַנצי̇עודיק און האַלט דעם לייענער געשפּאַנט.

עטלעכע דערציילונגען צייכענען זיך אויס הן מיט זייער טעמאַטישער שטייגערישקייט, הן מיט זייער געראַטענער געפורעמטקייט. אַזעלכע זענען די דערציילונגען: „אויף קבר־אבות פון דער יוגנט", „אַ ייִנגל מיטן נאָמען דזשאָי", „דעם פּסיכיאַטערס עצה", ווו די טיפן זענען אַ ביסל פאַרטיפטער ארויסגעבראַכט, און אַ געוויסע אידעי̇שע צילבאַוווסטקייט הויערט אין זיי.

וואָס נאָך? אין די דערציילונגען וויברירן אַזוי פיל פּאַסירונגען, צו־זאַמענשטויסן און פּאַראַדאָקסאַלע פּאַרלויפּעניש, אַז זיי רופן אַרויס אַ נײַגער נאָכצוגייען ביז זייער סוף, און דער סוף איז כּמעט אַלע מאָל אַ טרויעריקער.

די דערציילונגען זענען געשריבן אין אַ פליסיקן, רירעוודיקן לשון, כאָטש גאַר אָפט באַנוצט זיך לאַסאָווין מיט אַ זאַגערישן, רעטאָרישן נוסח, און צו מאָל מיט זאַצן, וואָס פּאַסן זיך מער פאַר פּובליציסטישע מאמרים, דערצו באַנוצט ער זיך מיט אָן אַ שי̇עור העברעי̇שע אויסדרוקן, וואָס בישט אַלע מאָל זענען זיי צוגעפּאַסט פאַר דער דערציילערישער פּראָזע און בישט פאַראַן אין קאָנטעקסט, אַ שטייגער: די שטאָט מי̇אָמי רופט ער ניט אַנדערש ווי „עיר הבירה", אַ מענטש איז אַלע מאָל אַ בר נש, די ווערטער: מדובר, בסדר, הרגש, בלחש (מיטגעפּאָרן מיט איר בלחש! ס'הייסט געהיים?) און אַנשטאָט דאָס פּשוטע וואָרט באַדינגונגען, גייט עס תּנאים.

נאָר אַפילו בײַ אָט די „תּנאים" זענען פאַראַן צווישן די 27 מעשׂיות־דערציילונגען אין ל. לאַסאָווינס בוך „אַ נאַכט אויפן ים כּנרת" אַ ריי זאַכן, וואָס לייענען זיך מיט אינטערעס, מחמת ער ברענגט אַרויס וואָרהאַפטיקע געשעעניש פון דעם נײַעם ייִדישן קיבוץ אין מי̇אָמי־ביטש.

עלעהיי אַ צוגעהעפטער קאַליר צו דער מאָזאַיק פון אונדזער הײַנט־צײַטיקער פּראָזע.

יצחק פינערס בוך „מיין מאַמע"

געדאַרפט האָט משמעות דאָס בוך (אַרויס אין פאַרלאַג „ישראל־בוך") היסן „מאַמעס", צי גאָר „מײַנע מאַמעס", נאָר מחמת זינגט די אורמוטער חוה האָט אָפּגעטאָן, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, קען אַ ילוד־אשה האָבן כּידוע בלויז איין מאַמע. —— יצחק פינער האָט שטאַרק ליב געהאַט זײַן מאַמען, זי פאַרערט און געאַכפּערט און איר געטרײַ געווען, פלעגט ער אויסדערציילן די מעלות־טובות פון זײַן מאַמע און וואָס זי איז אַלץ געווען פאַר אים. אָט אַ שטייגער, ווי אין זײַן אַרײַנפירליד צו דעם בוך דערציילונגען:

ביסט דאָס ליד פון אַלע מײַנע לידער.
ביסט דאָס אייביקע געזאַנג.
דאָס לעבן מיט טיפע קנייטשן איז
אײַנגעקריצט אין דײַן געזיכט.
מיט גוטסקייט־שטראַלן דײַנע הענט
אַ ים מיט ליכט.

נו, אַז מען טראָגט אַזאַ אַהבה־געפיל פאַר דער מאַמען און מען זעט אין אירע אויגן „אַ ים מיט ליכט", איז דאָך שוין קיין וווּנדער ניט, וואָס די אַלע מאַמע־געשטאַלטן, וואָס ווערן געבראַכט אין די איבער פערציק „סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן", וועלכע קומען אַרײַן אינעם בוך — זענען מאַמעס, פול מיט אָפּערווויליקייט, מיט האַרץ און נשמה און מיט תּמימותדיקער גרייטקייט זיך מוסר־נפש צו זײַן פאַר דער היים, פאַר די נאָענטע און בעיקר פאַר די קינדער, און אַזוי אַ — צי זיי זענען קליין, צי זיי זענען שוין דער־וואַקסענע מענטשן.

אַ בוך, אַ זאַמלונג דערציילונגען, מיט אַ טעמע אַ צוגעשפּיצטער, מיט אַ צוגעקליבענער, פאַרויס באַשטימטער טענדענץ, שטייט פאַר דער סכּנה פון ווערן איינטאָניק, פון איבערחזרונגען, פון טאָפּטשען אויף איין אָרט, אָדער עס זאָל גאָר ראַפּטעם, מיט אַ מאָל, אַרויספּלײַען צום ענדציל, אַלץ דערפאַר ווײַל מ'האָט זיך פירגענומען אַן אידעע.

יצחק פינער איז דווקא בײַגעקומען און בײַגעשטאַנען כּמעט אַלע שטרויכ־

לונגען, וואָס לויערן שוין אויף דער שוועל פון אַזאַ מאָנטירטן בוך. און דאָס, זעט אויס, צוליב צווי טעמים: ערשטנס, ווײַל ער פאַרמאָגט אַ פאַרבנרײַכע טעמאַטיק, צווייטנס, ווײַל ער שרײַבט זײַנע זאַכן מיט פולער איבערגעגעבנקייט צו די געשעענישן און פאַרלויפענישן וואָס ער ברענגט אַרויס. ער איז גרײַלעך אַלע מאָל ניט ווי אַן אויסערלעכער שילדערער־באַשרײַבער, נאָר ווי איינער פון אינעווייניק, אַ באַענט־אייגענער.

גאָר קיין ספק ניט, ער קען גוט די טעמעס און פּאַסירונגען, די סביבות און פּייזאַזשן וועגן וועלכע ער שרײַבט. דאָס איז די היים פון זײַנע יוגנט־יאָרן, דאָס איז דאָס שטעטל בײַ וואַרשע, דאָס איז די שווערע עמיגראַנטישע צײַט פון אַמאָל. דאָס איז די וועלט־מעטראָפּאָליע — פּאַריז, מיט איר פאַרלאָקנדיקן רייץ און אין איר — אין דער שטאָט פון ליכט און רחבותדיקע אַלייען און מאָנומענטן — דער גרויער, געדריקטער, פאַרהאָרעוועטער און תכלית־זוכנדיקער מענטש. דאָס זענען די טראַגישע, פײַנפולע יאָרן פון צווייטן וועלטקריג מיט די גרויל־איבערלעבענישן פון נע ונד, אונטערערדישער קאַמף און געראַנגל צו בלײַבן לעבן —— און ער דערפירט, פינער, זײַנע סקיצן און דערציילונגען ביז אונדזער איצט, מיט די אויסווירקונגען פון אַל דאָס איבערגעלעבטע. אָט ווי די מענטשן, אָפּגעראַטעוועטע, ניצול־געוואָרענע, פאַרלוירענע, צעטרייסלטע שטייען ווידער אויף צו נײַע נסיונות, צו נײַע פאַרמעסטן צום לעבן. אָבער כמעט אַלעמען באַגלייט דער קאָשמאַרער נעכטן, אַזוי איז מיט מישעל אין דער דערציילונג „די שטומע מאַמע”, און מיט ברכהן אין דער דערציילונג דער „סופּערמאַרקעט”, אַזוי מיט מאַרי קעניג:

„זינט פאַראַיאָן זומער, יעדן באַגינען, צווישן פינף און זעקס, ווינטער צווישן זיבן און אַכט, האָט מאַרי קעניג — איידער נאָך אַפילו זי פלעגט נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, איידער נאָך זי האָט באַוויזן צו פאַרטראַכטן, וואָס אַזוינס זי האָט געהאַט צו דערלידיקן — אויפגעהויבן דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן און אָנגעקלונגען צו עפּעס אַן אומוויסנדער פון אַ הויף אויף דער אַוועני וויקטאָר הוגאָ. זי האָט געוואַרט ביז יענער האָט זיך טאַקע אָפּגערופן און קוים האָט ער זיך אָפּגערופן, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן צי ער האָט טאַקע געוווינט אין דעם דאָזיקן הויז”.

אַ מין מאַנקאָליע איז אין איר אַרײַן, אין אָט דער ייִדישער טאָכטער

מאַרי קעניג. מיט דעם קלינגען אַזוי טאָג־איַין טאָג־אויס האָט זי געהאַפּט סוף־סוף צו דערגיין צו דעם גויִישן שכן, וואָס האָט אין יענער מאוימדיקער צייַט געמסרט איר טאַטע־מאַמע, אַרויסגעגעבן, אַז אין דעם הויז לעבט אַ ייִדישע משפּחה. ווען די פראַנצייזישע קאָלאַבאָריסטן זענען געקומען זיי אַרעסטירן האָט זי די מאַמע אַרויסגעשטופּט דורך אַ הינטערטיר. — זי איז געבליבן לעבן. —— אָבער שוין פופצן יאָר ווי דאָס לעבן גייט איר ניט איַין. נייַן, זי מוז, זי מוז אָפּגעפינען יענעם פראַנצייזישן שכן, וואָס האָט אויס־געליפערט טאַטע־מאַמע צום אומקום.

ס׳איז איינס פון די רירנדיקסטע דערציילונגען אינעם בוך. פינער איז אַ בריה אין אַפּזוכן טעמעס און סוזשעטן. פאַראַן אַ צאָל סקיצן אינעם בוך, וואָס מיט זייער אינהאַלט און גוט פאַרטראַכטן, רעאַלן און צו מאָל סימ־באָלישן מאָטיוו, וואָלט מען געקאָנט אויסבויען מקורותדיקע, פאַרנעמיקע און נאַראַטיווע נאָוועלן. אָבער פינערן איז עס ניט אַלע מאָל געראָטן. אַ שאָד. זייַנע אַרבעטן פאַרמאָגן דערציילערישן זין און תּוכן. וואָס עס פעלט זיי, און דאָס גאָר אָפט, איז קאָנסעקווענטער דערציילערישער סטיל, מער גאַנצקייט אין בעלעטריסטישער פאָרעם, וואָס זאָל זיך ניט וואַקלען און זיך ניט באַוועגן צווישן רעפּאָרטאַזשמעסיקן און נאָוועליסטישן. דערצו נאָך וואָלט ער באַ־דאַרפט זיַין אָפּגעהיטער אין שפּראַך. נייַן, פינער פאַרמאָגט דווקא אַ גוטן, פאָלקסטימלעכן לשון, אָבער ער דאַרף געבן מער שרייַבערישע מי פאַר דער אינערלעכער שפּראַך־קאָנסטרוקציע פון זייַנע שאַפונגען.

פינער האָט שוין אַרויסגעגעבן זעקס ביכער. ראָמאַנען און דערציי־לונגען. ער איז שוין אַ שרייַבער מיט סטאַזש און פּאָזיציע. דעריבער טאָקע פאַרפּליכטעט אים מער. און ער ווייסט מסתּמא ווויל אַז אַזעלכע שורות, אַ שטייגער, ווי „אַ פאַנטאַסטישע פּאַנאָראַמע עפנט זיך פאַר זייער פאַר־וווּנדערטן בליק״ (ז׳ 226), קאָן בשום־אופן ניט פאַרטרעטן קיין בעלעטריס־טישע נאַטור־שילדערונג, ווי זי וואָלט זיך אַרייַנגעפּאַסט אין דעם קאָנטעקסט פון דער דערציילונג פון די באַרג־קלעטערערס. אָדער ביַי אַנדערע, אַזעלכע און ענלעכע שטעלן. זיַין שאַפונג וואָלט דערמיט אָן ספק אַ סך געוווּנען.

דער דיכטער י. צ. שאַרגעל האָט געגעבן אַן הקדמה צו דעם בוך, וואָס באַליַיכט די איַיגנדיקע טעמע פון מחבר.

שמחה אייזין

(איינער פון די דיכטערס־ראשונים אין ארץ־ישׂראל)

שוין זינט אַ לענגערע צײַט געפינט זיך בײַ מיר אַן אָנגעפּראַפּטע טעקע מיט כּתבים. דאָס האָט אָנומלט רבקה קאַצענעלסאָן — אַליין אַ שרײַבערין און זשורנאַליסטין, מיר איבערגעגעבן דורכצוקוקן די צונויפגעזאַמלטע מאַנוסקריפּטן פון איר מאַן, דעם פּאָעט שׂמחה אײַזין.

25 יאָר נאָך זײַן טויט האָט די משפּחה צוזאַמען מיט אַ פרײַנד, אַ מקורב צו פּאָעזיע, צונויפגעקליבן דעם ליטעראַרישן עזבון, אויסגעסדרט און צוגעגרייט בכדי אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון שׂמחה אײַזינס שאַפערישן איבערבלײַב. וואָלט עס געווען מער ווי אַ חסד של אמת, די צונויפגענומענע, צונויפגערינגטע לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס זאָלן דערזען די ליכטיקע שײַן, זיי זאָלן אַרויס אין אַ בוך. איז ער דאָך געווען איינער פון די ראשונים פון דער גרופּע ייִדישע שרײַבערס אין ארץ־ישׂראל.

חלילה, איך וויל ניט זײַן פּאַטעטיש. אָבער אָפּט מאָל האָב איך דאָס געפיל אַז פון אָט דעם פּעקל שריפטן רעדט אַרויס צו מיר מיט טענה, און מיט ווייִקן פאַרדראָס, אַפילו ווען די טענות זענען אײַנגעהאַלטענע, שעמעוודיקע, מיט חנעוודיקער אומבאַהאָלפנקייט אין קול, וואָס איז געווען אַזוי אייגנדיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר שׂמחה אײַזין, בעת די אַגוסטיקע שרײַבערישע געפעכטן: סטײַטש? אַזוי — אָ! געווען אַ מאָל און נישטאָ מער, אַפילו קיין זכר נישט?

לייען איך מיר ווידער אַרײַן אין אָט דעם פּעקל לידערישע געשריפטן און עס גייט אויף פאַר מיר אײַזין, דער טשיקאַווער מענטש און מערקווערדיקער פּאָעט, דער גוטער חבר און דער זעלטענער קענער פון די ארץ־ישׂראלדיקע פאַרהוילענישן, דער פאַנטאַזיאַר און דיכטער, וואָס פלעגט גראָד אין דער ספערע פון צעכוואַליעטער חברותאדיקייט (אויך אין דער באַרימטער באַהעמישער „חברה טראַסק") גאַר אָפט בלײַבן אַליין, בלײַבן מיט זיך, ווי אַוועק פון דעם אַרום — אויסשווײַגן זײַן אומעט, זײַן איינזאַמקייט.

כאָטש ער איז געווען אַזוי פאַרחברט מיט די מענטשן פון זײַנס סגאַל, געווען אָפן און אָן פּניות, איז ער באַגלײַך מיט דעם געווען פאַרשלאָסן אין

זיך, אַרײַנגעטאָן אין זיך, ווי עפּעס וואָלט אין אים אָן אויפהער געטאָטשעט, געמאָנט און געצוקט. — שווער געווען צו וויסן, וואָס עס האָט אים געמאַטערט: די אַנטווישונג אין דעם וואָס ער האָט ניט דערגרייכט צו וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן? צי זענען עס געווען די נאַטירלעכע געמיט־ראַנגלענישן פון אַן אמתדיקער קינסטלער־נאַטור, וואָס אײַזין האָט, אָן ספק, פאַרמאָגט? צי גאָר די שוועריקייטן וואָס ער האָט געהאַט בײַם באַנעמען היינטצײַטיקע פאַרלויפענישן און געבן זיי געפורעמטן לידערישן אויסדרוק? — —

דאָס שרײַבן איז אים אָנגעקומען ניט לײַכט. די ווערטער האָבן זיך געקרײַזט אַרום אים ווי פייגל צעלאָפּענע פון שטײַג. ער האָט זיי מיט מי צונויפגענומען, זיי געכאָוועט און געוואַרעמט, און געפּרווּט זיי אָרדענען, בעיקר פאַרב צו פאַרב, און צוזייגענען, פאַררינגלען זיי מיט זײַנע געפילן, איבערלעבענישן, שטימונגען.

כּמעט אַלע זײַנע לידער טראָגן דעם הויך און דעם אָטעם פון זײַן אויסגעמלעכער שפּירונג, פון זײַן אייגנדיקער וועלט, וואָס ער האָט אויסגעטרוימט און באַגערט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש און וואָר פאַר אים און פאַר זײַן שאַפן, ווי ער זאָגט אין דעם ליד „אין גאַנג":

איך מיט הימל־בלויקייט איבער מײַן קאָפּ,
וואַנדער דאָ אין מידבר־לאַנד כּנען,
אַ באָרוועסער, אויפן הייסן זאַמד און שטיין —
היינט, נעכטן און מאָרגן —
ווי אַ הינדל פונעם איי אַרויס,
מיט שטיקער זון אַרום די פיס
און ליכט אַרום די הענט,
מיט לאַכעדיקן אָטעם איבער אַלע בערג;
און קיין זאַך איז ניט ווײַטער ווי איך אַליין אין גאַנג,
און קיין זאַך איז ניט וואַרעמער ווי מײַן אייגן לײַב.

כ'גיי פון ים־התיכון ביז צו די בערג פון חורן,
איבער פעלדזן, שטיינער און העלע מידבר־ליכט;

װינטן און אַנגעיאָגטע װאָלקנס װײַזן מיר דעם װעג
מיט נצחון צו די הימלען װײַל זײ בלײַבן הימלען,
מיט נצחון צו די מענטשן װײַל זײ בלײַבן מענטשן.

דאָס לידערבוך װאָס װערט צוגעגרײט װעט זיך עפענען מיט אַן „אַרײַנפיר־װאָרט" פונעם דיכטער אַליך, ריטמישע אָבער סקוטשנע שורות, װאָס אײַזין האָט זײ געשריבן אין יאָר 1919, אַלט זײַענדיק צװײ און צװאַנציק יאָר. גײט עס אַזױ:

װען איך װעל שױן אַלט זײַן און גראָ —
װעט זיך בענקען נאָך די יונגע צײַטן,
לעצטער חשבון איז אומעטיק און לער,
אױסגעברענט — פאַרלאָשן לעצטער באַגער.
ענדע טעג ציִען װי װאָלקנס פון דער װײַטן,
כ'בין אײנער מיט אַלע דאָ געװען —
װאָס איז געשען איז געשען —
װײנענדיק און לאַכנדיק,
ביז דער לעצטער שעה...

אין אַט אַזאַ שטימונג איז ער שױן דעמאָלט געװען. — — —

צװישן דער קלײנער גרופּע יִידישע שרײַבערס װאָס איך האָב אָנגעטראָפן מיט אַ קנאַפּן יובל יאָרן צוריק, בעת מײַן קומען אין לאַנד, האָט זיך באַזונדער אױסגעטײלט שׂמחה אײַזין אָדער — װי אַ צײַט איז געװען זײַן פּען־נאָמען — יעקב שטאָל. ער איז געװען עפּעס אַנדערש מיט זײַן אױפּפאַסן שרײַבערישע פּראָבלעמען, מיט זײַן איבעריקײט צו ייִדיש, מיט זײַן מאַניפעסטירן פּרי־מיטיװקײט און מיט זײַן טשודאַטשנעם אופן פון מפרש זײַן פּאָעטישע ענינים, װאָס דאָס סאַמע שײנדל זײערס דאַרף זײַן פּאָלקסטימלעכקײט.

פון װאַנעט האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ אױסטערלישע פאַרליבטקײט און אַזאַ באַגער צו אַלטיִדישער פאָלקסטימלעכקײט, אַז אַלע יאָרן איז ער געװען אַ תּושב אין ארץ־ישׂראל? און אױב ער איז ניט געװען אין לאַנד,

איז עס נאָר דערפֿאַר ווײַל אין ביידע וועלט־מלחמות איז ער געווען אַ סאָלדאַט אין „דזשאָן בולס" אַרמיי. נאָר גיי פֿאַרשטיי די רעיונות און די וועגן פֿון אַ ייִדישן דיכטער, און בפֿרט דאָס צעוויגטע, ווידעראַנאַנדיקע און טראַציקע געמיט וואָס האָט אים אַלע מאָל באַהערשט.

ער איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל נאָך גאָר אַ ייִנגל. געווען איז עס עטלעכע יאָר פֿאַר דעם ערשטן וועלטקריג. ארץ־ישׂראל איז דעמאָלט געווען אין די אָנהייבן פֿון נײַעם אויפֿקומענדיקן לעבן, פֿון נאַציאָנאַלער אויספֿורע־מונג. פֿון זײַן שטעטל בײַ בריסק האָט ער, דאַכט זיך, מיטגענומען אַ גאָר קנאַפּן באַגאַזש פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, אַ גאַנץ מאָגערן פֿאַרמעג פֿון טאַטע־מאַמע־היים. דערפֿאַר האָט ער אָבער מיטגעבראַכט אויסגעוואַ־רעמטע חלומות, צעצונדעגעם ווילן און עקשנות, און אַן אויסנעמלעכע פֿאַר־ליבטקייט אין זײַן געמישטן פּויליש־ליטווישן ייִדיש.

אַז עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן די טערקישע מו־שלים, וואָס האָבן געהערשט אין פּאַלעסטינע, ווי אַ סך טויזנטער ייִדן, אויך אים משלח געווען פֿון ארץ־ישׂראל, און ער צוזאַמען מיט זײַן עלטערן ברודער אַברהם (אַ פֿירער אין „הפּועל־הצעיר") האָבן זיך באַזעצט אינעם לאַנד פֿון די פּרעהס. ס׳געדויערט ניט לאַנג און ער קומט צוריק, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע ווי ער, — יונגע, קרעפּטיקע, טרוימערישע און געוואַגטע.

ער קומט צוריק ווי אַ סאָלדאַט אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעגיאָן, (ווו עס זענען געווען אויך עטלעכע שפּעטערדיקע ייִדישע שרײַבערס, צווישן זיי אפֿרים אויערבאַך, זישע ווײַנפּער, ז. ברכות, א. בליי־צפּורי). אָט דאָס לעבן אַ שטיקל צײַט אין דער אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליע צווישן שטאָטישע אַרבעטערס, אין דער געדיכטער, יוירנדיקער ייִדישער סביבה פֿון יענער צײַט — האָט פֿאַר אים אַנטפּלעקט עפּעס נײַס און לאָקנדיקס... יאָרן שפּע־טער פֿלעגט ער ניט מיד ווערן צו דערציילן וועגן זשיטלאָווסקין, וועמען ער האָט געהערט רעדן אין אַמעריקע, וועגן בער באָראָכאָוון און וועגן דער קופּער־יוניאָן ווו ער האָט געלערנט די קונסט פֿון מאָלערײַ...

סאָלדאַט איז סאָלדאַט, און אַבזין מאַכט דורך מיטן לעגיאָן אַלע עטאַפּן און וואָגלענישן אויפֿן נאָענטן מיזרח. ער קומט שפּעטער און שטעלט זיך צו אין תּל־חי. עס איז די טראַגיש־סימבאָליש־העראָישע תּל־חי, דער אַנ־

הייב פון אַ ריי ווײַטערדיקע, כּסדרדיקע געראַנגלען פאַרן ארץ־ישׂראלדיקן זײַן און קיום.

די אַמאָליקע האַרבע ארץ־ישׂראל־רעאַליטעט (הײַנט באַטיטלט מען עס מיט איראָניע — ציונות), די הייסע זאַמדן, די בײַסיק־גלײַענדיקע ווינטן, די געדיכטע, גאַליקע זומפּן, הכּלל, דער מידבר און די שווערע האַרעוואַניע האָבן אויסגעפורעמט אַן אייגנאַרטיקן טיפּ ייִד, אַן אייגנאַרטיקע עדה, וואָס פאַרשווינדט איצט — דאָס איז דער אַלטער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטסמענטש, דער אַמאָליקער פּיאָנער. אויך שׂמחה אײַזין האָט געהערט צו יענע ערשטע, וועלכע האָבן די וועגן געפּלאַסטערט, די אורשטיינער געשפּאָלטן, ברינעמער געגראָבן און געוועכטעוועט. הקיצור, נישקשה, ס'איז דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען... נאָר אים האָט לחלוטין געפעלט די דעמאָנסטרירנדיקע זיכערקייט, און דאָס איבערנעמען זיך מיט דער חלוצישקייט, וועלכע איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רוב אַלט־אײַנגעזעסענע ארץ־ישׂראל בויערס.

ער איז געווען אַ טיף פאַרוואָרצלטער און געטרײַער ארץ־ישׂראל־ייִד, שׂמחה אײַזין, אַ תּמיד גרייטער צו אַלע נסיונות, וועלכער דער ייִשוב האָט אַזוי אָפט צוגעשטעלט — און געפאָדערט. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דאָס סאַמע סכּנהדיקסטע. און דאָך האָט זיך שטענדיק עפּעס געבונטע־וועט אין אים. און אַ דויערנדיקן פאַרדראָס האָט ער געטראָגן אויף די, וואָס האָבן נעגירט זײַן ליבע, זײַן ליבע צו ייִדיש, צום ייִדישן וואָרט און צו ייִדישער שאַפונג.

אַן אויפרודערנדיקע, טראַגישע איבערלעבונג איז געווען פאַר אים ווען ער האָט אַליין געזען דעם ים פון פּײַן און עלנט, דעם גרויל און חורבן, בעת ער האָט זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט די ניצול־געוואָרענע פון וואַלד און קאַצעט, פון געטאָ און פּײַנוועגן, אין די ערשטע טעג נאָך דער באַ־פרײַונג אין אייראָפּע. דאָס איז געווען אין דער צעשטורעמטער און צעפּליג־דערטער איטאַליע, ווו ער איז געווען אַ פרײַוויליקער סאָלדאַט אין דער ארץ־ישׂראלדיקער בריגאַדע, הגם סײַ לויט זײַן עלטער, סײַ לויט זײַן ציווילער אַרבעט האָט ער געקאָנט בלײַבן אין לאַנד, אין זײַן היים. נאָר דעם אַלטן אויסגעפּרוווטן זעלנער איז ניט ניחא געווען צו בלײַבן אין אַ זײַט, ווען

ס׳גייט־אָן אַזאַ פאַרביסענער קאַמף פאַרן כבוד פונעם מענטש, פאַרן לעבן און ווערדע פונעם ייִד — —

האָט ער אויף די פעלדער פון בענגאַזי, אין די שווערע טעג פון על־אַלאַמעין געהאָלפן אויפרײַסן בריקן, און אויסלייגן מינעס, צוגרייטן באַ־שעדיקונג פאַר אונדזערע בלוטיקסטע שׂונאים, אָט אַזוי ווי ער דערהערט דעם אינערלעכן רוף:

... איך לייען דעם טאַטנס ציטערדיקן כּתב:
„ס׳אַ גרויסע בהלה הײַנט אויף דער וועלט,
און דורך דער בהלה אַ נײַער באַשאַף..."
און ער הייסט מיך אויפשטיין שאַרפן דאָס מעסער,
מיט כּוח זיך שטעלן דעם רישעות אַנטקעגן!
און אײדער דו פאַלסט אויף קידוש־השם,
זאָלן קני פונעם שׂונא ווערן צעבויגן...
זאָלסט צייכענען בלוט אַדאָרט ווו דו גייסט,
קללה, רציחה זאָל ברענען אין דיר.
נאָר נישט ואהבת לרעך כּמוך, —
און אויפברענגען זאָלסטו נקמה פאַר מיר.

קענען מיר אײַזינס דיכטערישע מאָטיוון, די לידער־פּייזאַזשן, זײַנע מיז־רחדיקע נאַטור־שילדערונגען — ווערן מיר איבערראַשט פון דער אימפּע־טיקער פײַנדשאַפט, פון דער שׂינאה, וואָס האָט דעם דיכטער געבריט און געצונדן. ער איז, וואָס אַן אמת, שוין פון פריִער געווען צעטומלט און אַנטוישט, געפילט פײַנדשאַפט צו יענע כּוחות, וועמען ער האָט מיטגעהאָלפן זיך פאַר־זיכערן און באַפעסטיקן אינעם לאַנד. אין די יאָרן 1938/39, בעת די אַראַבישע איבערפאַלן, איז ער געווען מאָביליזירט אין דער ענגלישער אַרמיי ווי אַן אונטער־אָפיציר. די זעלבע בריטישע זעלנערס האָבן דאָך באַלד נאָך דעם — ווי ים־פּיראַטן, געלויערט און פאַרכאַפּט שיפלעך מיט אויסגעמאַטערטע, אויסגעפּלינדערטע ברידער, אונדזער שארית־הפּליטה (דאָס ליד „די שיף טיגער היל").

אײַזין איז געװען אויסגעבונדן מיטן לאַנד, מיט יעדן װינקעלע. ס'איז אים נאָענט געװען דער טוי און דער דרומדיקער מידבר, דער חמסין, די טריקענישן און די גאַסרעגנס. ער איז אַ קענער פון בוים און פעלד און אַ ידען אין פעלדזן און געװיקסן, װײסט װוּ אַ װאַסערקװאַל ריזלט, און װוּ אַ שאָטן צו געפינען. זענען די לידער זײַנע אָנגעזאַפּט מיט עכטן דופטיקן ארץ־ישׂראל־אַראָמאַט, ברענגט ער אַרויס אין זײ דעם היגן קאָלאָריט, די דעמאָלטיקע רוי־פּאַרביקע ארץ־ישׂראל־לאַנדשאַפט, װי רוי־ערשטפּעלד:

װערעמלעך, װאַסערלעך און שװאָמען,
פליגעלעך פון פערלמוטער גרין,
פליגעלעך אויף צװײַגן. אויף די זאַנגען,
שלענגעלעך און שלאַנגען פון יעדן מין.
װי אַ שאָטן זיצט די טויב און װיינט...
טראָפּנס טויען. גרינע גראָזן פאַלן.
סאַלים דעם פּלייטן־שפּילערס פינגערס
שפּילן איבער װײַטע בערג און קװאַלן.

און אָט זאָגט ער אַזוי איינפאַך, בילדעריש און שפּילעװדיק:

דער שניטער לאַכט —
ער בייגט זיך װי אַ זאַנג,
און הייבט זיך װי אַ זאַנג,
די זאַנגען פאַלן צו זײַנע פיס אַראָפּ.
ער עפנט־אויף די אויגן טויזנט־טויזנט מאָל,
די קאָסע איז אויך מבשׂר טויזנט־טויזנט מאָל:
ער װישט די פּאָסן שװיס, שטויבט־אָפּ די פּעדעם זון,
הייבט אויף דעם קאָפּ אַרויף צום באַרג —
און פאַרגעסט װי אַלט ער איז.

אַ צײַט לאַנג האָט די אַראַבישע טעמאַטיק פאַראינטערעסירט אַ ריי העברעיִשע און אויך ייִדישע שרײַבערס. ס'האָט פאַראינטריגירט דער פרעמ־דער מאָטיװ, דער פאַרבאָרגענער. ס'האָט געלאָקט דאָס אומבאַקאַנטע, דאָס

מיזרחדיקע, לׂמען־האמת מוז געזאָגט ווערן: נישט ווינציק פון אָט די צוגע־אייגנטע, צוגעשפּיצטע שאַפונגען זענען בלויז אויבנאויפיקע, אומבאַהאָלפענע שילדערונגען, געשלייערט אין צוויפלהאַפטער אָריענטאַלישער אָרנאַמענטיק.

אַנדזין האָט אין זײַנע מיזרח־מאָטיוון, אין זײַנע אַראַבישע פּייזאַזשן און באַזונדערש אין זײַן פּאָעמע „אַ חתונה אין קאַטראַ" (אַ פּאָעמע פון זעכציק זײַטן, געדרוקט אין יאָר 1931), אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער דיכטונג אַן אָריגינעלע און אויסגעמלעכע שאַפונג. די דאָזיקע מקורותדיקע פּאָעמע ווירקט נישט נאָר מיט דער אַרויסגעבראַכטער מיזרחדיקער ראָמאַנטיק. ס'איז ווייניק אויך וואָס אַנדזין איז אַן אײַגענער אין די מינהגים און פּירעכצן פון אונדזערע לאַנד־שכנים, איז אַ בקי אין זייער אָרט לעבן, אין זייערע נויטן, ווי אין זייערע שימחות און יום־טובים. מיט אַ שטאַרקן פּאָעטישן געפיל און בפירוש קינסטלערישער אינטויִציע האָט ער געמאָלן פאַר אונדז די סביבה, געשטאַלטיקט די מענטשן, זייער שטייגערגאַנג, זייער טראַדיציע, אַרויס־געפילט דעם באַזונדערן, אייגנדיקן אַראַבישן אימפּולס. ס'איז דער עכט־אַראַבישער פּייזאַזש.

איז „אַ חתונה אין קאַטראַ" נישט נאָר אַ ביז גאָר געראָטענע דיכטערישע שאַפונג, נײַערט אויך אַן עכטע שילדערונג פון אונדזערע נאָענט־ווײַטע שכנים:

יום־טוב אין דער כּלהס שטוב,
דורכן פענצטער גלעט דער ווינט,
אירע פינגער פאַרבט די מאַמע,
טרײַבט פון איר אַוועק די זינד.

שטענדיק איז אַזוי געווען:
אַלע יאָרן — אַלע צײַטן,
ס'וועלן הימלען אָפן ווערן,
און מלאכים דיך דערזען.

און זי וואַשט איר לײַב מיט וואַסער
פונעם ווײַסן וואַסערקוואַל,

און זי פאַרבט איר אויס די נעגל
מיטן בלינדן פויגלס גאַל.

איציק האָט נישט פאַרמאָגט קיין גענוגנדיקע ידיעות אין די טעאָרעטישע יסודות פון דיכטונג, געווען אַ קנאַפּער קענער אין די כּללים און פאָרמולעס פון שרײַבן אַ ליד, האָט כּמעט ניט מקפּיד געווען שייך גראַם, ריטעם און מעטרום, אָבער טשיקאַווע, ער האָט זיך תּמיד געגעבן אַן עצה. ווי ס'ווײַזט אויס, האָט אים זײַן אינערלעך־פּאָעטישער חוש אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג.

גרײַלעך אין אָט דער פּאָעמע „אַ חתונה אין קאַטראַ" איז ער דערגאַנגען ממש צו מײַסטערשאַפט. ס'איז אים בריהדיק געראָטן צו פאַראייניקן די טעמאַטיק מיט דער פאָרעם; דער סטיל דערגאַנצט דעם מאָטיוו, דאָס בילד איז אויסגעבונדן מיטן ריטעם, מיטן וואָרטקלאַנג. ס'איז אַן אַראַבישער יום־טוב:

זקנים קומען זיך צונויף,
זקנים גייען הײַנט נישט שלאָפן,
טירן וויגן זיך פאַר פרייד,
אַלע טויערן שטייען אָפן.

אַבולבאַב טיילט־אָפּ כּבוד,
לאָזט נישט כאַפּן פרײַער קיינעם,
יעדן טאַבאַק, יעדן פײַער,
ס'איז די טאַץ פאַר יעדן איינעם.

אַ מאָל דאָס גליק פאַרגייט
אַ מאָל דערהייבט די פרייד,
אַ מאָל איז אַלץ גענאַרט,
אַ מאָל איז אַלץ דערוואַרט;

כאַסאַן־אַבעד דרייט דעם בויך,
כאַסאַן־אַבעד וואַרפט די שיך.

כאַסאַן־אַבעד צוימט דעם לויפן,
טאַנצט דעם טאַנץ אַרײַן אין זיך.

אויסער אַ ריי לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס אויף אַראַבישע מאָטיוון האָט ש. אײַזין געשאַפן אויך עטלעכע דראַמעס פון אַראַבישן לעבן. אין „מאַסכאַראַ" (דער חוזק) „פון יאַריד" און אין „דער פּלייטן־שפּילער" — ברענגט ער אַרויס קרעפטיק און בילדעריש אַ ריי סאָציאַל־עטישע פּראָבלע־מען פון ארץ־ישׂראל, אירע עדות און שבטים אויפן פאָן פון איר העראָישן עבר און געוואָגטן פּיאָנערישן אויפקום.

ער האָט יאָרן געחלומט אויפצופירן כאָטש איינס פון זײַנע מיזרח־שאַ־פונגען אויף דער יידישער בינע. אָבער דער חלום איז נישט מקוים געוואָרן. איז עס דען דער איינציקער טרוים זײַנער וואָס איז נישט מקוים געוואָרן?

איינס איז אָבער יאָ מקוים געוואָרן, מקוים געוואָרן אַזוי מערקווערדיק און טרויעריק. אָפט — בעת זײַן שיכּרותדיקער פאַרנעפּלטקייט — פלעגט ער זאָגן צו מיר: „הער, קיינער פון אײַך וועט פון מיר נישט לײַדן, איך וועל אַוועקגיין אַזוי שטיל, אַז איר וועט עס גאַרנישט באַמערקן, אָט ווי עס פאַר־שווינדט אַן ארץ־ישׂראלדיקער בין־השמשות..."

ער איז געשטאָרבן אַזוי פּלוצעם, אַזוי שטיל; געווען איז עס אין אַ טיפן שפּעטזומערדיקן פאַרנאַכט. בלעטערנדיק אַ זאַמלונג צייכענונגען פון זײַן נאָענטן און באַליבטן חבר, דעם מאָלער שמי, — האָט אין געציילטע מינוטן שוין אַ קאַלטער רויקער שמייכל באַדעקט זײַן פּנים.

שׂמחה אײַזין איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון אַ יידישן באַהעמע־מענטש. אַ נשמהדיקער, אַ האַרציקער, מיט אַ זעלטן געפיל פאַר פּאָעזיע און קונסט, מיט אַ טיפער לירישער צאַרטקייט, וואָס האָט אָפט מאָל כּלל נישט האַרמאָניזירט מיט זײַן יינגלשער, טראַציקער צעכראַסטעטקייט און עקשנות.

געווען אין אים אַ פּאַראַדאָקסאַלע שלימות.

עס בענקט זיך נאָך אַזאַ געשטאַלט אין אונדזער סביבה. אָט די וואָס האָבן אונדז באַהעלט און באַשײַנט — —

דער גאַנג און גורל פון דער יידישער קינדער־ליטעראַטור *

לאָמיר אָנהייבן, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ פראַגע, הגם איך בין זיכער אַז סײַ די פראַגע און סײַ די תשובה זענען שוין וויל באַקאַנט.

ובכן, די פראַגע איז, געמלעך, אַזאַ: צוליב וואָס אייגנטלעך באַמיט מען זיך — אַ וועלט מיט מענטשן, פון אַלע פעלקער און לענדער — פאַר דער דערציִונג פונעם יונגן דור, פאַר דער דערציִונג פון די קינדער? יחידים און געזעלשאַפטן פון אַלע קלאַסן און שיכטן האַלטן די דערציִונג פון די קינדער פאַר איינער פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס אין לעבן. אַזוי איז עס דאָך געווען אין די עלטסטע צײַטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע, און אַזוי גייט עס אָן ביזן הײַנטיקן טאָג.

נאַטירלעך האָט יעדע געזעלשאַפטלעכע ריכטונג געזוכט אויסצונוצן די דערציִונג פונעם יונגן דור פאַר אירע אייגענע צילן, ווי דאָס הייסט אויף דעם הײַנטיקן לשון: פאַר דער „געזעלשאַפט פון מאָרגן".

האָט מען אין אַמאָליקן גריכנלאַנד דערצויגן דעם יוגנטלעכן ער זאָל האָבן אָפּשײַ און דרך־ארץ פאַר שיינקייט, גבורה און דערהויבנקייט, און די קריסטלעכע וועלט האָט זיך באַמיט צו אַנטוויקלען געהאָרכזאַמע דינערס פאַר דער קירך. און די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט דערצויגן אירע יוגנט־לעכע אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַרמאָגן נוציקן וויסן וועגן טעכניק און יענע בילדונג און געבילדעטקייט, וואָס דער ציל זייער איז וואָס מער אויסנוצן די נאַטור, שאַפן וואָס מער רײַכטימער, רײַכער מאַכן דאָס לאַנד, דאָס פאָלק, מאָדערני־זירן און הייבן די סטאַנדאַרטן פון לעבן.

ס'הייסט, מען דאַרף דערציִען אַ נוציקן מענטש פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס קען מיט זײַן בילדונג און וויסן באַרײַכערן דאָס לאַנד, צו וועלכן ער געהערט, אין וועלכן ער לעבט.

שוין צענדליקער יאָרן ווי לענדער און פעלקער שטייען איינס קעגן אַנדערן מיט פאַרשטײַפטע ציין און נעגל, און עס גייט אָן אַ געיעג, ווער וועט

---

* פון אַ רעפעראַט.

פריִער קענען אַנטדעקן די פֿאַרבאָרגענע כּוחות און פֿאַרבאָרגענע אוצרות פֿון דער נאַטור. און עס שטייט איצט די גאַנצע וועלט אין אַנגעשפּאַנטער נײַגעריקייט. אָבער אויך — צו מאָל — מיט די אַלע דערגרייכונגען, און מיט די התפּעלותן פֿאַר דעם מענטש, וואָס קרײַזט אַרום הײַנט די וועלט אין ווייניקער ווי צוויי שעה אויף אַ הייך פֿון אַ פֿערטל טויזנט קילאָמעטער, — שטייט אין איין שרעק און פּחד פֿאַר דער מאַכט פֿון וויסן און טעכניק, וואָס דערווײַל האָט זי נאָך קיין סך גליק נישט געבראַכט.

גאָר אַנדערש — זאָגט ריכטיק וועגן דעם דער אַלטער פּעדאַגאָג און עסייִסט אַברהם גאָלאָמב — איז די דערציִונג און אירע צילן בײַ ייִדן, בײַם ייִדישן פֿאָלק. דאָ איז קודם־כּל געווען דער ציל לערנען לשם לערנען, לשם דערציִען אַ באַוווסטזיניקן און תּורהפֿולן מענטש. אַזוי איז עס געווען אין אַלע צײַטן, שוין אין דעם ווײַטן אַמאָל, און אַזוי איז עס געווען ביז אַנומלט, ווען די ייִדישע ליטעראַטור און די ליטעראַטור פֿאַר קינדער האָט געווירקט.

ווען אייגנטלעך הייבט זיך אָן און פֿון ווען דאַטירט זיך די קינדער־ליטעראַטור אין ייִדיש? דעם אמת געזאָגט, איז שווער צו ענטפֿערן אויף דעם, מחמת ס'איז אַ ברייט פֿעלד, וועמענס וואָרצלען שטעקן אין טיפֿן דורותדיקן לעבן. און נאָך עפּעס, די ספּעציפֿישקייט פֿון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט מאַכט נאָך שווערער צו קאָנקרעטיזירן אַזאַ דאַטע, אַנצווײַזן, אַז די־און־די שאַפֿונג איז דער בראשית פֿון דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור. אָבער ס'איז גאָר קיין ספֿק נישט אַז דער אָנהייב פֿון דער קינדער־מעשׂה און פֿון קינדערליד געפֿינט זיך שוין העט ווײַט און טיף אין אונדזער פֿאַרגאַנגענעם לעבן.

ווײַל ס'איז קרוב לאמת, אַז אין דער נישט־געשריבענער מעשׂה, אין דער דערציילטער און איבערדערציילטער, דאַרפֿן מיר זוכן דעם אָנהייב בײַ אונדזערע עלטער־עלטער־באָבעס וועלכע האָבן אויף היימישע שוועלן און פּריזבעס פֿאַרוויגט זייערע אייניקלעך מיט כּישופֿדיקע לידעלעך, מיט קורצע, בילדערישע, און פֿאַר קינדערס הנאה וועגן געמאַכט עס אין האַרציקע גראַמען, לײַכט, און לויטן מוסטער: „אַ העמדעלע אַראָפּ אַ געזונט אין קאָפּ, אַ העמדעלע אַרויף אַ געזונט אין גוף"...

און דעם אָנהייב פֿון אונדזער קינדער־ליטעראַטור דאַרפֿן מיר אויך

זוכן בײַ יענע אָרעמע אין חומר און רײַך אין פֿאַנטאַזיע חומש־מלמדים, װעלכע האָבן אין די עצבֿותדיקע פֿאַרנאַכטן געקענט אַזױ װוּנדערלעך אױס־פֿאַנטאַזירן און אױסבױען און פֿונאַנדעראַרבעטן מיט שװוּנג און פּאַטעטישן געשמאַק און דערצײלערישער שפּירעװודיקײט די מעשׂיות און פֿאַרלױפֿעניש פֿון חומש, געקענט אַזױ פֿאַרביק שילדערן, נאָענט און הײמיש מאַכן לעגענדע און חומשדיקע העראָיק. און דעם אָנהײב פֿון דער נישט־געשריבענער קינדער־ליטעראַטור קענען מיר אפשר אויך געפֿינען בײַ די אַמאָליקע ייִדישע דאָרפֿ־גייערס, אָט די פּשוטע און מיט דער נאַטור אויסגעבונדענע ייִדן, װאָס זענען געװען אי גבֿורהדיק־געװאַגט און העזהדיק, װען מ׳האָט געדאַרפֿט, און אי אַזױ צאַרט און באַזאָרגט װי קינדער. אָט די ייִדן־דאָרפֿגייערס, אַרענדאַרן, דאָרפֿ־הענדלערס, װעלכע ז. שניאור, א. מ. פֿוקס, י. מעצקער, און אַ סך אַנדערע, האָבן מיט אַזױ פֿיל חן פֿאַראײביקט אין אונדזער ליטעראַטור. פֿון די פֿאַר־שנײטע װעגן, פֿון סלאַװישן װינטער האָבן זײ אַנגעטראָגן דעם הױך און אָטעם פֿון דער קינדערישער מעשׂהדיקײט. פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטע ייִנגלעך, פֿון געטרײַע הינט און קעץ, פֿון גױישע בײזע שׂררות, װאָס לסוף איז מען זײ מנצח. מעשׂיות, פֿאַרשטײט זיך, מיט אַ מוסר־השׂכּל...

דאָס אַלץ זענען, מעגלעך, בלױז השערות, — השערות װעגן דער נישט־פֿאַרשריבענער מעשׂה און ליד פֿאַרן קינד. אױב די ייִדישע ליטעראַטור, בעיקר די פּאָעזיע, איז נישט דורכגעגאַנגען דעם זעלבן עטאַפּן־װעג װי די פּאָעזיע בײַ אַנדערע פֿעלקער, װײַל די ייִדישע דיכטונג איז כּמעט באַלד געקומען אַ רײַפֿע און האָט נישט דורכגעמאַכט די אַלע פּראָצעסן במשך יאָרהונדערטער, װי די דיכטונג בײַ די אומות־העולם, זעט אָבער אױס, אַז װאָס שײך קינדער־ליטעראַטור זענען אירע אָנהײבן געװען די זעלבע װי בײַ אַנדערע פֿעלקער, און נישט נאָר איר אָנהײב נאָר אױך איר אינער־לעכע אַנטװיקלונג און בהדרגהדיקע שטײַגונג סײַ אין טעמע, סײַ אין פֿאָרעם.

לאָמיר נאָך עפּעס געדענקען: קײן שום געביט אין דער ליטעראַטור האָט נישט אַזאַ שײַכות, אין תּוכן און אין דער פֿאָרעם, בײַ אײן פֿאָלק צום אַנדערן, װי די שאַפֿונג פֿאַר קינדער. לאָמיר אַפֿילו נעמען אַזאַ אָריגינעל אײגנאַרטיקן און סימבאָליסטישן פּראָזאַיקער װי ס׳איז געװען דער נסתּר, אָבער אויך זײַנע קינדער־דערצײלונגען — הגם ער האָט געזוכט צו אַנטפּלעקן

אין זײַנע מעשׂיות ראָמאַנטיק פון דער ייִדישער פאָלקס־מעשׂה, מיט אַלע אויסטערלישע און מערקווערדיקע געשטאַלטן אירע, מיט די לצים, שרעטע־לעך מזלות, גייערס, בעטלערס, וונדער־באַבעס, מיט דער גאַנצער מאָלע־רישער שיינקייט און וואַרעמער פאַרנעפּלטקייט רופן זיך איבער מיט די מעשׂיות און קינדער־לעגענדעס פון אַנדערע פעלקער.

זאָלן מיר זאָגן אַז מענדעלעס „ווינטשפינגערל" איז אויב נישט די ער־שטע, על־כּל פּנים פון די ערשטע שאַפונגען פאַר קינדער? מעגלעך יאָ. אָבער ווידער אַ מאָל, בײַם אויסטיילן אָדער ספּעציפיצירן שאַפונגען פאַר קינדער, וואָס זענען נישט געשריבן געוואָרן נאָר פאַר זיי, איז פאַראַן אַ שווע־ריקייט. מחמת דאָס זענען יצירות, וואָס קענען געלייענט ווערן סײַ פון קינדער, סײַ פון דערוואַקסענע, און דאָס איז דווקא נישט געווען בלויז אין די אָנהייבן. אָט איז מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק דערשינען אַן אינטערעסאַנט און אָריגינעל בוך דערציילונגען פאַר קינדער פון מנשה אונגער. דאָס בוך הייסט „גוט־יום־טוב, קינדער". אָריגינעל איז ער מיט דעם, ווײַל דער מחבר האָט אויף דער טעמע פון ייִדישע יום־טובים, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע, געשיל־דערט אויף אַ ברייטער קאַנווע דעם מהות פון יום־טוב, אַרײַנגעפירט קינדער־און יוגנטלעכע געשטאַלטן פון אונדזער הײַנטיקייט. פאַראַן אַפילו אַ קינד־געשטאַלט, וואָס העלפט די פאַרטיזאַנער אין וואַלד. גאָר קיין ספק נישט, אַז די דערציילונגען לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס אויך פון דער־וואַקסענע. נאָר צוגעבן מוז מען אַז דאָס זעלבע געשעט אויך אין דער קינדער־ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער, און עס נעמט זיכער נישט אַוועק דעם ווערט, און עס לאָזט זיך קלאָר זאָגן אַז דאָס איז ליטעראַטור פאַר קינדער, — עלעהיי אַ קינדער־פאַרשטעלונג קען אַרויסרופן אינטערעס און טשיקאַוועסט בײַ דערוואַקסענע.

ס'וועט מסתּמא פאַר אַ סך זײַן אַ נײַעס צו הערן אַז די קינדער־ליטע־ראַטור אין ייִדיש איז אין פּראָפּאָרץ אַ זייער באַדײַטנדיקע און אַפילו אַ רײַכע, מחמת די וויכטיקסטע ייִדישע דערציילערס און פּאָעטן האָבן געשריבן פאַר קינדער, אָנהייבנדיק פון אונדזערע קלאַסיקערס, מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם (פּרץ איז דאָך, כּידוע, געשטאָרבן שרײַבנדיק אַ קינדערליד) און ווײַטער: שלום אַש און י. דינעזאָן, און ש. אַנ־סקי, הײַנט די ייִדישע שאַפערס

אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, און די ייִדישע דיכטערס און דער־ציילערס אין אַמעריקע און ראַטן־פאַרבאַנד. עטלעכע האָבן זיך גאָר אָפּגעגעבן און זיך אַפילו באַרימט געמאַכט, אויב נישט נאָר מיט זייערע שאַפונגען פאַר קינדער — איז לכל־הפחות, צוזאַמען מיט אָט דער שאַפונג: מאַני לייב מיט זײַנע לידער, מיט זײַן טעמיקן בוך „קינדער־לידער", מיט זײַן פרעכטיקן און מעלאָדיש־מײַסטערישן „ייִנגל צינגל כוואַט", דער דיכטער י. י. סיגאַל, און לייב קוויטקאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד, און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי מיט איר בוך „ייִדישע קינדער". ווער געדענקט ניט קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס „אַ מאַנטל פון אַ טונקעלן געוואַנטל". הגם, ווי אין אַלע ייִדישע קינדערלידער פון יענער צײַט, האָט אוודאי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געזוכט אַרויסצוברענגען און אײַנצופלאַנצן אינעם קינד דעם סאָציאַלן געפיל, דעם סאָציאַלן פּאַטאָס, און בעיקר באַקענען און טראַנספאָרמירן אינעם קינד דאָס געפיל פאַר סאָציאַלן יושר און מיטלייד מיט דעם אָרעמאַן, מיט דעם פון גורל געטראָפענעם, ווי דאָס איז אַזוי אייגנדיק און איז אַן עיקר־מאָטיוו אין דעם רוב שאַפונגען פאַר קינדער, און נישט בלויז אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אין דער קינדער־ליטעראַטור פון אַלע פעלקער. איז אָבער פאַראַן אין קאַדיע מאָ־לאָדאָווסקיס און אין מאַני לייבס — און איך דערמאָן אָט די ביידע, ווײַל זיי האָבן זיך באַזונדער אָפּגעגעבן מיטן ליד פאַרן קינד — שאַפונגען שיינע, שפּילעוודיקע שילדערונגען פון הויז און היים און שול, און פאַרשטייט זיך, די תמימותדיקע פּערזאָניפיקאַציע פון די שטוב־חיות, ווי אין קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקיס:

קיץ, קאַץ־קעצעלע, וואַש מיר אויס אַ טעצעלע,
ס'קומען געסט צו מיר, ס'קומט די מומע מירעלע,
מיט דער טאָכטער צירעלע, עפן זיי די טיר.
וואַשט די קאַץ אַן אויערל, עפנט זיך דאָס טויערל,
ס'קומען געסט צו מיר, ס'קומען קינדער ברעקעלעך,
רײַטן זיי אויף שטעקעלעך — עפן זיי די טיר.

נאָר אָט איז „שיכלעך", וואָס האָט שוין מײַן און כוונה, און צו מאָל פון דעם סאָציאַלן טאָן, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט:

אַט־אָ, אַט־אָ איז אַ באַרג, אַט־אָ, אַט־אָ איז אַ טאָל,
זיצט אַ שוסטער אויפֿן באַרג מיט אַ האַמער, מיט אַן אָל.
שטעכט דער שוסטער מיטן אָל, מיטן האַמער שלאָגט ער גיך,
איינס און צוויי, און איינס און צוויי, וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.

זאָגט דער שוסטער: — שיכעלעך גייט! גייען שיכעלעך אַוועק,
ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק...
גייען שיכעלעך אַרום, ווו דער שוסטער שיקט זיי אום.
גייען שיכעלעך נאָך ברויט, גייען שיכעלעך נאָך זאַלץ.
גייען שיכעלעך אַרום, פֿאַרן שוסטער ברענגען אַלץ.

איין מאָל נעמען שיכעלעך גיין, בײַ אַ טויער בלײַבן שטיין.
קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל: איינס. קלאַפּט דאָס לינקע שיכל: צוויי.
עפֿנט זיך אַ טיר פֿאַר זיי.

זיצט אַ קינד דאָרטן אַליין,
באָרוועס, נאַקעט, ווינד און וויי.
דאָרטן בלײַבן שיכעלעך שטיין,
ווילן ערגעץ מער נישט גיין, און דער שוסטער אויפֿן באַרג
וואַרט און וואַרט און וואַרט און וואַרט.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, דער נסתּר, מאַני לייב, שוין אָפּגערעדט פּרץ און שלום־עליכם, ווײַזן זיך אין זייערע שאַפֿונגען אַרויס נישט נאָר מיט זייער ליבשאַפֿט צום קינד, מיט זייער זאָרג און געטרײַשאַפֿט פֿאַרן געמיט און נשמה פֿון קינד. זייערע שאַפֿונגען ווײַזן אונדז זייער גרויסע קענטשאַפֿט און דיער היימישקייט אין דער וועלט פֿון קינד, פֿון זײַן חלום און וואָר, פֿון דעם טרויער, וואָס באַפֿאַלט אַזוי פּלוצעמדיק אַ קינד, אַ טרויער וואָס קומט אָפּט מאָל אָן אַ פֿאַרוואָס, אָן אַ סיבה, און די געזונטע און נאַטירלעכע פֿרייד פֿון קינד. זיי רעדן צו אים אין אַ נאָענטער שפּראַך און פֿירן אַרײַן פֿאַרלוי־פּענישן און געשעענישן, וואָס דאַרפֿן פֿאָרמירן זײַן באַגעם און באַלאַנסירן

זײַן גײַסטיקע װעלט. יאָ, אויך אַ קינד האָט זײַן גײַסטיקע װעלט, זײַנע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען, זײַן טרויער און פרייד.

ס'איז איבעריק צו זאָגן אַז אין דער שאַפונג פאַר קינדער שפּילט נישט נאָר אַ ראָלע די טעמע, נאָר אויך און אפשר בעיקר די פאָרעם און דער סטיל. הייסט עס נישט, אַז די שפּראַך דאַרף זײַן אַ לײַכטע, אַ קינדערישע, מיט דעמינוטיװן. די שפּראַך און דער סטיל דאַרפן פאַרמאָגן די לײַכטקייט און הײַטערדיקייט און יענע נאַראַטיװקייט, װאָס קינדער דערשפּירן עס נאָך גיכער װי דערװאַקסענע. זיי כאַפּן עס אויף און פילן תיכּף אַרויס דעם ריטעם, דעם אָטעם, דעם סטיליסטישן גאַנג פון דער דערציילונג צי פון ליד.

װיל איך אונטערשטרײַכן, אַז די ייִדישע קינדער־ליטעראַטור איז אין דעם פּרט זייער אַ געראָטענע. די שאַפערס האָבן דערשפּירט, װי עס זאָגט דער דיכטער י. י. סיגאַל אין זײַן ליד „קינדער":

אין דער מאַמעס ליבשאַפט, אין דער מאַמעס הויז,
בליִען שיין די קינדער און זיי װאַקסן אויס.

קוקן דורך די פענצטער אויף דער װעלט אַרויס,
זעען גרויסע קינדער, װילן אויך זײַן גרויס.

אַלץ װאָס קינדער זעען, זעען זיי מיט פרייד,
אַלץ װאָס קינדער הערן — װוּנדער אָן באַשייד.

אַ סך, פאַרשטייט זיך, האָט מען איבערגעזעצט — בפרט אין דער ערשטער צײַט, װען ס'זענען אויפגעקומען די ייִדישע שולן אין פּוילן, אין ליטע און אַמעריקע — פון טאָלסטאָיען און גאָרקין, פון אַנדערסען און שילער, פון קרילאָװן און עזאָפּן, פון גרים און פון אַ סך אַנדערע. מ'האָט פון די איבערזעצונגען צונויפגעשטעלט גאַנצע כרעסטאָמאַטיעס. הן טאַקע צוליב דעם, װײַל דער אויסװאָל פון אָריגינעלער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור איז געװען דעמאָלט אַ קנאַפּער, הן צוליב דעם װײַל די מחברים־צונויפשטעלערס פון כרעסטאָמאַטיעס און קינדערביכער זענען בכלל נאָך נישט געװען אַזוי

סענטיטיוו צו עכט יידישע ווערטן, וואָס קומען פון יידישע מקורים, באַ־זונדערש אין אַמעריקע. די טוערס אַרום די אַרבעטער־רינג־שולן האָבן אויך געהאַט אַ דואַליסטישן צוגאַנג צו יידישער דערציִונג און צו סאָציאַליסטישער דערציִונג. יידישע דערציִונג האָט בײַ זיי דעמאָלט געמיינט יידישער לעבנס־שטייגער. איז בכדי צו באַקענען די תלמידים, די קינדער מיט יידישן לעבנס־שטייגער, האָט מען אַרײַנגענומען אין די לייענביכער דערציילונגען און לידער פון שלום־עליכם, מ. ספעקטאָר, מענדעלע, ש. פרוג, אַברהם רייזען און אַנדערע. און ווו נעמט מען ליטעראַטור וואָס זאָל די קינדער באַווירקן אין גײַסט פון סאָציאַליזם? און דאָ רעדט זיך וועגן די ערשטע יאָרן אידער ס'האָט אויפגעשפראָצט אַ געזונטע און זאַפטיקע קינדער־ליטעראַטור — אין פוילן און אין אַמעריקע גופא. איז כּדי צו באַווירקן די קינדער אין גײַסט פון סאָציאַליזם — דאַרף מען זיך ווענדן צו דער וועלט־ליטעראַטור, צו דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור. גיט מען אַרויס פאַר די קינדער אַזעלכע ביכלעך, ווי די ביאָגראַפיעס פון פערדינאַנד לאַסאַל, קאַרל מאַרקס, יודזשין וויקטאָר דעבס און אַנדערע. אין י. ל. פרץ — האָט שפּעטער ווער טרעפלעך געזאָגט — אין פרצס אַ מעשׂה קען סאָציאַל־דערציִעריש שטאַרקער און טיפער ווירקן אויף דעם קינד און תּלמיד, ווי אַלע ביאָגראַפיעס וועגן מאַרקס, לאַסאַל און ענגעלס.

ווען מען פאַרגלײַכט די קינדער־ליטעראַטור און די לייענביכער פאַר קינדער פון יענער פּיאָנערן־צײַט מיט דער ליטעראַטור פאַר קינדער וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן בײדע וועלט־מלחמות, און בעיקר אין די יאָרן פאַרן יידישן אומקום — געפינט מען אויס, אַז יענע צווייטע אײַנשטעלונג איז שוין אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג, אַזוי אויך די קינדער־ליטעראַטור, איז געוואָרן טיפער און לויטערער, עס שלאָגן אין איר פרישע קוואַלן פון גרויסע קינסטלערישע ווערטן און פון די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן.

מיר וואָלטן זיך נאָך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף די שול־באַוועגונגען אין אַמאָליקן פוילן און ליטע: די „ציש"אָ־שול" און די „שול־קולט", די אַרבע־טער־רינג־שולן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געטאָן אַ פּיאָנערישע אַרבעט, און די „שלום־עליכם־שולן" דאָרט, און די פאַרשידענע ריכטונגען פון די

ייִדישע שולן אין אַרגענטינע וואָס זענען געווען די טרעגערס און אומדירעקט די אָנרעגערס פון דער צעצווײַגטער קינדער־ליטעראַטור אין ייִדיש.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל. דער חורבן פון ייִדישן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע האָט אויך אומגעבראַכט דעם שיינעם יונגן צווײַג פון דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור.

ס׳דערשײַנען נאָך הײַנט ביכער פאַר קינדער, פאַרן יונגן דור, אָבער דאָס זענען זעלטענע דערשײַנונגען, כאָטש אויך דאָ באַווײַזן זיך צו מאָל נײַע שוואַלבן...

דער גורל פון דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור איז דער זעלבער ווי פון דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל. אַ ליטעראַטור מיט באַדײַטנדיקע שאַפערס, מיט וויכטיקע ווערטן און מיט דער סאַמע קלענסטער צאָל לייענערס.

און דאָך דאַרף מען נישט אויפגעבן די האָפענונג, מען קען נאָך צו מאָל אויך דערוואַרטן נײַע אַנטפּלעקונגען פון אָט דעם וווּנדערלעכן צווײַג וואָס הייסט — קינדער־ליטעראַטור.

זשיטלאָווסקי־פּרײַז *

דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס אָט דער פּרעסטיזשפולער פּרײַז ווערט צוגעטראָגן אַן אינסטיטוציע. איז עס ניט נאָר דאָפּלט אָנגעלייגט, נאָר צייכנט אָן אַ קענטיקן ווענדפּונקט אויף דער מאַפּע פון ייִדישע קולטור־טווּנגען, פון הײַנטצײַטיקע ייִדיש־שאַפערישע אַקטיוויטעטן.

ס'איז גוט צו פילן אַז אָט די אינסטיטוציע, דער בית שלום־עליכם, וואָס עקסיסטירט געגנוי ח"י שנים — מיט דעם אַלץ וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך — און מיט דעם אַלץ וואָס עס ווערט אין אים געשאַפן — איז ווערדיק אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דער געזעלשאַפטלעכער קולטור־פונדאַציע, די חיים זשיטלאָווסקי־פונדאַציע.

ס'דערמאָנט צו מאָל אין אַ גרעסערער אַלטפּאַלקישער מידה פון גוט־גיניקער אָנערקענונג, עלעהיי אַמאָליקע ייִדישע קהילה־טוערס און מוסדות־טוערס האָבן אַזוי וויל געוווּסט — אַפילו אינעם געווירבל פון ווידעראַנאַנדן געוווּסט אויך אָפּצושאַצן די פאַרדינסטן און אויפטוען פון אַ לערן־מוסד, פון אַ תורה־מוסד. וואָס נאָך? לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז בית שלום־עליכם, כאָטש זײַן געבײַ און די ליטעראַרישע און קולטור־גוטסן, וואָס עס געפינען זיך אין אים זענען אין מדינת־ישׂראל, איז ער אָבער באַלד אויפן שוועל פון זײַן פלאַנירן, און אַזוי אויך שפּעטער, און אַזוי אין זײַן טאָג־טעגלעכער אַרבעט, אַן אַלפּאַלקישע קולטור־אינסטיטוציע, וואָס באַדינט און געהערט צו די אַלע, וועמען דאָס ייִדישע וואָרט און די ייִדישע ליטעראַטור און קולטור איז אים נאָענט, איז אים אייגן און טײַער.

קיין ספק ניט, פאַראַן אין דער הײַ־יאָריקער פּרײַז־צוטיילונג אויך אַ סימבאָלישער אויסקלאַנג און צו מאָל אַ באַזונדערער באַטײַט. משמע: די געמיינזאַמקייט, די שײַכותדיקייט פון אָט די צוויי געשטאַלטן — שלום־עליכם און חײַם זשיטלאָווסקי, וואָס יעדער פון זיי האָט אויף זײַן פעלד געאַקערט און געפּילעוועט און בײַגעטראָגן געהויבענע אוצרות צו אונדזער

---

* אַ וואָרט אויף דער פײַערונג פון דער זשיטלאָווסקי־פונדאַציע בײַם צוטיילן דעם פּרײַז פאַר בית שלום־עליכם. דעצעמבער 1984.

גײַסטיק־פֿאָלקישן גוטס. זײ האָבן באַרײַכערט אונדזער לעבן, באַהויכט אונ־דזער שטרעבן. ווי אָרעמער וואָלטן מיר געווען אָן זײ — —

עס פֿאָלט מיר אײַן, אַז אַפֿילו אויסערלעך האָבן זײ געהאַט אַן ענלעכקייט. לאָמיר אָנקוקן דאָס פֿאָטאָבילד געגומען אינעם ווינטער פֿון יאָר 1915 (אין לייקוווד, געציילטע חדשים פֿאַר שלום־עליכמס פּטירה). ביידע זענען דעמאָלט אין דעם היימיש־יידישן אַמעריקאַנער שטעטל געווען אויף אָפּרו. ניט נאָר זייער אָנטועכץ, די יוסטע מאַנטלען באַלייגט מיט ברייטע פֿוטער־קאָלנערס און פֿוטער־היטלען זענען די זעלבע, נאָר אַ גאָרע ענלעכקייט איז בנימצא אין זייער אויסדרוק, אין זייערע פּנים־שטריכן. זײ שטייען ביידע פֿאַרטיפֿט אין זיך, און דאָך אַזוי קרוביש־נאָענט.

אַוודאי. יעדער פֿון זײ האָט געשאַפֿן אויף אַן אַנדער געביט. אָבער ביידע זענען געווען גאונתדיקע מײַסטערס פֿון וואָרט. שלום־עליכם און זײַן ווערק איז אַן איינמאָליקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. ער האָט ווי קיינער ווער פֿאַר אים, און דאַכט זיך, קיינער נאָך אים — אַרויסגעבראַכט און געשילדערט אין זײַן וווּנדערלעכער שטייגערשפּראַך, און אין זײַן פּערל־דיקן הומאָר דעם יידישן פֿייזאַזש און די סביבה פֿון נעכטן, וואָס זענען ביז הײַנט פֿלאַסטן פֿון אונדזער לעבן, און אַזוי וועלן זײ בלײַבן און בלײַבן אין אונדזער פֿאָלקישן דויער.

חיים זשיטלאָווסקי האָט אויסגעברייטערט און פֿאַרטיפֿט די ראַם פֿון וועלטלעך־יידישער, פֿון יידיש־פֿאָלקישער מחשבה. ער האָט אונדז געלערנט טראַכטן, טראַכטן וועגן ייד און פֿאָלק און מענטש, וועגן אונדזער יידישער מערכה און גאַנג. ער האָט אויסגעטײַטשט און אַנאַליזירט די פּראָבלעמאַטיק פֿון אונדזער פֿאָלקישן זײַן, פֿון אונדזערע ווידעראַנאַנדן און שטרעבונגען. ניט אַלע דענקערישע און פֿילאָסאָפֿישע מסקנות, צו וועלכע ער איז דערגאַנ־גען, צי די אויספֿירן וואָס ער האָט געמאַכט, האָבן אויסגעהאַלטן אין דעם געווירבל פֿון אונדזער צײַט. אָבער ביז הײַנט טראָגן זײַנע שריפֿטן דעם חותם פֿון אַן איינציקאַרטיקן דענקער און אָטעמען מיט אַ באַזונדערן רייץ.

אָט זאָגט ער וועגן שלום־עליכמען אין זײַן בוך „ווײַזע און געדאַנק״, געשריבן אין יאָר 1933 (אַרויסגעגעבן „איקוף״־פֿאַרלאַג, 1951) :

„ווען מען וואָלט געדאַרפֿט פֿאָרמולירן על־רגל־אחת, וואָס אַזוינס איז

שלום־עליכם און זײַן מיסיע ווי אַ קינסטלער, וואָלט איך געזאָגט אַז ער איז געווען דער מליץ־יושר אויף דעם מענטשן. אָדער דער אַפּאָסטאָל פון צופרידנקייט מיט דעם מענטשן ווי ער איז, פון דעם כּי־טוב, וועלכן ער טראָגט אַרויס אויף דעם מהות מענטש בכלל.

דאָס איז גאָר אַ וויכטיקער פונקט אין יענעם אייביקן שטרײַט, וואָס קומט פאָר צווישן דער אָפּטימיסטישער און פּעסימיסטישער שטעלונג צו מענטשן און לעבן".

בײַ ביידן, סײַ בײַ שלום־עליכמען, סײַ בײַ זשיטלאָווסקין איז די הויפּט־אַקס פון זייער שאַפן געווען „מענטשן און לעבן". דער ערשטער ווי אַ פענאָמענאַלער שילדערער, דער צווייטער ווי אַ טיפזיניקער טראַכטער און באַטראַכטער.

אַזוי וועלן זיי בלײַבן אין אונדזער גײַסטיקן דויער.

1984

אַ האַלבער יובל פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג

ס׳איז אַ דאַטע, וואָס פאַרדינט אָפּגעמערקט צו ווערן ברבים. פינף און צוואַנציק יאָר י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין ישׂראל כאַראַקטעריזירט אין אַ קענטיקער מאָס דעם מעמד און גאַנג פון יידיש און יידישער שאַפונג אין לאַנד. דער אויפקום פון פאַרלאַג וואָרצלט אייגנטלעך אין אַ סך ווײַטערן און טיפערן מקור. דער בראשית פון פרץ־פאַרלאַג געהערט נאָך צו יענער צײַט פון מיט העכער 50 יאָר צוריק ווען עס איז אַרויס אין ירושלים די ערשטע קאָלעקטיווע ליטעראַרישע שריפט „אַנהייב" (און אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אונדזערע שרײַבערס־פּיאָנערן פון יידישן וואָרט אין ארץ־ישׂראל: י. פאַפּירניקאָוו, י. צ. שאַרגעל און די אַוועקגעגאַנגענע ל. חיין־שמעוני, ד״ר ג. ניר־ראַפּאַלקעס און אַנדערע). און אין זעלבן יאָר — אין יאָר 1928 — האָט זיך אויך געגרינדעט דער „יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב" אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער פאַראיין פון יידישע שרײַבערס.

די קליינע גרופּע שאַפערס, וואָס זענען צו מאָל געווען אויך די טוערס און קעמפערס פאַר דער חשיבות פון יידישן וואָרט דאָ, זענען נישט נאָר געווען די אָנזאָגערס פון יידיש און יידישער שעפערישקייט אין לאַנד, נישט נאָר פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער שפּעטער צעצווײַגטער שאַפונג, פאַר דער יידישער דיכטונג און פּראָזע, נאָר זיי האָבן געבאַנט דעם וועג פאַר אַל די טוונגען פון הײַנט — — אויך פאַר דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג. און געטאָן האָבן זיי עס אין די שווערסטע באַדינגונגען, אין די ביטערסטע צײַטן פאַר יידיש, ווײַל זיי האָבן בחוש געפילט די גרויסקייט פון דער אויפגאַבע, געפילט די פאָלקישע קולטור־שליחות. זיי האָט באַוועגט אַ די אידעע, אַ דער טיפער גלויבן אין יידישן קולטור־המשך אויך דאָ אין ארץ־ישׂראל.

דאָס יידישע וואָרט און די יידישע ליטעראַטור אין ישׂראל איז הײַנט נישט מער קיין זײַטיקער שליאַך, נאָר אַ צענטער צו וועלכן מען קוקט אַרויף מיט באַגער און איפער און מיט האָפענונג, און פון וועלכן מען דערוואַרט, אַז דאָ וועלן נאָך אויפגיין און אויפקומען ווערטיקע אויפטוען פאַר אונדזער

ליטעראַטור און פאַר אונדזער קולטור־המשך. מדינת ישראל איז הײַנט דער אַקס פון אונדזער פּאָלקישן זײַן, דער צענטער פון נאַציאָנאַלער װי־טאַליטעט, װאָס נערט די ייִדישע תּפוצות, אַזױ דאַרף אױך ישׂראל װערן דער הױפּטפּונקט און הױכפּונקט פאַר ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור — אויך פאַר די גלות־לענדער.

דער פּאַרנעם פון ייִדישן לעבן האָט זיך געענדערט. ס'האָט זיך צו מאָל אויך טראַגיש געענדערט דער פּאַרנעם, די מאָזאַיִק פון דער ייִדישער שאַפונג, פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אפשר די אײנציקע ליטעראַטור הײַנט צו טאָג פון צװישן אומות און פעלקער װוּ עס איז אַזױ אומפּראָפּאָרציאָנירט די צאָל לײענערס אַנטקעגן דער צאָל שאַפערס — אָבער דער ייִדישער שרײַבער, דער ייִדישער װאָרטקינסטלער, דער דיכטער און פּראָזאַיִקער טראָגט זײַן דערהײבנדיקע מיסיע, װאָס איז אים װי אַ געבאָט אָנפּאַרטרויט געװאָרן, און ער טראָגט די שליחות פון זײַן אַ שרײַבער, אי מיט װײ אי מיט חדווה, און דערפילט זײַן אױפגאַבע אפשר נאָך עומקותדיקער, אײפּע־ריקער װי אַ מאָל. װײל ער פילט אָפּ די אַחריות פון זײַן ראָלע אין אונדזער צעפּאַטלטער אָבער גורלדיקער צײַט — דער ייִדישער שרײַבער ברענגט אַרױס אָט די צײַט, ברענגט אַרױס די פּײַערדיקע קאַפּיטלעך פון פאַרלענדונג, פון טראַגיק און די פּרקים פון אונדזער װידער־אױפקום, ער ברענגט זײ אין דער לױטערקײט און אין דער געשליפנקײט צו װעלכן ייִדיש לשון איז גראָד די לעצטע יאָרן דערגאַנגען. און זײ דאַרפן זיך אַרײַנקײטלען, אָט די שאַפונגען, אין אונדזער װאָר, אין אונדזער הײַנט און אין אונדזער מאָרגן.

די ייִדישע ליטעראַטור פאַרנעמט נישט איצט איר פּלאַץ, װאָס עס קומט איר. אָבער זי איז חיותדיק און װעט פאַרנעמען אַ גרױס אָרט אין דער העראָאישער, הײַנטצײַטיקער ייִדישער געשיכטע. און דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג איז אַן אָנגעזעענער רינג אין דעם צונױפבונד פון ייִדישער שאַפונג און ייִדיש לעבן.

25 יאָר עקסיסטענץ פון אַ פאַרלאַג איז, מעגלעך, נישט קײן סך, אָבער דאָס זענען דאָך געװען יאָרן פון געראַנגל, יאָרן פון זאָרג, באַגלײט פון דעם גלױבן אַז מען שאַפט עפּעס װיכטיקס, אַז מען שאַפט אַ קאָנסטרוקטיװע קולטור־פּאָזיציע און די פּרוכט דערפון זענען די קרוב 500 אַרױסגעגעבענע

ביכער, וואָס צענדליקער פון זיי באַלײַכטן אונדזער עָבר און אונדזער הײַנ־טיקײט. און צענדליקער פון זיי זענען וואָגיקע בײַטראָגן פאַר דעם ייִדיש־קינסטלערישן גוטס.

ס'איז דאָך אײגנטלעך דאָס וואָס די ראשונים פון דער ייִדישער שאַפונג אין ארץ־ישׂראל האָבן געחלומט — ארץ־ישׂראל ווי דער צענטער פון ייִדישן לעבן אין דער וועלט, פון דאַנען זאָל אויפגיין דער וווּנדערלעכער אויפקלאַנג פון ייִדישן ליד און פון דער מעשׂה אין ייִדיש.

דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג האָט געהאָלפן אין דעם: פון די הונדערטער ביכער גייט אויף די פאַרווירקלעכונג פון אָט דער שטרעבונג, פון אָט דעם חלום. — —

1981

ס אָ נ י ע ן —

אין דערמאָנונג פון מיין געבוירן־שטאָט

ביאַליסטאָקער ראשונים אין ארץ־ישׂראל

צווי וויכטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן גורם געווען, אַז די חיבת־ציון־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק זאָל באַקומען אַגוזען און פאַרנעם, און אַז דער שטיל־בענקענדיקער און דור־אויף־דורות באַגערנדיקער פסוק „ושבו בנים לגבולם" זאָל ווערן טאַט. דאָס איז געווען ר' שמואל מאָהליווער, ביאַליסטאָקער שטאָט־רב, און דער מערקווערדיקער פאַלקסדאַקטאָר יוסף כאַזאַנאָוויטש.

אָן ספק, די ביאַליסטאָקער יידן זענען געווען פּאָטענציעל אַ פּאַסיקער עלעמענט פאַר דער אַנטוויקלונג און דערהייבונג פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. זיי זענען געווען קודם־כל יידישע יידן וואָס האָבן זיך נישט אַסימילירט. יידן אויף וועמען פרעמדע קולטורן האָבן קיין שום השפּעה נישט געהאַט. און אַפילו מלכות פּרייסן, רוסלאַנד און פּוילן, וועלכע האָבן אין פאַרשידענע צייטן געהערשט אין שטאָט, האָבן אויך נישט געלאָזט קיין צו טיפע שפּורן, וועלכע זענען מסוגל געווען צו מינערן דעם געטריישן יידישן שטייגער און די יידישע פאָלקסטימלעכקייט, וואָס ביאַליסטאָק האָט פאַרמאָגט.

ער איז געווען אַן איינגאַרטיקער טיפּ, דער ביאַליסטאָקער ייד. עס האָט זיך אין אים סינטעזירט דער גייסט פון פּוילישן ייד, די רירעוודיקייט פון חסידישן ייד, זיין עצבות און זיין פריידע, און די ניכטערע מחשבה און די באַזאָכטקייט פונעם ליטווישן ייד, צוזאַמען מיט דער ברייטקייט, האַרציקייט און שווונג פונעם רוסישן ייד. טאָקע דערפאַר מן־הסתם, ווייל די שטאָט — אַ וויכטיקער אינדוסטריע־ און לאַנדספּונקט צווישן ברייטע שליאַכן, אין דער נאָענטקייט פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, האָט עס אַנגעטראָגן מיט אַלעראַרט יידישקייט. חסידישע סוחרים, טוך־קאָמיסיאָנערן האָבן געבראַכט אימפּעט און פרומקייט; מאַנופאַקטור־סוחרים פון טיף רוסלאַנד האָבן אַנגעשטעקט מיט זייער פאַרנעם אין האַנדל, מיט זייער חוש פאַר געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און מיט זייער אָפענער האַנט צו שטיצן. און ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן און טוך־וואַיאַזשאָרן, וואָס האָבן דערגרייכט מיט די טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען צו די ווייטסטע מערק אין רוסלאַנד און

מאַנדזשוריע, אין כינע און אינדיע, האָבן אויך מיטגעפירט אַפּט מאָל און אַרײַנגעפירט אין יענע ווײַטע מקומות יידישע אַקטיוויטעטן און זענען געוואָרן פּיאָנערן פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און פּיאָנערן פון קולטור־אויפטוען. ס'וועט זײַן אינטערעסאַנט צו דערמאָנען די „עקספּאַנסיע" פון ביאַליסטאָקער אויך אויפן געביט פון פּרעסע: אין יאָר 1920 האָט אין כאַרבין (כינע) דער טוך־וואַיאַזשאָר און שרײַבער אליעזר פייגין געשאַפן, רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן אַ יידישע וואָכנבלאַט („דער ווײַטער מיזרח"). שוין אָפּגערעדט פון דעם וווּנדערלעכן קאַפּיטל פון געוואָגטקייט און מסירת־נפש וואָס די ביאַליסטאָקער אַרבעטערשאַפט האָט אָפּגעצייכנט אין דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן און נאַציאָנאַלן יידישן געראַנגל.

ביאַליסטאָקער יידן זענען אויך געווען פון די ערשטע עולים און פון די ערשטע תושבים אין נײַעם ארץ־ישראל. עס איז געוואָרן איצט הונדערט יאָר ווי די ערשטע ביאַליסטאָקער חובבי־ציון זענען געקומען קיין ארץ־ישראל. זיי זענען שוין געקומען אַדורכגעגנומען מיטן באַוווּסטזײַן פון ערשטע פּלאַסטערערס און זענען געוואָרן די מיטבויערס פון דער דעמאָלטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניע און הײַנטיקער שטאָט פתח־תקוה. דאָס זענען געווען די פיר פאַרמעגלעכע ביאַליסטאָקער יידן: אלחנן בולקין, מרדכי דינאָוויטש, דניאל און דוב ליפשיץ־ימיני. דאָס איז געווען וואַרשײַנלעך די ערשטע גרופּע, וואָס איז געקומען אָרגאַניזירט, פון דער ביאַליסטאָקער חברה חובבי־ציון. אין עטלעכע יאָר שפּעטער איז געקומען די משפחה מאַגיסעוויטש, וועלכע איז געווען פון די מיטגרינדערס פון כפר־אוריה און די משפחות דאַנין און סוכאָוואָלסקי און אַנדערע צענדליקער, וואָס זענען געוואָרן מיטבויערס פון חדרה און עפולה און עקרון. דער ביאַליסטאָקער היסטאָריקער און מלומד א. ש. הערשבערג דערציילט אין „פנקס ביאַליסטאָק" פאָלגנדיקן וויכטיקן פרט, וואָס שייך דעם אויפבוי פון דער קאָלאָניע עקרון: „די ביאַליסטאָקער חברה חובבי־ציון איז שטאַרק געשטיגן אין איר אָנזען און טעטיקייט זינט אין שטאָט איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב — אין שנת תרמ"ג — ר' שמואל מאָהליווער. אים האָט זיך אײַנגעגעבן, מיט אַ יאָר פריער, אין תרמ"ב, צו געווינען דעם באַראָן עדמונד ראָטשילד (הנדיב הידוע) פאַר דעם געדאַנק פון ארץ־ישראל און צו גרינדן לויט זײַן פאָרשלאָג די

ראַזשענאָווער קאָלאָניע עקרון. די ביאַליסטאָקער חברה איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן דער צענטער פון דער גאַנצער באַוועגונג אין דיאַספּאָרע".

ס'איז באַקאַנט ר' שמואל מאָהליווערס פאַרצווייגטע און ווירקנדיקע טעטיקייט פאַר גאולת ארץ־ישׂראל.

און זאָל דאָ, אַגב, דערמאָנט ווערן, אַז יחידים זענען שוין פון פריִער געקומען קיין ארץ־ישׂראל. אַזוי געפינען מיר דאָ דעם געוואָגטן שומר און קאָלאָניסט סענדער חדד, וועלכער איז געקומען מיט זיבן יאָר פריִער פאַר דער ערשטער גרופּע פון די פּיר. סענדער חדד איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל אין יאָר 1875. ס'הייסט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק.

פון יענע ראשונים, די בויערס פון פּתח־תּקוה, כּפר־אוריה און עקרון, ביז די לעצט־געקומענע ביאַליסטאָקער און בני־ביאַליסטאָקער, אָפּגעראַטעוועטע פון לאַגערן, פון געטאָס און פאַרשיקונג, האָבן די ביאַליסטאָקער ייִדן אַרײַנגעשמידט אין דער קייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן אויפקום זייער מי, זייער איניציאַטיוו, זייער אויסדויער און געוואָגטקייט אויף אַלע שטחים פון אונדזער לעבן, אין אונדזער נסיונותפולן געראַנגל פאַר זעלבשטענדיקייט, פאַר דעם מדינה־אויפקום און אין דעם אויפבוי און אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

ביאַליסטאָקער תּושבים אין ארץ־ישׂראל זענען געווען פּיאָנערן אויף אַ סך געביטן פון אונדזער ניי־פאַרמאָסטענעם און איבערגעבויטן לעבן. ביאַליסטאָקער זענען געווען פון די וועלכע האָבן פאַרלייגט די ערשטע טעקסטיל־פאַבריק אין דזשעדאַ (רמת־ישי). אין דער זעלבער צײַט איז אויך עולה געווען און באַלד אויפגעבויט זייער פאַבריק די משפּחה ירושלמי. — אָבער נישט נאָר דאָס איז געווען — מיט זעקס צענדליק יאָר צוריק — דער וויכטיקסטער אויפטו. צוזאַמען מיט דער איבערגעגעבנקייט צו דער טראַדיציאָנעלער אינדוסטריע האָבן זיי אויך געפּלעגט די ליבע צו ערד־אַרבעט אויף יענעם רויען, פאַרטריקנטן באָדן. אַזוי אין די קיבוצים און קאָלאָניעס פון עמק־יזרעאל און פון עמק בית־שאָן.

ביאַליסטאָקער, מיט זייער אײַנגעבוירענער אימפּולסיווקייט און מיטן חוש פאַר לעבעדיקער אַקטיוויטעט, האָבן נישט נאָר געהאָלפן אַנטוויקלען מלאָכה און אינדוסטריע, האַנדל און לאַנדווירטשאַפט. מיר טרעפן אויך

ביאַליסטאָקער ווי שאַפערס און מיטבויערס פון דער העברעיִשער קולטור און קונסט, פון העברעיִשן טעאַטער.

דאָ האָט במשך פון יאָרן געלעבט און געשאַפן חיהלע גראָבער, איינע פון די ערשטע אין „הבימה"־טעאַטער, וועמענס גרינדער און ערשטער רע־זשיסאָר איז געווען דער ביאַליסטאָקער העברעיִשער לערער און טעאַטער־בעל־חלומות נחום צמח. און פּראָפעסאָר ישׂראל האַלפּערין, איינער פון די וויכטיקסטע געלערנטע, היסטאָריקער און מחבר פון אַ צאָל מאָנומענטאַלע ווערק, און דער געוועזענער געזונטהייטס־מיניסטער יוסף סערלין ז"ל, און לאָמיר דערמאָנען לזכּרון די פאַרשטאָרבענע, פּראָפעסאָר ליפּע סוקעניק און ד"ר שלמה קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, דער אַרבעטער־פירער און יאָרן־לאַנגער בויער און דירעקטאָר פון חיפהר טעכניקום, און אַ גרויסע צאָל אַנדערע געלערנטע, שרייבערס, קינסטלערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס.

אַזוי האָבן ביאַליסטאָקער ייִדן, וועלכע האָבן אויף אַלע שטחים פון אונדזער גייסטיקן און ווירטשאַפטלעכן לעבן בייגעטראָגן און באַפרוכפּערט מיט זייער איניציאַטיוו און אונטערנעמונגס־קראַפט, געהאָלפן אַנטוויקלען אונדזער לעבן און דאָ־זיין, ווי רינגען אין דער קייט פון ייִדישער שעפע־רישקייט.

דער פאָרשער און געלערנטער א. ש. הערשבערג זאָגט אין זיין „פּנקס ביאַליסטאָק":

...„בכל־אופן מוזן מיר קאָנסטאַטירן די דערפרייענדיקע דערשיינונג, אַז לעת־עתה הערשט אין וואָרט און שריפט די ייִדישע שפּראַך אין ביאַליסטאָק כּמעט אין אַלע ייִדישע שיכטן און קלאַסן, וואָס דאָס באַשיצט די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט און באַוואָרנט פאַר אַסימילאַציע. צי דאָס וועט אָנהאַלטן אויך אין דעם קומענדיקן דור, בשעת די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג וועט זיין דערצויגן אויף פּוילישע שולן, אויף דער פּוילישער שפּראַך און ליטעראַטור — דאָס איז שווער פאָרויסצוזאָגן".

יאָ, געווען אַ מאָל אַ וווּנדערלעכע ייִדישע קהילה, געווען אַן עיר־ואם־בישׂראל. איצט איז זי בלויז אין זכּרון ביי די אָפּשטאַמיקע פון דאָרט. — —

פוילן, ביאַליסטאָק — אַפּריל 1983

אויף דעם הויף ווו מיר האָבן געוווינט (טשיסטע־גאַס 12) איז אויסער אַ גרויסן פּרוכטסאַד, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דעם הויף, געווען אַ קאַרשנבוים, אַ צעצווײַגטער קאַרשנבוים, וואָס איז געשטאַנען נאָענט בײַ דעם פֿענצטער פֿון אונדזער דירה.

דער בוים איז שיין געווען אין זײַן ווינטערדיקער, שנייִקער באַצירונג, און אַ נחת־רוח זומערצײַט. במשך אַ גאַנצן זומער פֿלעגן מיר, קינדער פֿון דעם הויף, זיך טוליען אַרום דעם בוים, געקראָכן אויף זײַנע צווײַגן, זיך געשפּילט אַרום אים. די עלטערע פֿלעגן אין די זומער־פֿאַרנאַכטן זיצן אויף דער באַנק וואָס אונטער דעם קאַרשנבוים און זיך אָפּפֿרישן, הנאה געהאַט פֿון דער שאַטנדיקייט און פֿון דער אַרומיקער גרינקייט. אַ בוים — אַ הײמי־שער, אַ ייִדישער — ווי אַלץ אַרום איז געווען. יאָרן אויף יאָרן, אַז איך פֿלעג מיך דערמאָנען אין דער אַלטער היים, פֿלעגט באַלד אויפֿטויכן פֿאַר מיר דער קאַרשנבוים, ווי אָט דער בוים וואָלט גאָר געווען דער אַנזאָגער, דער דערמאָנער און דאָס חיות פֿונעם לעבן וואָס איז געווען.

וואָס נענטער ס׳איז געקומען דער טאָג פֿון אונדזער אָפּפֿאָרן קיין פּוילן, אַלץ מער האָט זיך צעשפּילט אין מיר דער אומרו, אַלץ מער האָט געפֿיבערט אין מיר און געפּלאָנטערט דאָס געפֿיל פֿון אומבאַוווסטקייט און צו מאָל מורא פֿאַר אָט דער באַגעגעניש. און ווידער איז דער בוים, דער קאַרשנבוים, אין זײַן צעבליטקייט, געשטאַנען פֿאַר מײַנע אויגן מיט די צעשפּילטע קינדער אַרום אים.

מיטוואָך דעם 13טן אַפּריל זענען מיר אָפּגעפֿאָרן קיין וואַרשע. דער פֿרימאָרגן איז אין תּל־אָבֿיבֿ געווען אַ פֿרילינגדיקער, אַ זוניק־צעשמייכלטער. אַראָפּ זענען מיר אויף פּוילישער ערד אין אַ קאַלטן, לײַכט־שנייִקן פֿרי־אָוונט. די גאַסן קאַרג באַלויכטן, די מענטשן אַרום — שטאַרע, גרויע. עפּעס אַן אומעט האָט געווייעט פֿונעם אַרום און האָט זיך ווי איבערגערופֿן מיט דער דערדריקנדיקער שטימונג. דער האָטעל אין וועלכן מ׳האָט אונדז אַרײַנגע־פֿירט, ווו אַלע געקומענע דעלעגאַציעס זענען אײַנגעשטאַנען, געפֿינט זיך

אין האַרץ פון דער אַמאָליקער און אויך הײַנטיקער עלעגאַנטער וואַרשע, אַלייע יערוזאַלימסקע, ראָג מאַרשאַלקאָווסקאַ, אַ גרויסער מאָדערנער טוריסטן־האָטעל.

קיין פוילן בין איך געפאָרן ווי אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע פון „וועלטראַט פאַר יידישער קולטור”, אַנטייל צו נעמען אין די אָנדענקאַקטן, אַקאַדעמיעס לזכר דעם 40סטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דאָס פאָרן קיין פוילן האָט סײַ אין ישראל, סײַ אין די תפוצות אַרויסגערופן וויכוחים, געווען פאַר און געווען אַ קעגנטיקע קעגנערשאַפט. ווער ווייס, אפשר זענען ביידע צדדים געווען גערעכט. אַזוי איז עס.

נייך, דאָס מאָל זענען די דעבאַטן וועגן פאָרן — ניט פאָרן — מיך נישט אָנגעגאַנגען, איך האָב געוואָלט, געגאַרט, ס׳האָט געמאָנט אין מיר און ניט אָפּגעלאָזט — איך מוז פאָרן, איך מוז — ווי איינער פון פאָלק — זען און פילן, ווו און ווי אַזוי אונדזער פאָלק איז אומגעקומען.

איך האָב פאַר אַלע יאָרן פון נאָכן קריג געהערט, געלייענט, זיך ממש אַרײַנגעלעבט אין דעם פּײַן פון דער אומקום־דראַמע, די טראַגישע, יסורים־דיקע וואָר האָב איך אײַנגעזאַפּט פון צענדליקער ניצול־געוואָרענע בעת איך האָב אויפגענומען גבית־עדות פון אָנגעקומענע קיין ארץ־ישראל, אָפּגעראַ־טעוועטע פונעם גיהנום, פון די געטאָס און לאַגערן — אָבער איך האָב געפילט אַז איך מוז קומען.

און די קאָנפראָנטאַציע מיט דעם דאָרט איז געווען אַ קאָשמאַרפולע, אַן אויפרודערנדיקע, אַ שנײַדיקע, בפרט פאַר אַ ייד וואָס האָט פאַרלאָזט פוילן מיט 47 יאָר צוריק, אַ צײַט ווען יידיש־לעבן האָט געזאָטעמט פול און חיותדיק, ווען עס האָט געגלימערט מיט נאַציאָנאַלער, מיט ווירטשאַפטלעכער, מיט קולטור־שעפערישער אַקטיוויטעט. איז דער צונויפטרעף מיט דעם פוילן פון הײַנט, מיט דער ערד, וואָס איז דורכגעווייקט מיט דעם בלוט און גרויל פון יידישער מאַטיריאָלאָגיע, אַ דערשיטערנדיקער.

וואַרשע אָן יידן, לובלין אָן יידן, ראַדאָם אָן יידן, קעלץ אָן יידן — פוילן אָן יידן! און ביאַליסטאָק — מײַן געבוירן־שטאָט — 7 יידן לעבן איצט דאָרט. איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָט מיך באַוועגט צום פאָרן קיין פוילן, איז געווען דער אומאויפהערלעכער באַגער צו זען מײַן אַמאָליקע

הײמשטאָט. אַט דער װילן האָט געמאָנט אין מיר, באַגלײט מיך מיט אומרו,
— זײַן אין ביאַליסטאָק.

דעם זעלבן אָונט נאָכן אָנקומען קײן װאַרשע האָב איך מיך געפרעגט בײַ דעם האָטעל־באַאַמטן, װי און מיט װאָס קען איך אָנקומען קײן ביאַליסטאָק? דער װילן תּיכּף צו באַזוכן די שטאָט פון מײַן יוגנט האָט מיך געהאַלטן װי אין אַ קלעם. מײַן פּלאַן איז געװען: שױן צו מאָרגנס פאָרן קײן ביאַליסטאָק. אָבער איך האָב געהאַט אַ שטיקל אַנטױשונג. װײַזט זיך אַרױס, אַז בלױז אײן באַן, 5 פאַר טאָג, פאָרט אַרױס אַהין און קערט זיך אום 4 בײַ טאָג. די נסיעה דױערט 6 שעה. ס'איז מיר געװאָרן נאָך קאַלעמוטנער. פאָרן אַלײן מיט אַ טאַקסי קײן ביאַליסטאָק האָב איך ניט געװאָלט, עפּעס האָט עס מיך געשראָקן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעטאָן קײן אױג, אַן אינערלעכע באַדרענגשאַפט האָט מיך ניט געלאָזט אײַנשלאָפן. װי אױף אַ פאָטאָ־לענטע זענען אױפגעגאַנגען פאַר מיר בילדער פון אַמאָל; מענטשן, קרובים, פרײַנד, די יוגנט־יאָרן האָבן זיך געצױגן, פאַרבײַמאַרשירט און מיך געהאַלטן װאַך. מיטן שפּראָץ פון טאָג בין איך אַרױס אױף די גאַסן פון װאַרשע.

ס'איז געװען אַ כמורנער פאַרטאָג. מענטשן האָבן זיך שױן געאײַלט צו די אױטאָבוסן, צו די טראַמװײַען, געשפּאַנט צו זײערע אַרבעטספּלעצער, צו דער טאָג־טעגלעכער מי. עס גײען יונגע און עלטערע, אַפילו די יונגע זענען אױס אַזױ אָנגעשטרענגט און פאַרכמורעט, קײן שמײכל זעט מען ניט, אױסגעלאָשענע פּנימער. יאָ, אױך אױף אַט די גאַסן האָט דאָך אַ מאָל געװימלט מיט ייִדיש לעבן. די אַמאָליקע ייִדישע קװאַרטאַלן, די ייִדישע גאַסן זענען דאָך בכלל אָפּגעמעקט. — נישטאָ. נאָך צװײ שעה אַרומבלאָנקען האָב איך מיך צוריקגעקערט אין האָטעל־צימער. ס'איז אַרום אַכט אין דער פרי, מײַן פרױ איז שױן װאַך געװען. מיר האָבן געדאַרפט באַשטימען װעגן אונדזער נסיעה קײן ביאַליסטאָק. װי אַזױ דערשלאָגט מען זיך אַהין?

אַ שאַרפער קלונג פון טעלעפאָן האָט מיך אַרױסגעריסן פון מײַן פאַרטראַכטקײט. אַ הײמישע ייִדישע שטים באַגריסט מיך און זאָגט, — דאָס רעדט שמעון באַרטנאָװסקי. „איך בין מיט אַ שעה צוריק אָנגעקומען קײן װאַרשע כּדי אײַך צו נעמען קײן ביאַליסטאָק״. איך האָב געװוסט: איסאַק

ריבאַלאָווסקי, דער דינאַמישער טוער און סעקרעטאַר פון ביאַליסטאָקער־צענטער אין ניו־יאָרק, האָט אים געשריבן און געבעטן מיך אויפנעמען, ווען איך וועל קומען קיין ביאַליסטאָק. אָבער אויף אַזוינס האָב איך זיך ניט געריכט.

שמעון באַרטנאָווסקי איז איינער פון די פאַרבליבענע ייִדן אין ביאַלי־סטאָק. ער האָט דורכגעמאַכט דאָס יסורימדיקע פון געטאָ און קאַצעט. הײַנט אַרבעט ער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און איז דער אויפזעער איבער דעם געטאָ־בית־הקברות.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער געפאָרן מיט דער באַן, איז אויסגעפרווירן געוואָרן אין די ניט־באַהייצטע וואַגאָנעס, בכדי אָנצוקומען צו דער צײַט און מיך נעמען אַהין. ער איז דאָך געווען אַ תּלמיד אין דער תחכמוני־שול און ווייס עפּעס וועגן מיר — —

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער געקומען אין האָטעל מיט זײַנעם אַ פּוילישן פרײַנד (אַן אָפּשטאַמיקער פון זאַבלאַדאָווע), אַ טאַקסי־שאָפער. ביז הײַנט פיל איך נאָך די וואַרעמקייט און דעם געפיל וואָס האָט מיך באַהערשט, ווען איך האָב דערהערט די שטים פון אָט דעם שמעון באַרטנאָווסקי.

מיר זענען באַלד אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג צום שאָסיי וואָס פירט קיין ביאַליסטאָק.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער, אַ קאַלטער, דער ווינט־געווירבל האָט געטראָגן אין דער לופטן דעם לײַכטן שניי. שטיל אַרום, בײַ די זײַטן פון שאָסיי — דערפער, באַאַרבעטע פעלדער. מיר פאָרן דורך שטעטלעך, וואָס זענען אַ מאָל פול געווען מיט ייִדן, הײַנט איז כמעט קיין שפור ניט געבליבן, קיין זכר. — —

נאָך דרײַ שעה פאָרן האָט באַרטנאָווסקי געבעטן דעם שאָפער זיך פאַר־קערעווען אויף אַ זײַטיקן וועג. ס׳איז געווען בײַ דעם שטעטל סטאַראָסיעלץ. מיר זענען שטיין געבליבן אויף אַן אָפּענעם געפלאַסטערטן שטח: שטיינער, שטיינער ווי מצבות, פון אַלע גרויסן, און נעבן זיי אויסגעברענטע ליכט. אַ וועג פירט צו אַ הויכן מאָנומענט — דאָ אויף דעם פּלאַץ זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דײַטשן, ימח־שמם, איבער דרײַסיק טויזנט נפשות, צווישן זיי אַ קליינע צאָל ניט־ייִדן.

מיר האָבן אָנגעצונדן ליכט. דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש מיט אַן אומקום־פּלאַץ. ס'האָט אונדז געשווינדערט. אין טרעבלינקע, אין ביר־קענאַו, אין אוישוויץ זענען מיר געווען אין די ווײַטערדיקע טעג. נייַך, וועגן דער איבערלעבונג פון דאָרט סטײַען מיר ניט קיין ווערטער. — — —

אויפן ווײַטערדיקן וועג — שוין נאָענט צו ביאַליסטאָק — דערציילט אונדז באַרטנאָווסקי וועגן די פּײַן־איבערלעבונגען, וועלכע ער איז דאָ דורכגע־גאַנגען. נאָר אָט זענען מיר בײַ כּאַראָשטש, אָט איז אַנטאָגיוק, און אָט קומען מיר אין ביאַליסטאָק. פאַר אונדז — דער וואָקזאַל. ער שטייט, דער וואָקזאַל, ווי אַ מאָל. די הילצערנע בריק איבער די באַנרעלסן איז אויך געבליבן. דאָ, אונטן, איז דאָך געווען דאָס אַרײַנפאָרהויז פון דער פאַמיליע ריבאַלאָווסקי. געווען אויך אַנדערע יידישע הייזער — זיי זענען נישטאָ, אָפּגעמעקט.

מיר קומען צום געטאָ־בית־הקברות — דאָ, אין די ברידער־קברים, ליגן די טויזנטער דערמאָרדעטע, פאַרפּײַניקטע פון הונגער, דאָס אומגע־בראַכטע פאָלק. ס'איז שטיל אַרום, נאָר אַ וויגעשריי רײַסט זיך פון קעל, רײַסט אויף דאָס שווײַגעניש. בלויז די פייגל, וואָס קרײַזן אַרום די שיטערע קוסטעס, פאַרנעמען אפשר דעם ווירוף. אָט דאָ ניט ווײַט, מיטן האַנט צו דערלאַנגען, איז דאָך די גאַס. די גאַס וווּ מיר האָבן געוווינט. אין געציילטע רגעס זענען מיר אויף דער גאַס. איז עס די גאַס? איז עס טשיסטע־גאַס? איך דערקען זי ניט. 5—6 הײַזער זענען געבליבן. די גאַס איז אָפּגעשניטן, פאַרקירצט, קליין און אײַנגעפאַלן. אָבער דאָס זענען דאָך די הײַזער. דאָ האָט געוווינט... און דאָ איז געווען די קראָם פון... און דאָס איז דאָס הויז פון טשסיטע 12.

אומגלייבלעך. אָבער יאָ. דאָס איז דאָס הויז, אַ דרײַ־שטאָקיק געמויערט הויז. דאָ איז דער באַלקאָן פון אונדזער שכן, יודל פלאַץ האָט ער געהייסן. איך גיי אַרויף אויפן הויף. אָט זענען די פענצטער פון דער דירה וווּ מיר האָבן געוווינט. איך דערקאָן זיי, בײַ דעם פענצטער פלעגט זיצן מײַן מאַמע, לייענען און שרײַבן בריוו. און דאָס איז דאָס פענצטער פון דעם צימער, מײַן צימער... איך קלאַפּ אָן אין טיר, עס עפנט אונדז אַ יונגע קריסטין, איך דערקלער איר מיט אַ טרער אין קול, — אַז דאָ האָבן געוווינט מײַנע עלטערן, אַז פון אָט דעם צימער בין איך אַרויס מיט 47 יאָר צוריק. — — —

דאָס הויז איז אַלט, אָפּגעלאָזן. אַלץ איז פאַרוואָרלאָזט, ווי ניט קיין לעבעדיקע וואָלטן דאָ געווען. — אָבער די דירה איז באַווינט פון צוויי קריסטלעכע פאַמיליעס.

מיר גייען צוריק אַרויס אויף דער גאַס. איך פרוּוו אויפלעבן אין דמיון — ווי ס'האָט אויסגעזען די גאַס. אַ לעבעדיקע גאַס: דאָ האָבן געוווינט צענדליקער יידישע משפחות. איצט איז דאָ ליידיק. מיר קוקן אויף די עטלעכע הייזער, וואָס זענען געבליבן. איך רעד אויפן קול: דאָ האָט געוווינט... דאָ איז געווען דאָס הויז פון...

אַנטקעגן אונדז, אָפּגערוקט, באַווײַזט זיך אַן עלטערער קריסט. ער באַטראַכט אונדז.

„אמת, — פרעג איך אים, — אַז אָט דאָס הויז האָט געהערט צו סאַדאָווסקין?"

יאָ, — ענטפערט ער בייזלעך. — ער דערנעענטערט זיך צו אונדז און פרעגט מיך:

„און ווער זענט איר"?

עס איז מיר שווער צו רעדן, איך קאָן אים ניט ענטפערן, לאָז איך זײַן פראַגע פאַרבײַ און זאָג אים:

„בײַ די סאַדאָווסקיס איז געווען אַ זון, יוזעף האָט ער געהייסן"...

„איך בין יוזעף" — ענטפערט ער.

איך זאָג אים מײַן פאַמיליע. — —

זײַן היסטערישע געוויין גייט מיר נאָך ביז איצט... ער האָט מיך אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס און מיך ניט אָפּגעלאָזט. מיך געקושט. יאָ, ער געדענקט מײַן טאַטע־מאַמע, מײַנע שוועסטער. זײַן געוויין איז געווען ווי אַן אויסבראָך פון אַן אַלטן, פאַרלאָזענעם, פאַרשאָטענעם ברונעם. — מײַן פרוי, שמעון באַרטנאָווסקי, דער קריסטלעכער שאָפער האָבן צוקוקנדיק אָט די סצענע ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די טרערן. יוזעף סאַדאָווסקי האָט מיך געפירט איבער דער חושכדיקער, פאַרשניטענער גאַס און מיר דערציילט ווי אַזוי מ'האָט אַרויסגעפירט די משפחות, וואָס איך האָב געקענט... געווען שכנים, קרובים, געווען דאָ חברים פון מײַנע יוגנט־יאָרן.

ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן האָבן מיר געזען ווי אָט דער יוזעף האַלט

זיך קוים אָן בײַ אַ פּלויט... ער איז געשטאַנען ווי אײַנגעבראָכן, — הײַנט פעלן אים די ייִדן, וועלכע ער האָט אַ מאָל אַזוי פײַנט געהאַט. — — —

מיר זענען געפאָרן איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק. ניין, די ייִדישע גאַסן זענען נישטאָ מער. זיי זענען חרוב געוואָרן. אַנדערע גאַסן, אַנדערע סקווערן זענען אויפגעקומען.

באַרטנאָווסקי האָט מיך צונויפגעפירט — ווי איך האָב עס אים געבעטן — מיט נאָך עטלעכע ייִדן. צוויי ייִדן. אַ שוסטער אויף דער אַמאָליקער מלינאָווע־גאַס, זײַן שוסטער־וואַרשטאַט צוזאַמען מיט זײַן וווינפלאַץ איז אין אַ געוועזענעם חסידים־שטיבל. און נאָך אַ ייִד האָב איך באַגעגנט, אַ פּענסיאָ־נער, וואָס לעבט דאָ מיט זײַן ביט־ייִדישער פרוי. אַ טראַגישע עלנט און אַ הוילקייט האָט געוויעט פון זיי. אָט די צוויי ייִדן האָבן מיר אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַנדער וועלט, פון אַן אַנדער פּלאַנעט. — — —

ניט אַלץ וואָס איך האָב געזען, געפילט, איבערגעלעבט בין איך מסוגל צו דערציילן. עס איז צו פיל פאַרקלעמט אין מיר. אָבער וועגן נאָך איין באַגעגעניש וואָס האָט מיך צערודערט, מוז איך איבערגעבן. געווען איז עס אַ באַגעגעניש מיט מצבות, ריכטיקער: מיט שפּליטערס פון אַ מצבה.

פאַרן אָפּפאָרן פון ביאַליסטאָק האָט מען אונדז אָוועקגעפירט צו דער פאַרשטאָט „וויגאָדע", אַן אַלטע פאַרשטאָט מיט אַ סך נײַע, שיין געבויטע הײַזער. בײַם ראַנד פון דעם געגנט געפינט זיך אַ ניט לאַנג פאַרלייגטער קריסטלעכער בית־הקברות. זעט אויס, אַז אויך עטלעכע, פאַר די לעצטע יאָרן פאַרשטאָרבענע ייִדן, זענען דאָ באַערדיקט. ס'איז שטיל און רויִק אויפן צמענטאַזש, ווי אויף אַלע בתי־הקברות אין גאָר דער וועלט. אָבער ניין, דאָ איז עפּעס פאַראַן, וואָס שרײַט און מאָנט: אָן אַ זײַט, בײַם אַרײַנגאַנג צום בית־הקברות, ליגן אײנס אויף דאָס אַנדערע זעקס גרויסע, שוואַרצע מירמלנע פּלאַטן.

איך קוק זיך אום, פון די פּלאַטן, פון די צעשפּאָלטענע, צעשניטענע עמודים רעדן אַראָפּ ייִדישע אותיות, ייִדישע נעמען, העברעיִשע ווערטער, און זיי, ווי זיי וואָלטן גערופן צו אונדז, געפּאָדערט: נעמט אונדז אַרויס פון אָט דער פאַרשעמונג. — — —

שמעון באַרטנאָווסקי דערציילט אונדז נאָך אַ טראַגישע, אויפּשוידערנ־

דיקע פֿאַסירונג, שוין פֿון נאָך דער מלחמה. אַט די פּלאַטן זענען פֿון דעם גרויסן מאָנומענט, וואָס איז געווען אויפֿן מאַסן־קבֿר פֿון די פּאָגראָם־הרוגים. דעם פּאָגראָם, וואָס עס האָבן דורכגעפֿירט די צאַרישע מאָנסטערס, במשך דריַי טעג, איבער דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ביאַליסטאָק, געווען איז עס אין חודש יוני 1906. 80 הרוגים און מער ווי 200 שווער פֿאַרווונדעטע זענען געווען די קרבנות פֿון אַט דער טיַוולאָנישער צאַרישער סאַטראַפּיע. דער פּאָגראָם האָט דעמאָלט אויפֿגערודערט די וועלט, די רישעותדיקע וועלט איז אָבער בעסער ניט געוואָרן.

יאָרן נאָך יאָרן איז דער מעכטיקער מאָנומענט געשטאַנען אויף דעם ברודער־קבֿר אויפֿן בית־עלמין אין באַגנאָווקע.

מיט אַ שטיקל ציַיט צוריק האָבן פּאָליאַקן צעהאַקט, צעשטערט דעם מאָנומענט. זיך געוואָלט באַנוצן מיט די מירמל־פּלאַטעס פֿאַר זייער הויז־געברויך. זעקס טיילן האָט מען אָפּגעראַטעוועט פֿון די כוליגאַנישע גוייִשע הענט. ליגן זיי איצט אין אַ ווינקל אויפֿן ניַיעם צמענטאַזש און שריַיען אַראָפּ אין זייער שטומקייט, און מיר לייענען אות באות, נעמען, נעמען פֿון די דער־מאָרדעטע, און עס הילכן די שפּליטערס פֿון ווערטער, פֿון דער מעכטיקער עפּיטאַפֿיע, וואָס דער דעמאָלט יונגער, אויפֿגייענדיקער משורר זלמן שניאור האָט ספּעציעל פֿאַרפֿאַסט. — אַ פּאָעמע אויפֿן ייִדישן גורל און ייִדישן זיַין — ווו ער זאָגט צום סוף:

> חזק ועמוד ציון אבל, היה כחלמיש
> ובהמיר מדינות מקומך אל תמוש.

דער דיכטער און מלומד, מיַין לערער פֿון העברעיִש, א. ל. פּאַיאַנס, האָט איבערגעזעצט די עפּיטאַפֿיע אין ייִדיש:

> „שטיי שטאַרק און פֿעסט, דו טרויערזיַיל
> און זיי ווי מירמלשטיין.
> אין ענדער פֿון די לענדער־פֿעלקער — זאָלסט פֿון אָרט ניט גיין!

וואָס פאַר אַ קאַשמאַרע, מאוימדיקע וואָר: „זאָלסט פון אָרט ניט גיין״.

די פאַרוואַלטונג פון בית־הקברות פאַרלאַנגט מען זאָל וואָס גיכער אָפּ די מצבה־טיילן אַוועקנעמען. זיי קאָנען דאָך ניט זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם...

✶

ביאַליסטאָק, מײַן געוועזענע היימשטאָט — איז הײַנט אַ גרויסע, רוסישע שטאָט. איר באַפעלקערונג איז פינף מאָל גרעסער ווי פאַר דער מלחמה. איר שטח האָט זיך אויסגעשפּרייט, ווײַט אַוועק און איז פאַרבויט מיט נײַע בנינים. נאָר קיין ייִדן זענען נישטאָ. נישטאָ. — — —

דער קאַרשנבוים אויף אונדזער הויף איז אויך נישטאָ. און קיין ייִדישע קינדער שפּילן זיך ניט מער אַרום בוים. — — —

אינהאַלט

7 די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור
13 אַברהם גאָלדפאַדען
18 שלום־עליכמס חיבת־ציון־שריפטן
24 דער פאַרכישופטער שניידער און זיין באַגלייטער
26 שלום־עליכם אין יידישן ליד
32 יצחק באַשעוויס — דער פאָלקלאָר־עלעמענט אין זיין שאַפונג
38 אליעזר שטיינבאַרג
41 די פּאָעזיע פון מאַני לייב
52 יעקב פרידמאַנס פּאָעטישע שאַפונג
65 יצחק יאַנאַסאָוויטש
81 שלום אַשס בריוו
84 פּאַפּיערניקאָווס געזאַנג צום בוים
89 איציק מאַנגער — שריפטן אין פּראָזע
93 שמואל איזבאַן
96 יהודה עלבערג
104 דער דערציילער אַברהם קאַרפּינאָוויטש
111 שמשון אַפּטערס היסטאָרישער ראָמאַן
118 יוסף רובינשטיין — „לידער פון ביים סוף"
122 דוד ספאַרד
126 נחמן ראַפּפּ — ביים פייער־טויער
130 משה וואַלדמאַנס „פון אַלע ווייטן"
134 קלמן סעגאַלס לעצט בוך
137 משה שקליאַרס לידער
142 תהילים־געזאַנגען
145 רחל בוימוואָלס „דריי העפטן"
149 לידער פון אַ דיכטער אין באר־שבע
153 „אין שטענדיקן צאַפּל" פון חנה שאַליט
157 שמעון קאַנץ — „כח פון אות"
161 הערץ גראָסבאַרד

166 דער מוזיקער שאָול בערעזאָווסקי
169 געשפּילט אַ לעבן
173 משה רון — „דרכּי בממלכה השביעית״
176 דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד
185 אָשר שטשוטשינסקיס דערציילונגען
188 ל. לאַסאָווינס „אַ נאַכט אויפֿן ים־כּנרת״
192 יצחק פּינערס בוך „מײַן מאַמע״
195 שׂמחה אײַזין
205 דער גאַנג און גורל פֿון דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור
214 זשיטלאָווסקי־פּרײַז
217 אַ האַלבער יובל פֿון י.ל. פּרץ־פֿאַרלאַג

מײַן געבוירן־שטאָט ביאַליסטאָק

223 ביאַליסטאָקער ראשונים אין ארץ־ישׂראל
227 פּוילן, ביאַליסטאָק — אַפּריל 1983

פון זעלביקן מחבר

היים און דויער, וועגן שרײַבערס און ווערק.

תל־אביב, פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, 1960, 333 זז׳.

אין זכות פֿון וואָרט, עסייען און שמועסן.

תל־אביב, פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, 1969, 331 זז׳.

אין דער מחיצה פֿון שאַפֿער

תל־אביב, פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, 1978, 267 זז׳.

Abraham Lis
SHMUESN BIKTAV
Conversations in Writing

I.L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL

©

Printed in Israel, 1985

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א

נדפס בדפוס „אורלי״, תל־אביב